STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02748

DI GESHIKHTE FUN YIDISHN YISHEV IN NOKHMILHOMEDIKN

Shlomo Strauss-Marko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

☆

די געשיכטע פון יידישן ישוב אין נאָכמלחמהדיקן פוילן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון :

קרן תל־אביב לספרות ולאמנות

און קרן לעידוד מלומדים וסופרים ע״ש זלמן שזר

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

די געשיכטע פון יידישן ישוב אין נאָכמלחמהדיקן פוילן

אַרויסגעגעבן פון מחבר

תל־אביב תשמ״ז 1987

SHLOMO STRAUSS-MARKO
THE HISTORY OF THE JEWISH PEOPLE
IN POLAND AFTER THE WAR

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ
די געשיכטע פון יידישן ישוב
אין נאָכמלחמהדיקן פוילן

© by Shlomo Strauss-Marko

Printed in Israel 1987

נדפס בישראל תשמ״ז

דפוס משה חמיאל . יצחק שדה 34, ת״א . טל. 330555

דעם ליכטיקן אָנדענק פון

מיין טאַטן לייבוש

מאַמע שיינדל

שוועסטער פייגע און ביילע

ברידער ישראל, וואָלוויש און הערש

געווידמעט

הקדמה

אין צורך להציג בפני הקורא את דמותו של שלמה טראוס־מארקא, אך אינני יכול שלא להביע את התפעלותי מעבודתו השקדנית לאור פרסום ספרו החמישי. מאז עלייתו ארצה נדר נדר להנציח את זכרם של היהודים שנלחמו בנאצים בצורה זו או אחרת. הוא עצמו היה ידוע כאדם שהעדיף את המעשה על פני המדרש ואיש לא ציפה ממנו לעבודה מדעית־ספרותית. מלגות לא הועמדו לרשותו, עוזרים מדעיים לא טרחו להתרוצץ עבורו בספריות למיניהן ועל מנת להתקיים עבד ימים שלמים בספריה של אוניברסיטת תל־אביב, בה עזר להקים את מחלקת העיתונות ביידיש ובשפות סלאוויות שונות. לאחר יום עבודה מפרך פנה לשולחן הכתיבה שלו — שקד על מיסמכים — בחן מקורות — ראיין מומחים ועדי ראייה והשתדל עד כמה שאפשר לא לדבר בהכללות אלא לספר את קורותיהם של אנשים בודדים אשר רבים מהם היו מוכרים לו באופן אישי.

אינני בר סמכא בתולדות יהודי פולין וחלילה לי להביע דעה על טיב עבודתו הספרותית. זאת יעשו אחרים — בקיאים ממני. אומר רק זאת: לאחרונה ישנה התעניינות הולכת וגוברת בקרב צעירינו בתולדות השואה ובתולדות ההתנגדות היהודית לנאצים. המקורות הם דלים ורבים מאלה שהשתתפו בפועל במאבק הלכו לעולמם מבלי לספר את קורותיהם. ספריו של שלמה שטראוס יהיו מקור לכל אלה אשר יעסקו בנושא הזה — ובשמם רשאי אני להביע את תודתי ואת הערכתי.

גם לאחר שפקדה אותו מחלה קשה הוא עשה ימים כלילות בכדי לסיים את עבודתו. מכל שורה מבצבצת הזדהותו האישית של כל פרטיזן ופרטיזן, ורק לעיתים רחוקות נתקלתי באנשים שהעמידו את מצוות והגית בהם יומם ולילה בראש מאוויהם. שלמה שטראוס־מארקא הוא אחד מהם.

צבי יעבץ

ראש החוג להיסטוריה כללית באוניברסיטת תל־אביב
פרופ' להיסטוריה של רומא העתיקה

אַ וואָרט פון אויטאָר

אַלס לאַנגיאָריקער אַקטיוויסט און פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע, ביי דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן — האַלט איך פאַר מיין חוב צו ווידמען די דאָזיקע באַשיידענע אַרבעט דער קולטור־טעטיקייט פון דעם קליינעם יידישן ישוב — אירע אַקטי־וויסטן און סתם יידן, פון דעם נאָך־מלחמהדיקן פוילן.

געוויס וועט מיין אַרבעט אַרומנעמען גאָר אַ קליינעם טייל פון דעם גרויסן פאַרנעם, אויף אַלע געביטן אין לאַנד ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט יידן: אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, קולטור, באַנק־וועזן, עקאָנאָמיע, זיכערהייטס־דינסט, מיליטער, טעכניק, לאַנדווירטשאַפט און אַנדערע. איך וועל צולייגן כאָטש אַ קליין שטיינדעלע צו דעם גרויסן דענקמאָל, וואָס עס וועלן געוויס בויען היסטאָריקער, וויסנשאַפטלער און שרייבער אין די קומענדיקע דורות, פאַר דעם יידישן ישוב פון נאָך־מלחמהדיקן פוילן.

לאַנג וועט נאָך עקבערן אין מוחות פון פסיכאָלאָגן, פּאָליטיקער, שרייבער, היסטאָריקער און אַנדערע פאָרשער, ניט נאָר יידישע — ווי אַזוי עס האָט געקענט קומען צו אַזאַ זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם צו אַזאַ גרויסן טייל פון פוילישן פאָלק, הויפּטזאַכלעך מיטגלידער פון דער פּ.פּ.ר. (פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי) צו דעם קליינעם הייפל יידן, צו די שארית־הפליטה פון דעם דריי און האַלב מיליאָניקן פּוילישן יידנטום, וואָס האָבן געהאַט זייער קרוב טויזנט־יאָריקע געשיכטע, אין דעם דאָזיקן לאַנד, און זענען אַזוי אכזריותדיק, אַזוי טראַגיש אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ שנאה צו די יידן, וואָס האָבן געגעבן אַזאַ גרויסן צושטייער פון בלוט אין קאַמף מיט דעם דייטשן אַכזר, פאַר באַ־פרייען דאָס לאַנד?

יידן האָבן געקעמפט אויף אַלע פראָנטן — אויף דער יבשה, אין דער לופטן, אין אונטערגרונט, יידן האָבן געקעמפט פאַרשטעלטע אַלס אַריער, אין רייען פון שונא, ביי דיווערסיע און שפּיאָנאַזש.

מיר ווייסן פון פאַקטן ווי מוטיקע יידן האָבן געטראָגן הילף זייערע מיט־בירגער און מיטהעלפער, נישט יידן און נישט איין מאָל באַצאָלט מיט זייער יונג לעבן, פאַרפייניקטע צום טויט אין די קעלערן און קאַזעמאַטן פון דער געסטאַפּאָ.

שוין נאָך דער באַפרייונג אַ קליינעם טייל פון דעם לאַנד, זענען יידן אַריינגעקומענע פון ראַטן-פאַרבאַנד, פון די וועלדער, פון בונקערס, פון די פּאַרטיזאַנער, אינוואַלידן פון דעם פראָנט, זיך געשטעלט אין דינסט פון דער מלוכה, כדי צו העלפן צוריק אויפבויען דאָס צעשטערטע פּוילן. שוין אין לובלין האָט מען מאָביליזירט יידן צו פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן אין איינע אַזאַ געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיע, איז געווען דער פונדאַמענט פון דעם שפּעטערדיקן קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, מיט וועלכן די פּוילישע מלוכה האָט לאַנג אַזוי זיך גערימט פאַר אַלע אויסלענדישע געסט, מיט איר דעמאָ-קראַטיזאַציע, און גלייכבאַרעכטיקונגען פאַר יידן.

אין דער זעלבער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט מען אויסגעמעקט יעדן זכר פון יידישקייט, פון דער יידישער קולטור און יעדן צייכן פון די פיר-קאַנטיקע אותיות, ווען מען האָט ליקווידירט די יידישע צייטונג, דאָס יידישע טעאַטער און אויסגעקוילעט כמעט אַלע יידישע שרייבער — האָט מען אין פּוילן געהייסן שאַפן אַ יידישן ישוב און בויען אַ יידישן קולטור-צענטער... אין דער אָנפירונג האָבן זיך געשטעלט אַלטע קולטורטוער, פּאָליטיקער, שרייבער און אויך געוויינלעכע אַרבעטער. צווישן זיי זענען געווען: פּראָפעסאָר בערל מאַרק, ד"ר דוד ספאַרד, מיכאל מירסקי-טאַבאַטשניק און זיין פרוי קלאַרע, יידל קאַרמאַן, שמעון זאַכאַריאַש, הערש סמאָליאַר, לאַזעבניק, י. וואַסערשטרום, סאַלאָ פישגרונד, פעלהענדלער, חיים טשעשינסקי, א. קוואַטערקאָ, מאַרק ראַ-קאָווסקי, גרשון דואַ באָגען, בינם העלער, לייב אָליצקי, יצחק גאַרדין, יעקב זאַנשיין, ישראל אַשענדאָרף, קלמן סעגאַל, לילי בערגער, שלמה לאַסטיק, יעקב שקליאַר, שמוליק ליכטענשטיין, וואָלף וואַסנער, מאיר לעוויט, אייזיק וואָלפאָ-וויטש, מענדל טעמפּעל, אליהו רייזמאַן, ל. ברענער און נאָך אַנדערע צענדליקער און הונדערטער אַקטיוויסטן — נישט וויסנדיק, אַז גלייכצייטיק האָט שוין סטאַלין אויך אין פּוילן גענומען גרייטן אַ פאַרניכטונגס-פּלאַן דער יידישער קולטור — אין דער געהעריקער צייט — ווי אויך שאַפן אַ געטאָ פאַר יידן אין ביאַליסטאָקער געגנט...

„פאַר וואָס האָט מען טאַקע אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן פאַראָרדנט צו שאַפן אַ יידישן קולטור-צענטער" ?...

כדי צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע מוז מען אויפמישן אַ בלעטל פון דער געשיכטע פון דער פּוילישער פאָלקס-רעפּובליק מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, דאָס איז די צייט, ווען פּוילן איז געוואָרן אַ כלומרשטע „זעלבסשטענדיקע מדינה".

שוין דעמאָלט אין די גרענעצן פון דער פּוילישער מלוכה, אין וועלכער

ס'האָבן זיך צוריקגעקערט די שארית הפליטה פון דעם 3'5 מיליאָניקן יידישן ישוב האָט מען גענומען טיילן די יידן אויף צוויי גרופעס...

ווען מען וועט דאַרפן — וועט זיין אויף ווען צו וואַרפן די שולד און זיי שיקן לעזאזל... דער דעמלטיקער פּרעמיער מיניסטער אָסובקאַ מאָראַווסקי וועלכער איז אַליין געווען אַ פּ.פּ.ס. סאָוויעץ, האָט אפשר אויך געגלייבט ווי אַ סך יידישע אַקטיוויסטן, אין דער סטאַליניסטישער דעמאָקראַטיע, ווייל ווי מיר לייענען אין מאַניפעסט פון פּ.ק.וו.נ. (פּוילישער קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג) צווישן אַנדערע ווערט געזאָגט: „יידן מוז גאַראַנטירט ווערן, דאָס צוריקגעבן זיי אַלע רעכט, וואָס די דייטשן האָבן ביי זיי צוגערויבט און געבן זיי לעגאַלע און פאַקטישע פרייהייט"...

ביי דער דערעפענונג פון דער ערשטער סעסיע פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט אין לובלין דעם 15 אויגוסט 1944 איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָג־ראַם־דעקלאַראַציע אין וועלכן מיר לייענען „דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט (קראַ־יאָוואַ ראַדאַ נאַראָדאָוואַ) טאַדלט ווי אַמשאַרפסטן, דאָס אויפרייצן נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע אַנטאַגאַניזמען. אין באַפרייטן פוילן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר רציחות, רויב און ראַסן־האַס, וואָס ווערן פאַרגעזעצט נאָכן פאַרטרייבן דעם מערדערישן אָקופּאַנט, דורך זיינע אַגענטורן. אין דעמאָקראַטישן פוילן וועט זיין פרייהייט, גלייכהייט און פולע בירגעררעכט און פאַרזיכערונג פון עקאָנאָ־מישער עקזיסטענץ פאַר אַלע אָן אויסנאַם בירגער"...

אויף דער צווייטער סעסיע פון ראַט, דעם 11 סעפּטעמבער 1944 איז אין דער עקספּאָזע פון פאָרזיצער פון פּוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפ־רייונג, פאָרמולירט געוואָרן די טשעלונג פון דער רעגירונג לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אויפן פאָלגנדיקן אופן: „דער ביים לעבן געבליבענער יידישער באַפעלקערונג, ווערט גאַראַנטירט די פולע גלייכבאַרעכטיקונג. די עוולות, וועלכע דער אָקופּאַנט האָט געטון דער באַפעלקערונג, דאָס פולשטענדיקע באַרויבן זיי פון האָב און גוטס, וועט אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן פאַריכט ווערן"...

אַזעלכע וואַרעמע דעקלאַראַציעס און מיט הייסע ווערטער האָבן גערופן פאָרשטייער פון אַלע וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען, פאַר אַ פּראָדוקטיוון יידישן ישוב אין פוילן. אַזוי צום ביישפיל איז אַרויסגעטראָטן אין וואַלבזשיך, דער פאָרזיצער פון שטאָטראַט און פאָרשטייער פון פּ.פּ.ר. — מיקולסקי, דער פאָרשטייער פון פּ.פּ.ס. — אַנטאָנאָווסקי, — צווישן אַנדערע זאָגט מיקולסקי „צו פיל האָט אויך די יידישע אַרבעטער געקאָסט די פּוילישע ערד, זיי זאָלן זי פאַרלאָזן, איר זייט דאָ צוזאַמען מיט אונדז איינגעזעסענע, תושבים פון אונדזער היימלאַנד, און דער פּוילישער אַרבעטער, פּויער און

אינטעליגענט, וועט נישט דערלאָזן, אַז איבער זייערע קעפּ זאָל די רעאַקציע קומען צו דער מאַכט״...

און יידן האָבן געגלייבט... ס׳איז אפשר געווען אַ גרונט פאַר דעם אַז ערלעכע מענטשן צו גלויבן. און די יידישע אַקטיוויסטן ?... און אַלטע רעוואָ־לוציאָנערן ?... זיי האָבן געלעבט מיט דעם טרוים פון נעכטן און נישט געזען די ווירקלעכקייט פון היינט, וואָס האָט דערפירט צו דעם טראַגישן אָנזאָג פון יאָר 1968... זיי האָבן פאַרגעסן אַז דאָס לעבן איז נישט קיין גראַדע ליניע, נאָר אַ זיג־זאַג־וועג מיט שטרויכלונגען...

דאָס הייפעלע יידן האָבן געפירט אַ גרויסע פאַרצווייגטע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן...

ס׳איז אויך ווערט אונטערצושטרייכן אַ פאַקט, אַז צו דעם יום־טוב פון „1000 יאָר פוילן״ האָבן יידישע פאַרשטייער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַר־באַנד געהאַט אַבאַראַטונג מיטן נאַציאָנאַלראַט פון קאַצק, ווו מען האָט פאַרלאַנגט אויפצושטעלן אַ דענקמאָל דעם פּולקאָווניק בערק יעסעלעוויטש, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף פאַר פוילנס באַפרייונג. מען האָט אויך אָנגעהויבן הויך ריידן וועגן יידן־העלדן וואָס האָבן געקעמפט און אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַרן פוילישן פאָטערלאַנד, דערמאָנענדיק צווישן אַנדערע דעם פינאַנץ־מיניסטער פון אויפשטאַנד אין יאָר 1863 — וואָהל, די רעוואָלוציאָנערן ברוך שולמאַן, הירש לעקערט, שמואל ענגעל, נפתלי באָטווין, וועלכן די רוסן האָבן פאַר־וואַנדלט אין אַ זון פון אַ אוקראַינישן פויער — און נאָך אַנדערע. מען האָט פאַרלאַנגט אָנצורופן גאַסן אויף זייערע נעמען.

די דאָזיקע גראַנדיעזע קולטור־אַרבעט פון די יידן אין פוילן איז אָבער געווען שוין אַ ביסל צו פיל אין די אויגן פון די סאָוויעטן. איבערהויפּט ווען דער מיניסטער פאַר קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד יעקאַטערינאַ פורצעוואַ און דער אויסערן־מיניסטער אַנדריי גראָמיקאָ האָבן אַ סך מאָל זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשידענע טענות אין אויסלאַנד מצד יידישע פאַרשטייער הלמאי אין דעם קליינעם פוילן גייט אָן אַזאַ גרויסע יידישע קולטורעלע אַרבעט, אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד לעבן איבער 4 מיליאָן יידן, וועמען עס איז פאַרבאָטן אָן ענלעכע אַרבעט און האָבן אַפילו נישט קיין יידישע צייטונג.

די טעטיקייט פון די יידן אין פוילן איז געוואָרן אַן אמתער דאָרן אין די אויגן פון מאָסקווע. אויך די פוילישע רעדלפירער — די אַנטיסעמיטן פון שניט גאָמולקאַ, שלאַכטשיץ, קראַשקאָ, ווערבלאַן, וואַליכנאָווסקי, סידאָר און אַנדערע, האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן קיין שטאָלצע יידן, יידן גלייכע מיט זיי אויף יעדן געביט.

זיי אַלע, און די אויפגעקומענע פּאַרטיי חברים פון פּ.ז.פּ.ר., וואָלטן גערנער געזען די יידן פון פאַרמלחמהדיקן פוילן, איינגעבויגענע, אויסגעמוטשעטע יידישע האַרעפּאַשניקעס, אָרעמע בעל־מלאכהס, די מחנות דאָרפסגייער, מיט די זעק אויף די פּלייצעס, די וואַנדערער איבער די הייזער צו בעטן נדבות, שליחים פון נויט אָרעמקייט פון די ווייטסטע עקן לאַנד, וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע, נאָך גראָשענע פּרנסות פון האַנדל־וואַנדל פון דער לופט.

דעריבער ווען עס איז געקומען די לאָזונג פונעם „עלטסטן ברודער" — „נאַציאָנאַלע קאַדרען" האָט מען דאָס אויפגעכאַפּט ווי אַ זעלטענע מציאה און מען האָט אָנגעהויבן באַזייטיקן יידן פון פאַרנומענע הויכע פּאָסטנס, אַפילו צום שאָדן פאַר דער מלוכה, און שאָדן פאַר דעם לאַנד.

ביידע, מאָסקווע און וואַרשע, האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט ווי אַזוי דעם „דאָרן" אין פוילן צו באַזייטיקן.

אַזאַ געלעגנהייט האָט מען געפונען בעת דער „זעקס־טאָגיקער־מלחמה"...

וול. גאָמולקאָ האָט באַקומען אַ באַפעל אָנצוהייבן דעם אָנגריף, און שוין דעם 19טן יוני 1967 קלינגען די הילכערס פון פוילישן ראַדיאָ מיט זיין רעדע וועגן דער "יידישער 5טער קאָלאָנע"... און דעם 19־טן מערץ 1968 דערוויסן מיר זיך אַז דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן, מיט דער צענטראַלע אויף נאָוואָגראָדזקאָ נר׳ 5, איז די נעסט פון דיווערסיע און די קולטור־אַרבעט איז ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועגן וועלכער די „לעמע־לעך" נעבן פון אינערן־מיניסטעריום מיטן מיניסטער ראַטקעוויטש און זיינע סאָוויעטישע ראַטגעבער וועלכע האָבן אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר נישט געוווּסט.

עס וואָלט געווען זייער קאָמיש, ווען דאָס אַלץ וואָלט נישט געווען אַזוי טראַגיש... ווען מיר מאַכן אַ פאַרגלייך דעם טומל, וואָס די ענדעקעס האָבן געמאַכט פאַר דער מלחמה, וועגן „זשידאָ־קאָמונע", דעם שווינדלערישן לאָזונג פון קאַמף פון דעם פויער פאַרן יידישן סטראַגאַן, מיט באַשמוצן יעדע געזונטע, דעמאָקראַטישע דערגרייכונג, אַלס אַ יידישער אויפטו, מיט באַשולדיקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ווי אַגענטן פון באָלשעוויזם — די טענות מיט וועלכע די הערשנדיקע קליקע פון דער סאַנאַציע, האָט געוואָלט פאַרמאַסקירן זייער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלן פאַראַט, פון בונד מיט היטלער דייטשלאַנד... אַזוי זעען מיר ניט קיין חילוק מיט גאָמולקאָס דערקלערונגען ווי דעמאָלט די ענדעקעס, אַזוי האָט אויך איצט דער קליין־קעפּלדיקער וולאַדיסלאַוו גאָמולקאָ מיט זיינע מיטהעלפער, פאַרניכטנדיק דעם קולטור געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן ווי אַ באַזע פון אַ פרעמדער אַגענטור, און יידן אַלס

פינפטע קאָלאָנע — און אַגענטן פון ציוניזם — געהאַט פּאַר אַ ציל צו מאַסקירן די אַסימילאַטאָרישע פּאָליטיק פון די פירער פון קרעמל, לגבי אַנדערע פעלקער. דאָס הכנעהדיק אויספירן די באַפעלן פון מאָסקווע, צו ליק־ווידירן די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, די שולן, די קלובן, די יידישע קולטור און גלייכצייטיק ליקווידירן דעם גאַנצן יידישן ישוב...

דער אָנטייל פון יידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה 1945—1939*

לויט אָפּשאַצונגען פון געוויסע מיליטערישע קרייזן, זענען געווען אין די געוויסע אַלייִרטע אַרמייען בסך־הכל ביי 1.600.000 יידישע זעלנער און אָפיצירן, דערונטער:

600.000	— אין דער אַמעריקאַנישער אַרמיי
500.000	— אין דער סאָוויעטישער אַרמיי
70.000	— אין דער ענגלישער אַרמיי
65.000	— אין דער פראַנצויזישער אַרמיי
240.000	— אין דער פוילישער אַרמיי
6.000	— אין דעם טשעכישן קאָרפּוס א"ב פון גענ. סוואָבאָדאָ.

אַפילו פון דעם קליינעם ישוב אין פּאַלעסטינע (ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן), האָט מען אויסגעשטעלט ביי 26.000 אָפיצירן און זעלנער. צווישן די אָפיצירן זענען געווען 400 מענער און 50 פרויען, דערפון 200 דאָקטוירים; עס זענען אויך געווען 32 פּאַראַשוטיסטן, צווישן זיי די העלדיש אומגעקומענע חנה סענעש.

אַחוץ דעם זענען געווען טויזנטער יידישע פּאַרטיזאַנער — זייער צאָל קאָן איך נישט אָנגעבן, ווייל זיי זענען אָפט געווען אויף רוסישע, פּוילישע און ווייס־רוסישע נעמען**.

---

* לויט אָפּשאַצונגען פון מיליטערישע מאַטעריאַלן אין ישראל און אַמעריקע.

** זע מיינע 3 בענד „יידישע פּאַרטיזאַנער".

די ערשטע קאָנפֿערענץ *

אָפּגעבנדיק אויף אַ פֿייערלעכן אופן כבוד דעם אָנדענק פֿון זייערע אומגע־געקומענע העלדישע חברים, האָבן די אָנטיילנעמער פֿון דער קאָנפֿערענץ באַשלאָסן באַלד אָנצוהייבן אַן אינטענסיווע אַרבעט פֿון פּראָדוקטיוויזירן, איבער־שיכטן און באַשעפֿטיקן די ייִדן אויף אַרבעט, אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיוון, איינ־אָרדענען האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און באַזעצן ייִדן אויף דער לאַנדווירטשאַפֿט.

אין פּונקט 3 פֿון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע אויף דער קאָנפֿערענץ ווערט באַטאָנט:

דער צוזאַמענפֿאַר האַלט, אַז די הילף, וואָס וועט געגעבן ווערן די ייִדן מצד די ייִדישע קאָמיטעטן, דאַרף נישט טראָגן קיין פֿילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, נאָר דאַרף באַצוועקן אויסשליסלעך צו אונטערשטיצן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט און די אָנשטרענגונגען לשם פּראָדוקטיוויזאַציע.

אויפֿן געביט פֿון קולטור שטעלן זיך די קאָמיטעטן פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו שאַפֿן קלובן, ביבליאָטעקן, אַ פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, אַרויסגעבן אַ ייִדישע צייטונג, שאַפֿן אַ וואַנדערנדיק ייִדיש טעאַטער, גרינדן פֿאַר די קינדער שולן און אַלגעמיינע בילדונגס־ און פֿאַך־קורסן.

דאָס ייִדישע קינד — איז פֿאָרמולירט אין דער רעזאָלוציע — מוז געניסן פֿון אַ ספּעציעלער שוץ מצד די ייִדישע קאָמיטעטן. דער צוזאַמענפֿאָר נעמט אויף מיט פֿרייד דעם פּראָיעקט אַריבערצופֿירן אויף אונדזערע שטחים אַ געוויסע צאָל לעבנגעבליבענע ייִדישע קינדער און זאָגט צו אַרומצורינגלען זיי מיט השגחה און ליבע.

די קאָנפֿערענץ האָט אויסגעוויילט דעם ערשטן ייִדישן וואָיעוואָדישן קאָמי־טעט אין נידערשלעזיע. אין זיין באַשטאַנד זענען אַריין: יעקב עגיט אַלס פֿאָר־זיצער, משה לינקאָווסקי, אַלס סעקרעטאַר, מיטגלידער: ד״ר יעקב ראָזענבערג, שמעון באַליצקי, האַנקע לעוויך, אייזנבערג און שאַניע שיינבערג.

ביים ייִדישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע ווערן געשאַפֿן פֿאָל־גנדיקע אָפּטיילונגען: אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע, פֿאַר פּראָדוקטיוויזאַציע־

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „באַערן דעם אָנדענק פֿון די אומגעקומענע חברים״, פֿאָלקס־שטימע, 5.1.1985.

אַרבעט. סאָציאַלע שוץ פאַר קולטור און פראָפּאַגאַנדע, יוגנט־ און קינדער־שוץ, ווירטשאַפט און פינאַנסן און שפּעטער — אַ רעפּאַטריאַציע־אָפּטיילונג.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון די ערשטע יידישע פּיאָנערן אויף דער נידערשלעזישער ערד. זייער באַשלוס איז געווען אַ פעסטער. אָפּגעראַטע־ וועטע דורך דער זיגרייכער סאָוויעטישער און פוילישע אַרמייען, אָן משפחות, וועלכע זענען אומגעקומען, אָן דער איינגעוואָרצלטער אַלטער היים, האָבן זיי באַ־ שלאָסן דאָ אויפצובויען זייערע נייע היימען, שאַפן אַ נייע סביבה דווקא דאָ אויף דער ערד, וווּ זיי האָבן געדאַרפט אומקומען. דאָ האָבן זיי מיט טאַט באַלד באַוויזן זייער באַציִונג צו דער נייער סאָציאַלער אָרדענונג, צום פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן. זיי זענען פון סאַמע אָנהייב נישט בלויז פּיאָנערן פון אַ נייעם יידישן ישוב, זיי זענען גלייכצייטיק אויך די פּיאָנערן פון דער פוילישער מלוכהשקייט אויף די באַפרייטע מערב־געביטן, זיי זענען די ערשטע, וואָס שטעלן זיך מיט געווער אין האַנט אָפּצוהיטן די רו און אָרדענונג. נאָך פאַר דעם אָנקומען פון די ערשטע מלוכהשע אָפּעראַטיווע גרופּן, וועלכע עס שיקט די צייטווייליקע פוילשע רעגי־ רונג, בויען זיי אויף די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט, די שוץ־אָרדענונג, היטן אָפּ די פאַבריקן, וואַרשטאַטן, מאַגאַזינען און לאַנדווירטשאַפטן; זיי זענען די פּיאָנערן, וואָס שאַפן פּרייווויליקע בריגאַדעס אויף אַראָפּצונעמען דעם ערשטן שניט פון די פעלדער.

די קאָנפֿערענץ פֿון דעם יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין דזשערזשאָניוּוו *

דעם 17 יולי 1945 רופֿט צונויף דער ייִדישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין דזשערזשאָניוּוו אַ ספּעציעלע קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמיטעטן אין נידער־שלעזיע געווידמעט דער פֿראַגע פֿון אָרגאַניזירן ספּעציעלע ייִדישע שניטער־בריגאַדעס, כדי אַראָפּצונעמען דאָס צייטיקע ברויט פֿון די פֿעלדער.

אויף אַ גרויסן מיטינג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ווערט אָנגענומען פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„מיר, די לעבנגעבליבענע ייִדן פֿון די דייטשע לאַגערן אין נידערשלעזיע, אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון פֿון אונדזער פּיאָנערישער ראָל, וועלכע מיר דאַרפֿן שפּילן אויף דער דאָזיקער ערד, און פֿון אונדזער צוגעבונדנקייט צו דער פּוילי־שער דעמאָקראַטישער רעגירונג, דערקלערן, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן, כדי אַראָפּ־צונעמען דאָס ברויט פֿון די פֿעלדער. מיר נעמען אויף זיך די פֿליכט שוין מאָרגן אָרגאַניזירן ספּעציעלע שניטער־בריגאַדעס, וואָס וועלן גיין אין פֿעלד צו דער אַרבעט. מיר פֿאָדערן אויף אַלע אַרבעטספֿעיִקע ייִדן צו דער דאָזיקער קאַמ־פּאַניע".

הונדערטער ייִדישער אַרבעטסמענטשן, יונגעלייט און עלטערע, אָרגאַניזירט אין בריגאַדעס, האָבן אָנטיילגענומען אין דער שניט־קאַמפּאַניע אויף די פֿעל־דער. עס האָבן געאַרבעט צוזאַמען רויטאַרמייער, פּוילישע זעלנער און ייִדישע פּיאָנערן.

צוזאַמען מיט די אָפּגעראַטעוועטע ייִדן האָבן זיך אין נידערשלעזיע באַזעצט אַ גרויסער טייל ייִדישע דעמאָביליזירטע זעלנער און אָפֿיצירן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פֿאַר דער אָדרע און ניסע, די וועלכע האָבן גע־האָלפֿן באַפֿרייען די מערבֿ־געביטן, זיי וועלכע האָבן אויף זייער שווערן קאַמפּס־וועג, מאַרשירנדיק צוזאַמען אין די רייען פֿון סאָוויעטישע און פּוילישע אַרמייען אין די דורך זיי באַפֿרייטע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, נישט געטראָפֿן אין זייערע אַלטע היימען זייערע משפּחות און נאָענטע, וועלכע די היטלעריסטן

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, פֿאָלקס־שטימע.

האָבן אויסגעמאָרדעט. זיי האָבן געהערט צו די אַרמייען פון די באַפרייער, און ווערנדיק דעמאָביליזירט, האָבן זיי באַשלאָסן צוזאַמען מיט די באַפרייטע ייִדן — אָנגעשטעקט מיט זייער ווילן — צו בויען אויף דער ערד זייער ניי לעבן. זיי שליסן זיך איין אַקטיוו אין דער פּיאָנערן־אַרבעט.

ביי די פּיאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צויען די נייע היים, איז אַנט־שטאַנען דער געדאַנק צו באַזעצן אַ גרעסערע צאָל ייִדן אויף דער נידערשלי־זישער ערד.

מיט דעם דאָזיקן באַשלוס פאָרט אין יוני־חודש 1945 אַרויס אַ דעלעגאַציע צו דער ציישטווייליקער רעגירונג מיט אַ מעמאָריאַל וועגן באַזעצן ייִדן אויפן שטח פון נידערשלעזיע.

דער מעמאָריאַל אינפאָרמירט די רעגירונג, אַז אין דעם מאָמענט געפינען זיך אויפן שטח פון נידערשלעזיע 7000 אָפּגעראַטעוועטע ייִדן פון די היטלע־ריסטישע פאַרניכטונגס־ לאַגערן און אַז מיטן מאָמענט פון דייטשלאַנדס מפּלה האָבן די געוועזענע אַרעסטאַנטן איבערגענומען די וואַך איבער די פאַבריקן און אַרבעטס־אונטערנעמונגען. די אַלע פאַבריקן זענען ביז איצט אין רשות פון די דייטשן. פאַכלייט פון די דערמאָנטע אינדוסטריע־צווייגן און אין דער לאַנדווירטשאַפט וואָלטן געקאָנט פאַרנעמען די שוין פרייע ערטער, וועלכע ווערן פאַרלאָזן דורך די דייטשן. מיר גלויבן, אַז אין אַ קורצער צייט וואָלט מען גע־קאָנט באַזעצן, ביי אַ געהעריקער פּאָזיטיווער באַציִונג מצד דער מלוכה און אַד־מיניסטראַטיווער מאַכט אַן ערך פון 20 טויזנט ייִדן.

דערביי פאָרמולירט דער מעמאָריאַל די באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאַר רעאַליזירן אַזאַ אויפגאַבע. דערביי נעמט שוין אין אַכט דער מעמאָריאַל די פאַרויגעזענע רעפּאַטריאַציע פון די פוילישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אָפּגע־ראַטעוועט אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד.

צווישן אַנדערן ווערט אין מעמאָריאַל פאָרמולירט:

„איבערלאָזן די ייִדישע קאָמיטעטן דאָס רעכט צו באַשטימען די ערטער, וווּ עס דאַרפן זיך באַזעצן די ייִדישע רעפּאַטריאַנטן לויט די באַדערפענישן פון שטח, דערמעגלעכן די קאָמוניקאַציע פון די טראַנספּאָרטן, ווי אויך די ייִדן באַזאָרגן מיט לעבנס־מיטלען, מלבושים, מכשירים און אינווענטאַר"...

„דערמעגלעכן די רעפּאַטריאַנטן־ייִדן דאָס איבערנעמען די דייטשע אַר־בעטס־פּלעצער און פאַרלייכטערן זיי ביים פאַרלייגן פּראָדוציר־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון". „פאַרלייכטערן ייִדן זיך איינצוזאָרדענען אין דער לאַנדווירט־שאַפט, אויסטיילן צו דעם צוועק קאָמפּאַקטע שטחים (גאַנצע דערפער), ווי אויך דעם אַנטשפּרעכנדיקן אינווענטאַר און אַז דאָס איבערפירן די ייִדן, וועלכע

פּאַרמאָגן נישט אין אַנדערע געגנטן קיין פּראָדוקטיווע אַרבעטסמעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן מאַטעריעל און קולטורעל, איז אַ געבאָט פון גוט פאַרשטאַנענע אינטערעסן פון לאַנד".

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן האָט נאָך דעם באַקענען זיך מיט דעם מעמאָריאַל געגעבן זיין הסכמה אים פאָרצושטעלן דער צייטווייליקער רעגירונג.

די דעלעגאַציע איז דעמאָלט זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דעם דעמאָלטיקן מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, עדוואַרד אָכאַב. נאָכן אויסהערן די דעלעגאַציע און באַקענענדיק זיך מיטן מעמאָריאַל איז געקומען אַ באַשלוס:

„מיר וועלן אייך העלפן אין אַלע אייערע אַנשטרענגונגען, העלפן מיט אַלע כוחות".

באַקומענדיק די פולע אונטערשטיצונג פון די צענטראַלע און אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, זענען די ייִדישע קאָמיטעטן בראש מיט דעם וואָיעוואָדישן ייִדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע צוגעטראָטן צו אַ ברייט־פאַרצווייגטער אַרבעט מיטן ציל צו מאַכן אַלע צוגרייטונגען פאַר אויפנעמען די ייִדן, וועלכע וועלן קומען זיך באַזעצן אויף דער נידערשלעזישער ערד.

דער וואָיעוואָדישער ייִדישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע בינדט אָן אַ קאָנטאַקט מיט דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּוילישע ייִדן אין ראַטנפאַר־באַנד, וועלכער איז געווען טעטיק אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן (ז. פּ. פּ.) אין מאָסקווע.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּוילישע ייִדן האָט ברייט פּאָפּולאַריזירט צווישן די פּוילישע ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד דעם בריוו פון נידערשלעזיע, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט אויפצונעמען און איינצואָרדענען אין וווינונגען און אויף אַרבעט די ייִדן וועלכע גרייטן זיך צוריקצוקומען קיין פּוילן.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן אין ראַטנפאַרבאַנד שיקט איבער אַלס ענטפער אַ בריוו צום יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידער־שלעזיע אין וועלכן מיר לייענען צווישן אַנדערן:

„מיט גרויס פרייד האָבן מיר געלייענט אייער בריוו און מיט דער זעלביקער פרייד לייענען אים אַלע פּוילישע יידן וועלכע געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער בריוו וואַנדערט פון האַנט צו האַנט און מאַכט ציטערן אונדזערע הערצער, נישט בלויז דערפאַר וואָס דורך אים רעדן צו אונדז 7 טויזנט אָפּגע־ראַטעוועטע (יידן) ברידער, נאָר צוליב דעם מענערישן דרייסטן און שטאַרקן גייסט מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען אייער יעדעס וואָרט, דער גייסט פון

גלויבן און וויטאַליטעט פון אונדזער פאַרפייניקט פאָלק, און דעם פיבערדיקן לעבנס־כוח פון דעם נייעם ישוב״...

„אייערע ידיעות, פּלענער פון פאַרפייניקטן פאָלק, און דעם פיבער פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, זיינען זייער וויכטיק און ווערטפול. מיר זענען דאָ אַן ערך ביז 200 טויזנט יידן. די סאָוויעטישע פעלקער האָבן אונדז אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג. אין דער זעלבער צייט ווען איר זייט טאָגטעגלעך געווען אויס־געשטעלט אויף כלערליי דערנידעריקונגען, טאָרטורן און גרויליקן טויט, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אין איין ריי מיט אַלע סאָוויעטישע פעלקער צו שמידן דעם נצחון איבער די דייטשן, צו שיקן אונדזער מסירת־נפשדיקער יוגנט אויפן שלאַכטפעלד, כדי צו נעמען אָנטייל אין דעם דאָזיקן געראַנגל, וואָס האָט ענדגילטיק דעצידירט וועגן אייער פרייהייט״...

„און איצט ווען די פוילישע יידן האָבן זיך אויסגעלערנט אַ סך גוטעס און ווערטפולעס אין משך פון זייער פאַרברענגען אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן באַהערשט אַ ריי קוואַליפיצירטע פאַכן צו וועלכע די פאַרמלחמהדיקע יידישע געזעלשאַפט האָט נישט געהאַט קיין צוטריט״.

מעטאַל־אַרבעטער, טאָקער, שמידן, עלעקטראָמאָנטערן, הוטע־אַרבעטער, קוילנגרעבער, מאַשינען־בוי מעכאַניקער א״א.

טויזנטער יוגנטלעכע אונדזערע נעמען אָנטייל אין ווידעראויפבוי פון סטאַלינגראַד, קאַנאַלן, הידראָסטאַציעס, עלעקטראָסטאַציעס. די דאָזיקע מענטשן וועלן גערן קומען קיין נידערשלעזיע, מיט ענטוזיאַזם פאַרבינדן זיך מיט אייך אין געמיינזאַמען באַגייסטערטער אָנשטרענגונג״.

און ווייטער אינפאָרמירט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, אַז „צוזאַמען מיט זיי זענען גרייט צו קומען קיין נידערשלעזיע די משפחות, וועלכע האָבן זיך אין די סאָוויעטישע דערפער באַוויזן פולקאָם צו באַהערשן די לאַנדווירטשאַפט און אויך אַ טייל פון די יידישע קולטור־טוער, ליטעראַטן, וויסנשאַפטלער און קינסטלער. וועלכע דאַרפן זיך באַזעצן צווישן אייך, צווישן דער געדיכטער קאָנצענטרירטער יידישער מאַסע און דאָ אַנטוויקלען זייער שעפערישע טעטי־קייט״.

לאַנד־באַראַטונג פון די פּאַרזיצערס פון די וואַיעוואָדישע יידישע קאָמיטעטן*

דעם 18טן מערץ 1946 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַן אָרדנטלעכע לאַנד־באַראַטונג פון די פּאַרזיצערס פון די וואַיעוואָדישע יידישע קאָמיטעטן גערופן דורכן צ.ק. פון די יידן אין פּוילן. אין דער ערשטער ריי זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגן פון רעפּאַטריאַציע, פּראָדוקטיוויזאַציע, זיכערקייט, געזונטהייטס־שוץ און די פינאַנסיעלע לאַגע פון די קאָמיטעטן.

אויף דער באַראַטונג האָט זיך געפילט די ערנסטקייט פון מאָמענט. די רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד איז אין פולן גאַנג. טאָג־טעגלעך קומען אָן עשאַלאָנען. זיי ווערן צעשיקט איבערן לאַנד, באַזונדערס ווערן זיי געריכטעט אויף די מערב־געביטן, קיין נידערשלעזיע. אַלע קאָמיטעטן אין גאַנצן לאַנד שטייען אויף די פיס, באַזונדערס אַרבעטן אומדערמידלעך די קאָמיטעטן פון נידערשלעזיע, אויף זיי האָט אַ שטראָם געטאָן די כוואַליע מיט דער גאַנצער קראַפט, און נישט געקוקט אויף אַלע זייערע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען איז די לאַגע אַן ערנסטע, זייער אַן ערנסטע. די פינאַנסיעלע לאַגע פון די קאָמיטעטן איז אַ קאַטאַסטראָפאַלע, אייניקע פּאַרזיצערס האָבן דאָן געמאָלדן, אַז זיי זענען געצוווּנגען אַפילו אָפּצושטעלן זייערע טעטיקייטן, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך איצט נישט בלויז וועגן דער ערשטער וואַרעמער באַגעגעניש, אויף וועלכער עס דאַרפן זיך אָנטרעפן די צוריקגעקומענע, מען דאַרף די יידן איינאָרדענען, געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און דער עיקר שאַפן באַשעפטיקונג אין דער פאַבריק, אינעם וואַרשטאַט, אין קאָאָפּעראַטיוו, און דערויף דאַרף מען האָבן מאַטעריעלע מיטלען.

די יידן אַלס רעפּאַטריאַנטן ווערן באַהאַנדלט דורך דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט צוגלייך מיט אַלע איבעריקע, ביי דער ספּעציפישער לאַגע פון די יידן איז אָבער ווייניק. אָן דער געזעלשאַפטלעכער הילף וועט די דאָזיקע פראַגע נישט געלייזט ווערן.

---

* אַברהם קוואַטערקאַ, פּאַלקס־שטימע, 5.1.1985.

די באַראַטונג האָט דעריבער אָנגעמערקט צוויי קוואַלן פון געזעלשאַפטלע־כער הילף: 1) שאַפן בירגער־קאָמיטעטן איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס זאָלן העלפן די יידישע קאָמיטעטן דורכצופירן אַן אינערלעכע פרייוויליקע באַשטייערונג פון דער אַרבעטנדיקער פרייוויליקער זעלבסט־באַשטייערונג פון דער איינגעאָרדנטער און אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג לטובת די רעפּאַטריאַנטן און 2) ווענדן זיך מיט אַן אַפּעל צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט.

וואָס שייך דער הילף פון אויסלאַנד האָט די באַראַטונג מיט ווייטיק פעסט־געשטעלט, אַז ביז איצט איז זי געווען אַ לעכערלעך נישטיקע. ווי לאַנג־זשע וועט אָנהאַלטן אַזאַ באַציִונג? און וואָס טוט בכלל די אַמעריקאַנער יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט אין זין פון העלפן די פּוילישע יידן? זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, פעדעראַציע פון פּוילישע יידן, אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, יידישער וועלט־קאָנגרעס אאַז"וו. פאַרוואָס הערן מיר נישט זייער שטים, זייער וואָרט? וואָס זאָגט דערצו דער אַמעריקאַנער פּשוטער ייד פון אַ גאַנץ יאָר?

מ'דאַרף מיט גרויס צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז די באַראַטונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכן גראַד פון איינשטימיקייט אין אַלע באַהאַנדלטע פראַגן. ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער ווילן צו שטאַרקן די נאַציאָנאַלע איינהייט פונעם פּויליש־יידישן ישוב, אויפן פאָן פון דער שווערער לאַגע איז עס געווען די איינציקע טרייסט. דאָס איז אָבער אַ קוואַל, וואָס וועט אונדז געבן כוח אויף גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן און מניעות.

אין הסכם מיטן באַשלוס פון צ. ק. פון יידן אין פוילן זענען אויף אַלע גרענעץ־פּונקטן, וווהין עס זענען אָנגעקומען עשאַלאָנען מיט רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרשטייער פון די אָרטיקע יידישע קאָמי־טעטן בכדי צו אָבסערווירן ווי אַזוי עס גייט אַדורך דאָס אויפנעמען די צוריק־געקומענע יידן.

אָט איז איינע פון די באַשרייבונגען וועגן דאָזיקן וויכטיקן ענין, עס האַנדלט זיך איצט וועגן נידערשלעזיע:

...נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן האָט דער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע שוין אָפּגעטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט ביים אויפ־נעמען און איינאָרדענען די רעפּאַטריאַנטן.

ס'זענען צוגעגרייט געוואָרן: נאַכטלעגער־הייזער, קיכן, באָד־אַנשטאַלטן, סאַניטאַר־פּונקטן א"אַנד.

אין ריכבאַך: צוויי נאַכט־הייזער און איין הויז פאַר מוטערס מיט קינדער, צוזאַמען פאַר 300 פערזאָן, אין ביעלאַווע: צוויי נאַכטלעגער־הייזער פאַר 200

פערזאָן, אין פּיעטראָלעשיע: איין נאַכטלעגער־הויז פאַר 200 פערזאָן, וואַלב־זשיך: איין נאַכטלעגער־הויז פאַר הונדערט פערזאָן, לודוויקאָוויץ: איין נאַכט־לעגער־הויז פאַר 70 פערזאָן. דאָס גלייכן אין קלאָדזק און אין ליגניץ. אין די נאָענטסטע טעג ווערט אויך פאַרענדיקט אין וורצלאַוו דאָס איינאָרדענען אַ נאַכט־הויז פאַר 600 רעפּאַטריאַנטן, עס ווערן אויך צוגעגרייט הייזער אין יעלעניאַ גוראַ, פרידלאַנד א״אַנד.

אין יעדן רעפּאַטריאַנטן־הויז באַקומט מען דריי מאָל אין טאָג באַשפּייזונג. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ווערט געלייגט אויף די קינדער. אַן אמתע פרייד באַהערשט, ווען מען באַזוכט דאָס נאַכט־הויז פאַר רעפּאַטריאַנטן אין ביעלאַווע. עס געפינען זיך דאָרט 200 מאַן — דערונטער אַ גרעסערע צאָל קינדער.

די שטימונג ביי די צוריקגעקומענע איז אַ גוטע, יעדער וויל וואָס שנעלער אָנהויבן אַרבעטן. עס געפינען זיך פאַרשידענע פאַכלייט. עס זענען פאַראַן אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אין ראַטנפאַרבאַנד אַ גאַנצע ריי נייע פאַכן. אַ טייל רעפּאַטריאַנטן ווערן שוין באַשעפטיקט, און אַ טייל וועלן אין קורצן באַ־שעפטיקט ווערן. עס ווערן צוגעגרייט פּריוואַטע וווינונגען פאַר די, וואָס וווינען אין די אַלגעמיינע רעפּאַטריאַנטן־הייזער. אַ ריי פאַמיליעס האָבן שוין באַקומען אייגענע וווינונגען. עס איז שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פאַר באַשעפ־טיקן יידן אין פאַבריקן, אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, איינאָרדענען אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, שיקן אויף אַרבעט אין אַלגעמיינעם מלוכהשן אַדמיניסטראַציע־אַפּאַ־ראַט, קאָמונאַלע אינסטיטוציעס און שאַפן אינדיווידועלע וואַרשטאַטן.

נידערשלעזיע איז אויפנאַמפעיק און האָט איצט די מעגלעכקייט צו באַשעפ־טיקן און איינאָרדענען עטלעכע צענדליק טויזנט יידן צוליב דעם וואָס עס ווערן פון דאָרט אַרויסגעשיקט די דייטשן, אָבער צוליב דעם זענען וויניק די גוטע אָביעקטיווע באַדינגונגען פון נידערשלעזיע, עס איז פאַרשטענדלעך, אַז לייזן דאָס פּראָבלעם פון איינאָרדענען די הונדערט און פופציק טויזנט יידן קאָן און וועט געלייזט ווערן נאָר דורך דער מלוכה אַלס געהעריקער גוטער אַפּאַראַט, וואָס זאָל האָבן אין זיין רשות די נויטיקע מיטלען. עס מוזן אויך מאָביליזירט ווערן אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, די גאַנצע יידישע עפנטלעכקייט מוז אַריינגעצויגן ווערן אין דער גרויסער זאַך, וואָס הייסט — אויפנעמען און איינ־אָרדענען הונדערט און זעכציק טויזנט יידן, וואָס וועלן צוריקקומען פון ראַטנ־פאַרבאַנד. די אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין פּוילן איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם ווי אַזוי מיר וועלן אויפנעמען און איינאָרדענען די צוריק־געקומענע יידן.

דער אַפּעל צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט נאָך הילף! *

די לעצטע לאַנד־באַראַטונג פון די פאַרזיצער פון די יידישע קאָמיטעטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, דעם 18טן מערץ 1946, האָט אַרויסגעלאָזט פאָלגנ־דיקן אַפּעל:

ברידער יידן פון דער גאַנצער וועלט! ברידער יידן פון אַמעריקע!

ווען בעת דער פאַרגאַנגענער וועלט־מלחמה זענען מיר אין די מיליאָנען געפאַלן פון די הענט פון די היטלעריסטישע חיות, ווען מען האָט אונדז געשלאָגן, געמאָרדעט, געברענט אין די קרעמאַטאָריעס, באַגראָבן לעבעדיקערהייט זקנים, פרויען און קינדער — האָבן מיר הויך געררופן נאָך הילף, מיר האָבן אייך אַליאַרמירט, געבעטן רעטונג. איר האָט אונדזער געשריי נישט געהערט. עס האָבן אונדז געטיילט די מלחמה־פראָנטן, און אַזוי זענען זעקס מיליאָן יידן אומ־געבראַכט געוואָרן אויף דער פּוילישער ערד. די על־פּי־נס ניצול געוואָרענע שפּליטערן פון יידישע משפּחות, וואָס זענען נאָך דער מלחמה אַרויס פון בונ־קערס, וועלדער, קעלערן און בוידעמער, די צוריקגעקומענע פון די דייטשע טויט־לאַגערן, די רומפּולע פּאַרטיזאַנער און יידישע זעלנער — זענען צוגעטראָטן ענערגיש צום ווידעראויפבוי פון זייער לעבן מיט אייגענעם אָנשטרענג, ביי דער מיטהילף פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער רעגירונג און מיט דעם נישטיק־קליינער ביז איצט דערהאַלטענער הילף פון וועלט־יידנטום — האָבן מיר באַוויזן צו באַפעסטיקן די ערשטע גרונט־שטיינער פון אונדזער מאַטעריעל און מאָראַ־לישן קיום. אונדזערע רופן, וואָס דערגרייכן איצט שוין יאָ צו אייך האָבן אַרויס־געוויזן גאָר אַ שוואַכן אָפּקלאַנג. היינט, ווען צענדליקער טויזנטער ברידער אונדזערע, וואָס האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין ראַטנפאַרבאַנד, קומען איצט צוריק אין זייערע אַלטע היימען, איז נישט נאָר, וואָס זיי געפינען נישט זייערע באַענטסטע און זוכן אומזיסט זייערע אַמאָליקע פאַמיליע־נעסטן, נאָר זיי האָבן נישט די מינדסטע מעגלעכקייט צו שטילן זייערע פּרימיטיווסטע לעבנס־באַדער־פעניש.

אונדזער לאַגע ביים היינטיקן טאָג איז אַ פאַרצווייפלטע. אונדזערע כוחות

---

* אַברהם קוואַטערקאָ, פאָלקס־שטימע, 5.1.1985.

און מיטלען קלעקן נישט אַפילו אויף צו געבן די צוריקגעקומענע די עלעמענ־טאַרסטע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. פון דער אַלגעמיין פאַרויסגעזעענדיקע צאָל פון אַן ערך 150 טויזנט רעפאַטריאַנטן האָבן ביז איצט זיך באַזעצט אין נידער־שלעזיע 10 טויזנט יידן. אין אַנדערע צענטערס — 15 טויזנט. מיט יעדן טאָג פאַרשטאַרקט זיך די רעפאַטריאַנטן־כוואַליע, לויטן מלוכה־פּלאַן וועלן ביז דער העלפט אַפּריל 1946 צוריקקומען 90 טויזנט יידן. צי וועט אין אָט דעם היסטאָ־רישן מאָמענט אונדזער שטים ווידער בלייבן אַ קול קורא במדבר? צי וועט איר אויך דאָס מאָל אונדז פאַרלאָזן? איצט טיילט דאָך אונדז נישט אָפּ קיין מלחמה־פראָנטן און אונדזער שטימע דערגרייכט דאָך שוין זיכער צו אייערע אויערן!

מיר רופן דעריבער נאָך דרינגענדיקער הילף! די ביז איצטיקע הבטחות פון אייערע שליחים וועלן נישט זאַט מאַכן די הונגעריקע קינדער פון אונדזערע רעפאַטריאַנטן, וועלן זיי נישט באַקליידן און וועלן זיי נישט געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אין נאָמען פון די, וואָס זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט בעת דער גרעסטער טראַגעדיע פון וועלט־יידנטום און אין נאָמען פון די, וואָס זענען ניצול־געוואָרן און ווילן לעבן, פאָדערן מיר:

שיקט תיכף אַ באַדייטנדיקע אונטערשטיצונג אין געלט, שפּייז און מלבושים!

זייט מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון אונדזערע און אייערע ברידער! מיר זענען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט איר אונדז יאָ דערהערן! זאָל אונדזער רוף געפינען דעם וואַרעמסטן אָפּקלאַנג און דערגרייכן צו אייערע הערצער.

דעם אַפּעל האָבן אונטערגעשריבן:

מ. ביטער (פאָרזיצער פון דער באַראַטונג), י. באַל (וואַרשע), אינזש. בוים (ראַדאָם), א. בלייוויס (טאַרנאָוו), ל. ברענער (טשענסטאָכאָוו), א. גאָלד (וראָצ־לאַוו), ד"ר שמעון דאַטנער (ביאַליסטאָק), ד"ר א. כהנא (קעלץ), י. עגיט (ריכ־באַך), חיים צעשינסקי (קאַטאָוויץ), מג"ר ראַסטאַל (קאַטאָוויץ), י. שטיינבערג (אָלשטין), א. שיפער (טאַרנאָוו).

מען דאַרף היינט זאָגן אָביעקטיוו, אַז דער רירנדיקער אַפּעל האָט געווירקט. עס האָט גענומען שטראָמען קיין פּוילן פאַר דער נויטבאַדערפטיקער יידישער באַפעלקערונג די נויטיקע הילף, וועלכע האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער אויסגעברייטערט.

די רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד *

די רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד איז פאַרגעקומען אין רעזולטאַט פון דעם אַלגעמיינעם אָפּמאַך צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פּוילן, וועלכע האָט פאַרויסגעזען דאָס צוריקקערן זיך קיין פּוילן פון אַלע פּאַליאַקן, און יידן וועלכע זענען ביז דעם 17 סעפּטעמבער 1939 געווען פּוילישע בירגער.

בשעת דער רעפּאַטריאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין פעברואַר 1946, איז אַ גרויסער טייל פון די באַן־טראַנספּאָרטן מיט יידן געפאָרן דירעקט קיין נידערשלעזיע.

די רעפּאַטריאַציע־אָפּטיילונג, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער מיט־גליד פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט י. לעשטש, מיט וועלכן עס האָט מיטגעאַרבעט דער חבר ציליע און ח׳ א. וואָלפּאָוויטש און אַנדערע, האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע גרופּן פון אַקטיוויסטן, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט די באַן־טראַנספּאָרטן, צוגעהאָלפן איינאָרדענען די אָנגעקומענע יידן אין צייטווייליקע אַלגעמיינע וווינונגס־ערטער, אָרגאַניזירט קיכן פאַר אַלגעמיינער דערנערונג, און מיט דער פאַרשטענדיקונג פון די אָרטיקע קאָמונאַלער מאַכט־אָרגאַנען אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דאָס באַזעצן די יידישע פאַמיליעס אין וווינונגען. אין אַלע ערטער זענען גלייך אויסגעוויילט געוואָרן יידישע קאָמיטעטן, ס׳זענען געווען פאַלן, ווען דער יידישער קאָמיטעט איז נאָך געשאַפן געוואָרן אין די וואַגאָנען פון טראַנספּאָרט.

קיין נידערשלעזיע זענען אָנגעקומען קנאַפּע 90 טויזנט רעפּאַטריאַנטן. דאָס איז אַן ערך פון 25 טויזנט פאַמיליעס.

דאָס אויפנעמען און באַזעצן אַזאַ צאָל יידישע פאַמיליעס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. מען האָט זיך אָנגעטראָפן אויף פיל שוועריקייטן פון פאַר־שידענעם כאַראַקטער, וועלכע מען האָט געמוזט בייקומען און גובר זיין. אָבער פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, פאַר די יידישע קאָמיטעטן אין נידער־שלעזיע איז דאָס געווען אַ גרויסער עקזאַמען, אַ שול פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט.

---

* יאַקאָב וואַסערשטרום, „די רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן אין ראַטנ־פאַרבאַנד״, פאָלקס־שטימע, 5.1.1985.

אין 28 צייטווייליקע וווין־הייזער זענען געווען קאָנצענטרירט 48 טויזנט פון די אָנגעקומענע יידן מיט זייערע פאַמיליעס, פאַר וועלכע מען האָט אָרגאַניזירט אין משך פון דער צייט אַלגעמיינע דערנערונג, אַרויסגעבנדיק אַן ערך 1 מיליאָן מיט 200.000 פרישטיקן און מיטאָגן. אַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט איז געווען דאָס באַזעצן אין צענדליקער טויזנטער וווינונגען די יידישע פאַמיליעס און אויך איינצלנע פּערזאָנען. עס זענען אויך געווען אַ סך פאַלן, ווען גלייך פון די וואַגאָנען זענען די אָנגעקומענע יידישע פאַמיליעס באַזעצט געוואָרן אין צוגעגרייטע פאַר זיי גוט־איינגעאָרדנטע וווינונגען.

דער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע פאַרגרעסערט זיך כסדר. אין חודש סעפּטעמבער 1945 זענען פאַראַן 10 אָרגאַניזירטע קאָמיטעטן מיט 7000 יידן. מיטן אָנקומען פון נייע רעפּאַטריאַנטן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, אין אַזעלכע עס וווינען שוין דאַן 31 טויזנט יידן. דעם ערשטן יולי 1946 איז שוין אין נידערשלעזיע פאַראַן אַ באַפעלקערונג, וועלכע ציילט ביי 80 טויזנט יידן.

אין אַפּריל 1946 ווערט אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אָנגענומען אַ באַשלוס איבערצוטראָגן די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן אין נידערשלעזיע אין דער הויפּטשטאָט פון דער וואָיעוואָדשאַפט — קיין וורָאָצלאַוו.

כדי צו רעגולירן די פראַגן פון איינאָרדענען די יידן אויף דעם גאַנצן געביט פון נידערשלעזיע מוז דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט האָבן זיין זיץ־אָרט אין וורָאָצלאַוו, ווו עס געפינען זיך די צענטראַלע מלוכהשע אוןווירטשאַפטלעכע אינסטאַנצן פון נידערשלעזיע. אין משך פון דער ערשטער העלפט אַפּריל האָבן זיך קיין וורָאָצלאַוו איבערגעטראָגן אַלע אָגענדן פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין אַ פּרעכטיקן בנין אויף וולאָדקאָוויצע 5, אין וועלכן עס האָט אויך געפירט זיין טעטיקייט דער יידישער קאָמיטעט פון דער שטאָט וורָאָצלאַוו.

אין באַשטאַנד פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט גייען אַריין: י. עגיט, ב. לעווי, י. וואַסערשטרום, א. צעבולאַ, ב. שאַפער, י. בלוצקי, י. לעשטש, ש. בורשטין, ש. הירשפעלד, מ. סטאַשעווסקי, י. פלאַצקער, י. ראָזענפעלד און ב. העלמאַן.

אין דער אָנפירונג פון די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן שטייען: אין ליגניץ — מ. גרינבערג, ישראל בלוט, ב. סקורניק, ש. זילבערבערג, ש. שטערן, א. בעסער.

אין וואַלבזשיך: אברהם צעבולאַ, יאַקוב פישביין, יאַקובאָוויטש, גרינפעלד.

אין דזשערזשאָניוו: י. נויכנאָוסקי, י. ריכטער, מ. לעוויט און פ. וויינער.

אין וורָאָצלאַוו: גאָלד, ל. קאַזשיצקי.

אין זשאַרי: קיילער, וואַלדמאַן.

אין שווידניץ: י. בלאַנק, ל. בורשטיין (שמולאָוויטש).
אין קלאָדזק: ווייצמאַן.
אין זאָמבקאָוויץ: מ. בורשטין און ווייסקאָפּ.

נאָך פיר יאָר טעטיקייט פון וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט, קומט פאָר אין אַפּריל 1949 אַ צוזאַמענפאָר פון די יידישע קאָמיטעטן און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין נידערשלעזיע.

אויף העכער צוויי הונדערט פאַרזאַמלונגען און גרויסע פאָלקס־קאָנפערענצן פון די באַזונדערע פאָוויאַטן זענען אויסגעוויילט געוואָרן 500 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער צוזאַמענפאָר קומט פאָר אין דעם נייעם בנין פון יידישן טעאַטער, וואָס איז גלייכצייטיק דאָס צענטראַלע יידישע קולטור־הויז אין נידערשלעזיע.

דער צוזאַמענפאָר, אויסהערנדיק דעם רעפּעראַט פון 4 יאָר טעטיקייט פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט און נאָך אַ ברייטער און אינטערעסאַנטער דיס־קוסיע וועגן די פּראָבלעמען פון אויפגאַבן אין דער ווייטערדיקער אַרבעט — האָט אויך אויסגעוויילט אַ נייעם באַשטאַנד פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע, אין וועמענס באַשטאַנד עס זענען אַריין די ח״ח: בערטיש, באַבראָווא, באַרושעק, קשענסקי, ברום, קשיוויצקאַ, ד״ר כיל עסענפעלד, י. עגיט, פישביין, פישער, ש. פלייס, גרון, בובינזאָן, מ. גרינבערג, גרונטמאַן, הירשפעלד, ד״ר האַלפּערן, הימעלפאַרב, אינטראַטאָר, קליין, ב. לעוו, ד״ר נאַרקין, י. פלאַץ, פינטשוק, ריכטער, י. סלוצקי, מג״ר סלוצקאַ־קעסטין, פּ. סאלאזש, שאַפּיר, מ. שאַפּראַנעק, שטיינבערג, שולזינגער, טורקאָוו, הרב טרייסטמאַן, וואָלפאָוויטש, וואַסערשטרום.

די טעטיקייט פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע האָט זיך באַזירט אויף דער אָנפירונג און הילף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, די אָנפירנדיקע טוער פון צענטראַל־קאָמיטעט, די חברים: ש. זאַכאַריאַש, י. לאַ־זעבניק, מ. ביטער, מ. מירסקי, ב. מאַרק, פּ. זעליצקי, אַדאָלף בערמאַן און דער לייטער פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג קאַמעראַז, וועלכע זענען אָפט גע־קומען קיין נידערשלעזיע, האָבן אַ סך צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון דעם אַקטיוו ביים בויען דעם ישוב אין נידערשלעזיע.

די ערשטע יידישע קאָנפערענץ אין נייעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן *

אין אַלע אַרויסטרעטונגען אין דער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין זאַל איז געקומען צום אויסדרוק די באַגייסטערונג פון די יידן פאַר דער נייער אָרדע־נונג, פאַר דער פוילישער פאָלקס־רעגירונג, וועלכע האָט אַקטיוו געהאָלפן צו די דאָזיקע דערגרייכונגען.

אויף דער קאָנפערענץ איז אויך געקומען צום אויסדרוק די סאַטיספאַקציע, וואָס דער נייער יידישער ישוב נעמט אָנטייל אין פּראָצעס פון פאַרווירטשאַפטן די באַפרייטע מערב־געביטן, וואָס זענען געווען איינע פון די באַזעס פון די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער.

אויפן צווייטן טאָג האָט די קאָנפערענץ פּראָקלאַמירט דאָס שאַפן פון דער יידישער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט אין נידערשלעזיע.

אין דעם באַשטאַנד פון דער אויסגעוויילטער פאַרוואַלטונג פון דער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט זענען אַריין: י. עגיט, י. טורקאָוו, י. וואַסערשטרום, מג״ר סלוצקאַ — קעסטין, מג״ר בידערמאַן, מענדעלסאָן, מג״ר ראָזענפעלד, ד״ר קרויזלער, ד״ר ווייס, י. גאָלדבערג, ד״ר אייכנער, ב. שאַפער, כ. הימעל־פאַרב, כמעלניצקי, ש. זאַק, שי. קאַנץ, נ. ראַפּפּ, טענצער, י. שטיינבערג און ד״ר פלאַצקער.

אין דער רעווידיר־קאָמיסיע: סלוצקי, ציבולסקי, סטאַשעווסקי, ברום, לעשטש און צעבולאַ.

אין חברים־געריכט: ד״ר כיל, סאַלאַזש, ביעלעצקי, בורשטין און מג״ר נאַגלער.

די יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ ספּעציעלן רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע.

נאָך עטלעכע חדשים פון איר עקזיסטענץ ווערט די קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין קולטור־לעבן פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

---

* פאָלקס־שטימע 26.1.85.

ווי עס גיט איבער יאַקוב וואַסערשטרום, שוין אין יוני 1947 עקזיסטירן 36 אָפּטיילונגען פון דער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט מיט אַ צאָל פון 4.014 מיטגלידער, וועלכע פאַרגרעסערט זיך סיסטעמאַטיש, דערגרייכנדיק סוף 1947 די צאָל פון 5.415 און אין יאָר 1948 גרייכט שוין די ציפער צו 7000 מיטגלידער.

די קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט האָט געפירט איר טעטיקייט אין 15 קולטור־הייזער און אין 36 קולטור־ווינקלען און לייען־זאַלן און 20 ביבליאָטעקן. ביי די אָפּטיילונגען האָבן עקזיסטירט 16 דראַמאַטישע קרייזן, 5 כאָרן, 7 אָרקעס־טערס, צוזאַמען מיט אַ צאָל פון קנאַפּע 400 מיטגלידער. במשך פון 2 יאָר עקזיסטענץ זענען די זעלבסטטעטיקייט־קרייזן אויפגעטראָטן אויף קנאַפּע 300 אימ־פּרעזן מיט אַ פרעקווענץ פון העכער 50 טויזנט צושויער. אין משך פון צוויי יאָר זענען פאַרגעקומען אין אַלע אָפּטיילונגען העכער 400 אַקאַדעמיעס, קנאַפּע 400 פאַרלעזונגען אויף פאַרשידענע טעמעס, העכער 300 לעקציעס פון פאָלקס־אוני־ווערסיטעט, הונדערטער פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, אימפּרעזן און ליטעראַרישע אָוונטן, אויף וועלכע עס זענען אַנוועזנדיק געווען 500 טויזנט צושויער. די קול־טור־ און קונסט־געזעלשאַפט האָט אויך איינגעאָרדנט אין אַלע אָפּטיילונגען אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, אויף וועלכע מען האָט געלערנט די יידישע און פוילישע שפּראַך, יידישע געשיכטע און אַנדערע קעגנשטאַנדן.

במשך פון צוויי יאָר זענען אין אַלע אָפּטיילונגען דערשינען 150 וואַנט־צייטונגען. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמענטרעפן פון רעפּאָרטערן פון וואַנט־צייטונגען און פּרעסע־קאָרעספּאָנדענטן מיט אויסשטעלונגען פון די וואַנט־צייטונגען, וועלכע זענען דערשינען אין די אָפּטיילונגען, קאָאָפּעראַטיוון און יידישע שולן.

די קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט פירן די קולטור־טעטיקייט אויפן געביט פון דער עקזיסטירנדיקער קולטור־אינסטיטוציע, נאָר האָט אויך אויסגעברייטערט איר אַרבעט אין די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וווּ עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

אַ גרויסע צאָל קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע זענען מיט דער צייט אויס־געוואַקסן צו גרויסע אונטערנעמונגען, וועלכע באַשעפטיקן צו עטלעכע הונדערט אַרבעטער. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן איינגעאָרדנט ביי זיך קלובן און קולטור־ווינקלען, וואָס האָט דער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שיקן דאָרט אירע לעקטאָרן און פּרעלעגענטן און אָרגאַניזירן פאַרשידענע קולטור־אימפּרעזן. די קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט האָט אויך אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן פאַר די אַרבעטער אין די קאָאָפּעראַטיוון גופא.

אַ גאַנצע ריי קאָאָפּעראַטיוון האָבן אָרגאַניזירט ביי זיך קולטור־קאָמיסיעס, וועלכע האָבן געפירט אַ ברייטע טעטיקייט, געשאַפן אייגענע דראַמקרייזן, כאָרן און אָרקעסטערס.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן האָט אַ סך צוגעהאָלפן אויס־צוברייטערן און צו באַרייכערן די יידישע קולטור־טעטיקייט אין נידערשלעזיע. עס פלעגן אָפּט קומען שרייבער, קולטור־טוער פון וואַרשע און אַנדערע שטעט און אויך פּראָגרעסיווע קולטור־טוער און קינסטלער פון אויסלאַנד. קיין נידער־שלעזיע פלעגן אָפט קומען די שרייבער: ב. מאַרק, ד. ספּאַרד, מ. מירסקי, ל. אָליצקי, ב. העלער און אַנדערע. די פּראָגרעסיווע קולטורטוער און שרייבער פון אַמעריקע פ. נאָוויק, סאַנדלער און זאַלצמאַן, י. סול, דאָרע טייטלבוים און הערשל מייער; די קולטור־טוער און שרייבער פון פראַנקרייך, ג. קעניג, ה. גראַנט, מ. שולשטיין, ב. שלעווין און אַנדערע.

די קינסטלערין אידאַ קאַמינסקאַ
און מאיר מעלמאַן

מיט גרויס ענטוזיאַזם נעמט אויף די יידישע באַפעלקערונג די קינסטלערין אידאַ קאַמינסקאַ און מאיר מעלמאַן בשעת זייער ערשטן באַזוך אין נידערשלעזיע; דעם רעזשיסער און קולטור־טוער יעקב ראָטבאַום, און אַ ריי אַנדערע. די אַלע שרייבער, קולטור־טוער און קינסטלער האָבן אָנטיילגענומען אין אַ גרויסער צאָל קולטור־אימפּרעזן און קאָנצערטן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך יידישע קאָמיטעטן.

אין פּראָצעס פון דער קולטור־בויונג פאַרנעמט אַ באַזונדער חשוב אָרט דאָס יידישע נידערשלעזישע טעאַטער. זלמן קאַלעשניקאָוו מיט עטלעכע אָפּגעראַטע־וועטע שוישפּילער טרעטן אויף מיט קאָנצערטן און מיט אַ געמישטן פּראָגראַם: „ווו נעמט מען אַ מנין?" דאָס זענען געווען די ערשטע פאָרשטעלונגען און פּרוּוון ביים אָנהויב פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע, און ווען עס האָט זיך אומגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד אַ גרעסערע צאָל יידישע אַקטיאָרן, האָט דער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע גענומען אויף זיך די ראָל פון אָרגאַניזאַטאָר פון טעאַטער. עס ווערט געשאַפן אַ ספּעציעלע טעאַטער־קאָמיסיע. דעם 8טן דעצעמבער 1946, צו דער דערעפענונג פון דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנפערענץ, קומט פאָר די ערשטע פּרעמיערע פון רעאָרגאַניזירטן יידישן טעאַטער אין נידערשלעזיע, אונטער דער אָנפירונג פון י. טורקאָוו־גרודבערג, ש. זאַק און קורלענדער, שלום־עליכם „דער בלוטיקער שפּאַס". צום טעאַטער־קאָלעקטיוו געהערן דאַן: געניע אַמזעל, שמעון אָסאָוויצקי, יצחק גרודבערג־טורקאָוו, מאַקס וואַרשאַווסקי, יוסף ווידעצקי, שעפטל זאַק, רות טאַרו־קאָוואַלסקאַ, בעטי לאַטאַוויטש, יצחק לאַטאַוויטש, קאַרל לאַטאַוויטש, חנן לעווענשטיין, נחן מייזלער, ליובאַ סטאָלאַרסקאַ, אסתר פּערלמאַן, יעקב קורלענדער, מיכאל קליין, חיהלע ראָזענטאַל, משה שווילין.

אין משך פון אַ צייט שטעלט דאָס טעאַטער 8 פּרעמיערעס. אין זיין רעפּערטואַר געפינען זיך די דראַמאַטישע שאַפונגען פון שלום־עליכם, אַברהם גאָלדפאַדען, יעקב גאָרדין, פּרץ הירשביין, דזשאָן פּריסטלעי. עס שטעלן פּיעסן איינגעלאַדענע רעזשיסערן: אידאַ קאַמינסקאַ, יעזשי וואַלדען און אַנדערע. ווען יעקב ראָטבאַום באַזעצט זיך אין נידערשלעזיע ווערט ער איינער פון די הויפּט־רעזשי־

סערן, וועלכער הויבט אויף דעם קינסטלערישן ניוואָ פון יידישן טעאַטער אין נידערשלעזיע.

אין דער ערשטער העלפט פון 1949 באַקומט דאָס נידערשלעזישע יידישע טעאַטער אין ווראָצלאַוו אַ נייע היים, אַן אויפגעבויטן אייגענעם טעאַטער־בנין אַ״נ פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

דאָס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַרן יידישן טעאַטער. די ערשטע פּרעמיערע אויף דער דערעפענונג פון נייעם טעאַטער־בנין אין ווראָצלאַוו — שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן״ — האָט אינסצעניזירט און רעזשיסירט דער גאַסט זיגמונד טורקאָוו. ביז דער צייט האָט שוין דאָס נידערשלעזישע יידישע טעאַטער הינטער זיך 14 פּרעמיערעס, אַ גרויסע צאָל פאָרשטעלונגען מיט אַ סך צענדליקער טויזנטער צושויער.

ווענדונג *

צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט, קולטור־טוער, אינטעליגענץ, צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג! *

די גרויסע אחריות פאַרן גורל און ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־וועג פון באַדייטנדיקסטן יידישן ישוב אינעם נייעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן — אין נידערשלעזיע, האָט אונדז, דעלעגאַטן פון 38 שטעט, פאָרשטייער פון פאַר־שידנסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אָן אונטערשיד פון פּאָליטישער איבער־צייגונג און פּאַרטיייִשער אָנגעהעריקייט, צונויפגעזאַמלט אויף דער ערשטער יידישער וואָיעוואָדישער קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע.

אויף די חורבות פון אַמאָל בליִענדיקן, פולבלוטיקן יידישן ישוב אין פוילן, זענען מיר, די איבערגעבליבענע פון דעם דריי מיט אַ האַלבן מיליאָניקן פוילישן יידנטום, געקומען כדי מיט דער עקשנות, וואָס באַצייכנט אונדזער פאָלקס־כאַראַקטער, ווידער אויפריכטן דאָס לעבן, וואָס האָט דורך די היטלעריסטישע רויב־באַנדעס געזאָלט אויף אייביק פאַרטיליקט ווערן. אויף די רויִנען פון די אַמאָל וואַקסנדיקער יידישער מאַסן־קולטור, וואָס איז געפלעגט און געפורעמט געוואָרן דורכן גרויסן פרץ, דורך שלום אַשן און וויסענבערגן, דורך טויזנטער און טויזנטער יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן — דיכטער און פראַזאַיִקער, אַרטיסטן און לערער, זענען מיר, די לעבנגעבליבענע, געקומען, כדי ווידער שמידן די גאָל־דענע קייט פון דער יידישער מאַסן־קולטור אויף דער פוילישער ערד.

הגם אונדזערע הערצער זענען אָבערפולט מיט ווייטיק און צער נאָך די מיליאָנען פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער, זענען מיר אַהער געקומען נישט מיט קיין איינגעהויקערטע הכנעהדיקע פּלייצעס, נאָר מיטן אומבויגזאַמען מוט פון קעמפער, וואָס האָבן אין דער גרויסער פעלקער־מלחמה קעגן די היטלער־בעסטיעס אַריינגעטראָגן זייער באַדייטנדיקן בלוט־צושטייער. דער דאָזיקער מוט

---

* ווענדונג פון דעלעגאַטן פון 38 שטעט פון דער קאָנפערענץ צו דער יידישער באַפעלקערונג.

און גלויבן האָט אונדז געגעבן כוחות, כדי אין אַ גאָר קורצער צייט אויפבויען אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם נייעם ישוב 72 יידישע שולן, פאַרשולן און האַלב־אינטערנאַטן, 32 ביבליאָטעקן, 64 דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן, אַ יידיש טעאַטער, אַ יידישן פאַרלאַג און צענדליקער אַנדערע אינסטיטוציעס.

שוין דער פאַרנעם פון די צוגרייטונגען צו דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע מאַניפעסטירט אונדזערע קולטור־שעפערישע כוחות און די ליבשאַפט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן צו דער מאָדערנער יידישער קולטור. עס זענען צו שטאַנד געקומען 106 פאַרזאַמלונגען ביים אָנטייל פון 25.000 נידערשלעזישע יידן. ס'זענען געמאַכט געוואָרן 20 עפנטלעכע דורכקוקן פון קינסטלערישער שאַפונג מיטן אָנטייל פון 22.000 יידן.

מיר, די דעלעגאַטן פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון די קולטור־טוער אין נידערשלעזיע, דערקלערן פאַר דער גאַנצער יידישער עפנטלעכקייט:

ס'וועלן אונדזערע הענט קיין מידקייט נישט וויסן ביים צוריק אויפבויען דעם גרויסן בנין פון אונדזער יידישער מאַסן־קולטור און ווייטער זי אַנטוויקלען און דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכן שעפערישן גייסט.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונדזער קולטור אַלס פאַרזעצונג און אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור פון אַלע צייטן און לענדער.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונדזער קולטור אַלס דירעקטע פאַרזעצונג פון דער יידישער פּראָגרעסיווער מאַסן־קולטור אינעם אַמאָל גרויסן יידישן ישוב אין פוילן — אין דער ערשטער ריי: פון זיינע אַרבעטנדיקע שיכטן, וועלכע האָבן שטענדיק מיט גרענעצלאָזער ליבע און טריישאַפט אַרומגערינגלט די יידישע קולטור־אַנשטאַלטן.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונדזער קולטור מיט די אָנשטרענגונגען פון אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף דער באַזע פון נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער איינהייט פון יידישן פאָלק.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען די יידישע קולטור־פּאָזיציעס ביי דער מיטהילף פון יידישן וואָיעוואָדישן און פּאָוויאַטאָווע קאָמיטעטן פון נידערשלעזיע מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן אין שפּיץ.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונדזער קולטור, שטיצנדיק זיך און פאַראייגענענדיק די גרויסע אַלמענטשלעכע גייסטווערטן און אין דער ערשטער ריי — די אוצרות פון דער דעמאָקראַטישער פּוילישער קולטור. כדי מיט דער־פאָלג און כבוד דערפילן אָט דעם גרויסן חוב וואָס מיר נעמען אויף זיך לגבי

אונדזער פאָלק און זיין קולטור, האָלטן מיר פאַר אומבאַדינגט נויטווענדיק צו פאַראייניקן אַלע יידישע שעפערישע כוחות אין איין איינהייטלעכער יידישער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט.

פאַר די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער יידישער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט האַלטן מיר: ליקווידירן די טרויעריקע ירושה, וואָס עס האָבן אונדז איבערגעלאָזט די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע — דעם אַנאַלפאַבעטיזם, דורך שאַפן אומעטום אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע און יוגנט, דערנעענטערן צו דער יידישער קולטור די שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע זענען פון איר אָפּגעריסן געוואָרן. אין אַלע וויכטיקסטע פונקטן פון אונדזער ישוב שאַפן פאָלקס־אוניווערסיטעטן צום דערלערנען אונדזער געשיכטע און ליטעראַטור.

אויפהייבנדיק דעם אַלגעמיינעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס זאָרגן פאַר דער ברייטסטער פאַך־בילדונג פון דער יוגנט און דערוואַקסענע, געבנדיק די ברייטסטע מיטהילף די אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך דירעקט מיט דער אויפגאַבע.

אַרומרינגלען מיט אַ באַזונדערער זאָרג און געטריישאַפט די יידישע שולן, העלפן דער לערערשאַפט אין זייער פאַרטיפערטן באַנעמען אַלע אונדזערע קולטור־אוצרות סיי פון דער פאַרגאַנגענהייט, סיי פון דער קעגנוואַרט.

מיטהעלפן און געבן אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג פאַר די נייע טאַלאַנטן, וואָס קומען פונעם פאָלק, סטימולירן דעם אידעיִשן און קינסטלערישן וווּקס פון יונגע דיכטער און פּראָזאַיִקער, מאָלער און סקולפּטאָרן, זינגער און מוזיק־שפּילער, דורך שאַפן ספּעציעלע פאַראייניקונגען, ליטעראַריש־קינסטלערישע קאָנסולטאַציעס און סטודיעס אונטער דער אָנפירונג פון דערפאַרענע קינסטלער.

זאָרגן פאַרן קינסטלערישן וווּקס פונעם יידישן טעאַטער און יידישן אַקטיאָר, שאַפן אַ באַזונדער וואַרעמע און איבערגעגעבענע סביבה אַרום זיי, מיטהעלפן צום דערציִען אַן אַקטיאָרישן נאָכוווּקס דורך גרינדן אַ יידישע טעאַטער־סטודיע. גלייך דערמיט דאַרף געפירט ווערן אַן אַנטשיידענער קאַמף קעגן יעדן סימן פון שונד אויף אונדזער סצענע.

צוגלייך מיט דער זאָרג פאַרן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער — ברייט אַנטוויקלען די יידישע דראַמאַטישע זעלבסטטעטיקע קונסט אין די קלובן און קולטור־ווינקלען, מיטהעלפן זיי מיט אַ געהעריקן רעפּערטואַר און רעזשיסערישע אָנווייזונגען.

צוציִען יידישע קאָמפּאָזיטאָרן און דיריגענטן צו העלפן אַנטוויקלען די יידישע כאָרן אין אַלע אונדזערע שטעט און שטעטלעך.

מיטהעלפן שאַפן אומעטום פאָלקס-ביבליאָטעקן און באַרייכערן זיי מיט ליטע־ראַטור.

אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט פאַר אויסברייטערן די פאַרלאַג־טעטיקייט און אַרויסגעבן די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער ווי אויך פון אונדזערע היינטצייטיקע יידישע דיכטער און פראָזאַיקער פון פוילן.

מיטהעלפן ביים אויסבילדן יידישע זשורנאַליסטן-כוחות און אַרויסוווייזן דעם גרעסטן אינטערעס פאַר דער שטייגערונג פונעם ניוואָ פון אונדזער פרעסע.

גרויס זענען די אויפגאַבן, וועלכע מיר, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער קולטור־ און קונסט-געזעלשאַפט שטעלן פאַר זיך. מיר גלויבן אָבער אין דעם דערפאָלג פון אונדזער זאַך, ווייל צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן זענען מיר פולבאַרעכטיקטע בירגער, וועלכע געניסן פון די ברייטסטע שטיצע מצד דער דעמאָקראַטישער פוילישער געזעלשאַפט און מלוכה.

מיר גלויבן אין דעם דערפאָלג פון אונדזער זאַך, ווייל מיר זענען באַהערשט פון דעם אַלגעמיינעם בויונגס-גייסט, וואָס האָט אַרומגענומען די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין דעם פאָלקס-דעמאָקראַטישן פוילן.

מיר נעמען זיך צו דער גרויסער אַרבעט מיט דעם באַוווסטזיין, אַז מיר וועלן געשטיצט און אונטערגעהאַלטן ווערן פון אונדזערע ברידער — די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אין דער ערשטער ריי אין ראַטנפאַרבאַנד, אַמעריקע און פאַלעסטינע. שטרעבנדיק צו זיין אַן אָרגאַנישער גליד אין דער יידישער קולטור-שעפערישער משפחה פון אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, באַגריסן מיר היינט דעם באַשלוס פון צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן זיך אָנצושליסן צו די איניציאַטאָרן אויף צונויפצורופן דעם צווייטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס.

צו אַלע, וואָס האָבן דעם ווילן זיך צו נעמען צו דער הייליקער אַרבעט צוריק אויפצובויען און ווייטער אַנטוויקלען אונדזער יידישע מאַסן-קולטור, ווענדן מיר זיך מיט אונדזער הייסן רוף:

אָן אונטערשיד פון פאַרטייִשער אָנגעהעריקייט — שטעלן זיך אַלע ווי איין מאַן אין די רייען פון דער יידישער קולטור־ און קונסט-געזעלשאַפט! אין נאָמען פון דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע.

פרעזידיום פון דער קאָנפערענץ

באַגריסונג

צום פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ פון יידישן
וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „ייוואָ"

ניו־יאָרק, דעם 28סטן נאָוועמבער 1946

זייער האַרציקע ווונטשן דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר ענינים פון דער יידישער קולטור, וועלכע לייגט דעם פונדאַמענט אונטער דער געביידע פון דער יידישער קולטור אין פּוילן, טראָץ אַלע שוועריקייטן.

„ייִוואָ" — ווײַנרײַך

באַגריסונג

פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד

מאָסקווע, דעם 6טן דעצעמבער 1946

דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד שיקט איבער זיין זייער הייסע ברידערלעכע באַגריסונג דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנ־פערענץ אין פוילן. אייער עקשנותדיקע טאָג־טעגלעכע אַרבעט ביים אויפבויען דאָס יידישע לעבן אין פוילן רופט אַרויס ביי אונדז אַן אומגעהויערע באַוווּנ־דערונג.

מיר זענען זיכער, אַז געאייניקט אין קאַמף פון אייערע כוחות מיט די פּראָ־גרעסיווע פּוילישע דעמאָקראַטישע כוחות, וועט איר באַוויַיזן איבערצוּווינדן די שוועריקייטן וועלכע שטייען פאַר אייך און אַז איר וועט שאַפן אַ שטאַרקע באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג פון אייער שעפערישער קולטור־אַרבעט.

אין נאָמען פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט

שלמה מיכאָעלס
איציק פעפער

צו דער קאָנפערענץ פון יידישע קולטור־טוער אין נידערשלעזיע בריוו פון וראָצלאַווער וואָיעוואָדע

וראָצלאַווער וואָיעוואָדע
נומער 2449/46

צום פּרעזידיום פון דער יידישער קאָנפערענץ.

לויט דעם אויפטראָג פון פּרעמיער מוז איך אָרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון וראָצלאַוו. דעריבער האָב איך פאַרדרוס, וואָס איך קאָן נישט אָנטיילנעמען אין ערשטן טאָג פון פאַרהאַנדלונגען אויף אייער קאָנפערענץ, אויף וועלכער איך וועל ערשט מאָנטיק קאָנען אָנטיילנעמען.

טייערע ברידער! אייערע אָנשטרענגונגען וועלכע האָבן פאַר אַ ציל אויפצו־הייבן העכער דעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער געזעלשאַפט, און דאָס באַלד נאָך דעם פּעריאָד פון די גרעסטע אין דער געשיכטע ליידן פון אייער פאָלק, האָט מיך זייער גערירט און איך בין פול מיט אַכטונג.

איך פאַרזיכער אייך, אַז אייער טרחה וועט שטענדיק פאַר מיר זיין אַ געביט פון מיין האַרציקער פאַראינטערעסירונג.

וואָיעוואָדאַ
/—/ מג״ר סט. פּיאַסקאָווסקי

די ערשטע יידישע שול אויף דער באַפרייטער פּוילישער טעריטאָריע*

די ערשטע יידישע שול אויף דער באַפרייטער פּוילישער טעריטאָריע איז אַנטשטאַנען אין דער שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַ רומפולע טראַדיציע אין דער געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין פּוילן — אין ביאַליסטאָק.

שוין אין מאַי 1945 אַנטשטייט אין ביאַליסטאָק אַ 3־קלאַסיקע יידישע שול. נאָך ביאַליסטאָק קומט די ריי אויף לאָדזש. אין סעפּטעמבער 1945 אַנטשטייט אין לאָדזש אַ 7־קלאַסיקע נאָרמאַלע פאָלקס־שול מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך, מיט 270 קינדער און 11 לערער. ביז 1945 האָבן יידישע שולן זיך געעפנט אין לובלין, וואַרשע (אַ פּרעבל־שול און פאָלקס־שול), כאָזשווו (אַ פאָלקס־שול און אַ האַנטווערקער־שול) טשענסטאָכאָוו, קראָקע, ריכבאָך.

אין משך פון די ערשטע חדשים פון 1946 קומען צו נייע שולן אין וראָצלאַוו, ביטאָם, וואַלבזשיך, דער רעפּאַטריאַציע־שטראָם פון טויזנטער יידישע קינדער אין משך פון די חדשים מערץ, אַפּריל און מאַי 1946 שטעלט צו די שול־אָפּטיילונג פון צ.ק. פון יידן אין פּוילן פאַר דער וויכטיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן נייע שולן אויף די ערטער, וווהין עס שטראָמט די רעפּאַטריאַציע־מאַסע, ד״ה אין נידערשלעזיע. סטיכיש זענען אין דער גאָר לעצטער צייט אַנטשטאַנען שולן אין אַ גאַנצער ריי ישובים אין נידערשלעזיע: אין ביעלאַווע (170 קינדער), קלאַדוקאַ (136 קינדער), נאָווע רודאַ (55 קינדער), זאמבקאָוויצע (100 קינדער), זשעמביצע (150 קינדער), שווידניץ (200 קינדער), סטושעגאָס (50), ליגניץ (120), יאַוואָר (51).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעפּאַטריאַציע האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די צאָל יידישע לערער מיט הויכער, אַלגעמיינער און פּעדאַגאָגישער בילדונג און גרויסן לערער־סטאַזש. לויט פּראָוויזאָרישע אויסרעכענונגען האָבן מיר היינט, יוני 1946, אויפן שטח פון פּוילן אין די יידישע שולן ביי 2 טויזנט קינדער און 140 לערער.

---

* אברהם קוואַטערקאַ, פאָלקס־שטימע, דעם 9.2.1985.

די לערער־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע דעם 10טן מאַי 1946 האָט פעסטגעשטעלט די ריכטליניעס פון אונדזער שולוועזן און האָט צוגע־גרייט דעם באָדן צו־איפצורופן אין דער קורצער צייט אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון יידישע לערער.

אַחוץ פינאַנסיעלע שוועריקייטן זענען אַ גרויסע מניעה פאַר דער עדרפאָלג־רייכער אַנטוויקלונג פונעם יידישן איינהייטלעכן פראָגראַם, דאָס פעלן פון לערן־ביכער, דער עיקר פון יידיש, העברעיִש און יידישער געשיכטע, ווי אויך פון פאַסיקע שול־לאָקאַלן און געהעריקע שול־אויסשטאַטונג.

אין דעם פרט פון שול־לאָקאַלן האָט זיך לעצטנס די לאַגע פאַרבעסערט. לאָדזש באַקומט צום נייעם שול־יאָר אַ ניי־רעמאָנטירטע, צוויי־שטאָקיקע געביידע. אויך וואַרשע האָט באַקומען אַ נייעם שול־לאָקאַל. אין נידערשלעזיע איז דאָס פראָבלעם פון שול־לאָקאַלן אַ סך לייכטער.

אויך אין דער פראַגע פון לערן־ביכער פאַר יידיש איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג. אויף אונדזערע פיל מאָליקע ווענדונגען האָט די שול־אָפטיילונג באַקומען לעצטנס פון אַמעריקע דורכן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק אַ ווערטפולע מתנה פון אַ היפשע צאָל לערן־ביכער פאַר דעם לימוד יידיש און יידישער ליטעראַטור פאַר שול־יוגנט.

עס ווערט געזאָגט דערפאַר, אַז די קינדער, וועלכע פאַרבלייבן זומער אין שטאָט, זאָלן געניסן פון די שול־קלובן, וווּ זיי וועלן 3־4 שעה אין טאָג פאַרזעצן זייערע לימודים און פאַרברענגען אין דער שול־אַטמאָספער און אויף שפּאַציר.

עס ווערן געמאַכט באַמיִונגען, אַז די פיזיש־שוואַכע קינדער זאָלן אַרויסגע־שיקט ווערן אויף זומער־קאָלאָניעס.

אויך אין די אינטערנאַטן ווערן די קינדער ביסלעכווייז באַקאַנט מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ליטעראַרישער טורנע פון יידישע דיכטער און שרייבער *

די אָפּטיילונג פאַר קולטור, שרייבער און פּראָפּאַגאַנדע ביים צ.ק. פון יידן אין פּוילן האָט אָרגאַניזירט די ערשטע בריגאַדע פון יידישע שרייבער אויף אַן אַרויספאָר אין די יידישע ישובים פון אויבער־ און נידערשלעזיע. געווען איז דאָס אין סעפּטעמבער 1946.

אין דער בריגאַדע זענען אַריין פינף דיכטער: ל. אָליצקי, י. אַשענדאָרף, ת. גראַדע, א. זאַק און ש. קאַטשערגינסקי. די דיכטער האָבן באַזוכט קראָקע, ווי אויך קאַטאָוויץ, ביטאָם און אַנדערע שטעט פון אויבערשלעזיע. אין נידער־שלעזיע האָבן די שרייבער באַזוכט די גרויסע יידישע ישובים אין ווראָצלאַוו, ריכבאַך, וואַלבזשיך א״אַנד.

פון די באַריכטן איז צו זען, אַז אומעטום זענען די פאָרשטייער פון יידישן קינסטלערישן וואָרט, אויפגענומען געוואָרן ענטוזיאַסטיש דורך דער יידישער באַפעלקערונג.

פון דער צווייטער זייט האָבן די שרייבער געהאַט די מעגלעכקייט זיך נאָענ־טער צו באַקענען מיטן וויכטיקסטן צענטער פון איבערגעבליבענעם יידישן ישוב אין פּוילן. זיי האָבן געזען אַ געזונטן פּראָדוקטיוון עלעמענט, וואָס בויט דעם דאָזיקן צענטער.

די ערשטע שטאָט, וואָס די שרייבער־בריגאַדע האָט באַזוכט איז געווען קראָקע, דאָרט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט, איינגעאָרדנט דורכן יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין איינשטיין־זאַל ביים געוועזענעם יידישן אַקאַדעמישן הויז. דער זאַל איז געווען איבערפולט. דער שרייבער יוסף וואָלף האָט געעפנט דעם אָוונט און באַגריסט די חשובע געסט, דער היסטאָריקער באַראָוויטש האָט באַגריסט די שרייבער אין נאָמען פון דער היסטאָרישער קאָמי־סיע. מג״ר מ. בלעכער, לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים יידישן קאָמיטעט האָט אין אַ רעפעראַט כאַראַקטעריזירט דעם שעפערישן וועג פון יעדן שרייבער־מיטגליד פון דער בריגאַדע. דערנאָך האָבן די שרייבער געלייענט זייערע שאַפונ־גען, וועלכע זענען אויסגעהערט געוואָרן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

אין קראָקע האָבן די שרייבער באַזוכט די קברים פון די פאַרשטאָרבענע

---

* ישראל אַשענדאָרף, אַנטיילנעמער אין דער בריגאַדע אין סעפּטעמבער 1946.

פוילישע שרייבער און אויסגעקריצט זייערע נעמען — אַלס צייכן פון פאַרערונג — אויפן דענקמאָל פון גרויסן מיצקעוויטש.

אין קינדערהיים האָבן די שרייבער ביי געדעקטע טישן פאַרבראַכט מיט די קינדער און דערציִער.

אין קאַטאָוויץ איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט אין אָרטיקן קולטור־הויז, געעפנט דעם אָוונט און באַגריסט די געסט האָט דער פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט מג״ר ראסטאל. דאַן לייענט דער דיכטער י. אַשענדאָרף אַ קורצן רעפעראַט אד״ט „די אויפגאַבן פון יידישן שרייבער״. ל. אָליצקי האָט געלייענט וועגן די איבערלעבונגען פון אַ יידישער פרוי בעת דער אָקופּאַציע. א. זאַק האָט געלייענט זיינע לידער וועגן חורבן און אומקום פון יידישן פאָלק אין פוילן, ש. קאַטשערגינסקי לייענט זיינס אַ דערציילונג אויף דער טעמע פון יידישער פּאַרטיזאַנער־העראָיק. חיים גראַדע לייענט זיינע לידער און קאַפּיטלען פון פּאָעמען און פאַרענדיקט ווי אין אַלע וויטערדיקע אָוונטן מיט דער „באַלאַדע פון יידישן לשון״.

באַזונדערס אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלן דער אָוונט פון די יידישע שרייבער אין ביעלסק, דאָרט האָבן די שרייבער אויך באַזוכט די וועבער־שול.

אין ביעלסק איז פאַר די שרייבער פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט.

דער וויטערדיקער וועג האָט געפירט קיין אָשוויענטשים, אין דער גרויסער דייטשער טויט־פאַבריק. אין ביטאם האָבן די שרייבער געהאַט אַ ליטעראַרישן אָוונט אין שטאָט־טעאַטער.

אויך אין סאָסנאָוויץ איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט אין אַ צוזאַמענטרעף מיט יוגנטלעכע אַרבעטער.

דעם טורנע איבער נידערשלעזיע האָט די בריגאַדע אָנגעהויבן מיט וראָצ־לאַוו. אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט איז דאָ פאָרגעקומען אין זאַל פון קאָמיטעט, אויף וועלכן עס איז געקומען אַ גרויסער אַרבעטער־עולם. דעם אָוונט האָט געעפנט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט י. טורקאָוו. דאַן האָט חיים גראַדע גערעדט צו די פאַרזאַמלטע. שפּעטער האָבן די דיכטער געלייענט זייערע שאַפונגען. אין ריכבאַך (דזשערזשאָניוו) זענען די שרייבער אויפגעטראָטן פאַר אַ גרויסן עולם. דעם אָוונט האָט איינגעאָרדנט דער אָרטיקער יידישער קאָמיטעט. געעפנט די פייערונג האָט דער לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים קאָמיטעט. געעפנט די פייערונג האָט דער לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים קאָמיטעט מ. לעוויט, אַן ענערגישער קולטור־טוער. די שרייבער האָבן באַזוכט די אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, די בורסע פאַר יוגנטלעכע און די גרויסע בויונג וואָס וועט אַריינגעמען אַלע אינטערנאַטן.

אין ביעלאַווע האָט דעם ליטעראַרישן אָוונט געעפנט דער לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים קאָמיטעט א. קופּער, די שרייבער האָבן באַזוכט די אָרטיקע יידישע שולע.

אין פּיעטראַלעשיע איז דער ליטעראַרישער אָוונט פאָרגעקומען אין זאַל פון דער בורסע. דאָרט האָבן די שרייבער באַזוכט דאָס קינדער־הויז א״נ פון יאַנוש קאָרטשאַק און דעם האַלב־אינטערנאַט א״נ פון י. ל. פּרץ. פּונקט ווי אומעטום האָט מען די שרייבער באַגעגנט מיט בלומען און די ווענט זענען געווען דעקאָרירט מיט באַגריסונגס־אויפשריפטן. דאָ האָבן די שרייבער באַזוכט די יידישע לאַנד־ווירטשאַפטן און געשמועסט מיט אַ סך יידישע פּויערים.

אין קוילן־ראַיאָן וואַלבזשיך זענען אויפן ליטעראַרישן אָוונט געקומען אַ סך יידישע קוילנגרעבער. אויף צומאָרגנס האָבן די שרייבער בייגעוווינט אַ פאַר־זאַמלונג פון יידישע קוילנגרעבער ווו זיי זענען איינגעלאַדן געוואָרן אין פּרעזי־דיום — די שרייבער האָבן אויך באַזוכט די קוילנגרובנס ווו זיי האָבן געזען יידישע קוילנגרעבער ביי דער אַרבעט.

די שרייבער האָבן אויך באַזוכט די פאַך־שול פון „אָרט״ און די בורסע פון דער פאַך־שול, וואָס געפינט זיך אויפן שטח פון אַ געוועזענעם דייטשן לאַגער.

דער ליטעראַרישער טורנע האָט זיך פאַרענדיקט אין נידערשלעזיע מיט אַ פייערלעכן באַנקעט אין ווראָצלאַוו. געזעגנט די שרייבער האָבן די חברים: י. עגיט, י. טורקאָוו, גאָלדבערג, שטיינבערג א״אַנד. די שרייבער האָבן געענטפערט אויף די אַרויסטרעטונגען פון די אָרטיקע חברים און זיך געטיילט מיט די איינדרוקן וועגן די פּאָזיציון פון נייעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע. חיים גראַדע האָט אין נאָמען פון די שרייבער געדאַנקט די קולטור־טוער פון ווראָצלאַוו פאַר זייער גרויסן אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט צו דער יידישער ליטעראַטור.

די טעטיקייט אויפן געביט פון קינדער־שוץ *

מיט באַזונדער אַכזריות האָבן די היטלעריסטישע באַנדיטן געמאָרדעט און פאַרברענט יידישע קינדער. פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ קליינע צאָל יידישע קינדער, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַלע גרוילן פון דער מלחמה און פאַשיסטישע אָקופּאַציע.

די יידישע קאָמיטעטן האָבן אַרומגערינגלט מיט גרויס ליבע און צערטלעכקייט די ערשטע אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פון נידערשלעזיע.

די קינדער־שוץ־אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון י. שטיינבערג און ר. פרידמאַן האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון קינדער־שוץ. שוין דעם 17 יוני 1945, צוגלייך מיטן אָנשטיין פון די יידישע קאָמיטעטן, איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער קינדער־אַנשטאַלט — דאָס קינדערהיים אין פיטראַלעשע אין וועלכן מעט האָט איינעאָרדנט די קינדער, וועלכע עס האָט אָפּגעראַטעוועט פון אומקום די רויטע אַרמיי, ווען זי האָט געהאָלפן באַפרייען לובלין. אין דזשערשאָניוו (ריכבאַך) אַנטשטייט דאָס ערשטע הויז פאַר מוטער און קינד. צוזאַמען ווערן אין אָנהייב איינגעאָרדנט אַן ערך 300 קינדער.

צוזאַמען מיט דעם רעפּאַטריאַציע־שטראָם פון די צוריקגעקומענע יידן פון ראַנפאַרבאַנד, וואַקסט כסדר די צאָל קינדער־אַנשטאַלטן אין נידערשלעזיע. אין אַפּריל 1946 עקזיסטירן שוין 2 קינדער־היימען און 19 האַלב־אינטערנאַטן מיט אַ צאָל פון 1532 קינדער, און צום ערשטן יולי זענען שוין אָרגאַניזירט 39 קינדער־אַנשטאַלטן, וועלכע נעמען אַרום 3136 קינדער. די ערשטע אויפגאַבן, וועלכע עס האָבן געהאַט די יידישע קאָמיטעטן אויף דעם געביט איז געווען דאָס פּראָבלעם פון דערנערן און באַקליידן די קינדער אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס, און גלייכצייטיק פאַנאַנדערצוּוויקלען אַ ברייטע דערציִונגס־אַרבעט. דער יידישע וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע האָט אָנגאַזשירט די געהעריקע פּעדאַגאָגישע כוחות, וועלכע האָבן געגעבן די קינדער אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע דערציִונג.

---

* „די טעטיקייט אויפן געביט פון קינדער־שוץ", פאָלקס־שטימע, 2.2.1985.

די קינדער־היימען און די האַלב־אינטערנאַטן זענען געווען אַ צווייטע היים פֿאַר די קינדער, וועלכע האָבן דאָרט געהאַט אַ וואַרעמע און פֿריילעכע אַטמאָספֿער. עס אַנטוויקלט זיך דאָרט אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע קולטור־דערציִערישע אַרבעט. עס אַנטשטייען דראַמקרייזן, כאָרן, אָרקעסטערס און באַלעטן. אין דעצעמבער 1947 עקזיסטירן אין די קינדער־אַנשטאַלטן 35 דראַמקרייזן, כאָרן און ספּאָרט־גרופּן, קלובן, ביבליאָטעקן און לייענער־זאַלן. די קינדער באַקומען אַ ברייטע און אַלזייטיקע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע טאַלאַנטן.

ביים איינאָרדענען די קינדער־אַנשטאַלטן, האָבן די קאָמיטעטן באַקומען אַ גרויסע הילף מצד די מאַכט־אָרגאַנען. זיי האָבן צוגעטיילט געהעריקע לאָקאַלן, שפּייז־פּראָדוקטן און אַנדערע דערצו נייטיקע מיטלען, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַ באַלד ביים אָנהייב פֿונעם אַנטשטיין פֿון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע זאָלן די באַמיִונגען אין דער אַרבעט מצד דעם אַקטיוו פֿון די יידישע קאָמיטעטן געקרוינט ווערן מיט דערפֿאָלג.

דאָס יידישע שול־וועזן *

אין יאַנואַר 1945 אַנשטייט די ערשטע יידישע שול אין ווראָצלאַוו. אין עטלעכע קלאַסן זענען פאַראַן 45 קינדער און 3 לערער. מיטן פאַרגרעסערן זיך פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע אַנטוויקלט די יידישע שול־אָפּטיילונג ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, אונטער דער אָנפירונג פון ב. שאַפער און מג״ר סלוצקאַ־קעסטין אַ ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן יידישע שולן אין די שטעט, ווו עס האָט זיך באַזעצט אַ גרעסערע צאָל יידישע פאַמיליעס.

אין מאַי 1946 עקזיסטירן שוין 7 שולן מיט 594 קינדער און 24 לערער. אין יוני — 15 שולן מיט 1280 קינדער און 43 לערער, און דעם 1־טן אַפּריל 1947 — 23 שולן 1663 קינדער און 129 לערער. אין שול־יאָר 1948—1949 דערגייט די צאָל קינדער, וועלכע לערנען זיך אין די יידישע שולן צו העכער 2 טויזנט מיט 143 לערער.

דער גרעסטער טייל פון די שולן ווערט געפירט מיט יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך.

די יידישע שולן אין נידערשלעזיע זענען אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים געשטאַלטיקן די פּערזענלעכקייט און די וועלט־אַנשויונג פון קינדער ביים גרייטן עס צו צום לעבן און אַרבעטן אין דער נייער ווירקלעכקייט פון לאַנד, וואָס בויט די סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

די דערציונג פון די קינדער איז געווען אַן אַלזייטיקע פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. אַ סך מאָל איז דאָס געקומען צום אויסדרוק דורך דעם קאָלעקטיוון באַטייליקן זיך פון די קינדער מיט באַשיידענע פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס.

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „דאָס יידישע שול־וועזן״, פאָלקס־שטימע, 2.2.1985.

די יוגנט *

די יוגנט־אָפּטיילונג ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט ר. כמעלניצקי, ש. ליכטענשטיין, זאַווידאָוויטש, גאָרטלער און פרידמאַן, האָט געפירט אַ ברייטע טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט אין נידערשלעזיע.

באַלד נאָך דער באַפרייונג פון דער נידערשלעזישער ערד נעמט די יוגנט אַן אַקטיוון אַנטייל ביים אָרגאַניזירן די ערשטע יידישע קאָמיטעטן, די יוגנט האָט דערזען, אַז די נייע פאָלקס־דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין פוילן גיט איר אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען און אַריינדרינגען אין דער אַרבעט אין אַלע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דעםווירטשאַפלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

מיט דעם רעפּאַטריאַציע־שטראָם קומט קיין נידערשלעזיע אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע. די יידישע יוגנט נעמט אַנטייל אין די ערשטע שניט־בריגאַדעס וועלכע נעמען אַראָפּ פון די פעלדער דאָס ערשטע ברויט אין דעם באַפרייטן פאָלקס־פוילן. די יידישע יוגנטלעכע דרינגען אַריין אין די מלוכהשע פאַבריקן. זיי צייכענען זיך אויס ביי דער אַרבעט אַלס גוטע מאַשיניסטן, שלאָסער, עלעקטריקער, וועבער און קוילנגרעבער. אַ סך יוגנטלעכע לערנען זיך אויס פאַכן אויף די קורסן און אין פאַך־שולן פון „אָרט", וועלכע אַרבעטן דערנאָך אַלס ראַדיאָטעכניקער, מעכאַניקער און אין דער לאַנד־ווירטשאַפט.

פאַר דער שטודירנדיקער און אַרבעטנדיקער יוגנט ווערן איינגעאָרדנט בורסעס, אין וועלכע עס וווינען און דערנערן זיך 500 יוגנטלעכע.

די יוגנט־אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן פירן אין די בורסעס אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור און דערציונגס־טעטיקייט צווישן דער יוגנט. די יוגנט נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל ביים אָרגאַניזירן די ערשטע קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע, באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די דרעמקייזן, כאָרן און אַנדערע זעלבסטטעטיקייטס־קרייזן, וועלכע טרעטן אויף מיט גרויס דערפאָלג אויף דער קולטור־קאָנפערענץ. אַ סך יידישע יוגנטלעכע זענען מיטגלידער אין דער ניי־געשאַפענער יידישער קולטור־געזעלשאַפט און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער קולטור־אַרבעט. די יוגנט שליסט זיך איין און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין

* יאַקוב וואַסערשטרום, „די יוגנט", פאָלקס־שטימע, 2.2.1985.

אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַקציעס, וועלכע עס פירן די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע.

אַ ברייט טעטיקייט האָט אַנטוויקלט דער ספּאָרט־רעפעראַט ביי דער יוגנט־אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון ה׳ גאָטלער. אין אַפּריל 1946 אַנשטייט אין ביעלאַווע דער ערשטער יידישער ספּאָרט־קלוב אין נידערשלעזיע. אין מאַי עקזיסטירן שוין יידישע ספּאָרט־קלובן אין 5 שטעט און אין יולי — 11 יידישע ספּאָרט־קלובן מיט 350 מיטגלידער; אין אָקטאָבער 1946 עקזיסטירן שוין 14 ספּאָרט־קלובן מיט פאַרשידענע סעקציעס, ווי פוטבאָל, גימנאַסטיק און פּינג־פּאָנג.

צומבעסטן אַנטוויקלען זיך די פוטבאָל־גרופּן. אַכט פון זיי ווערן צוגעלאָזט צו פאַרשידענע מייסטערשאַפט־מעטשן. די יידישע קאָמיטעטן באַמיִען זיך אַז די ספּאָרט־קלובן זאָלן באַקומען די געהעריקע פּאַר זיי צוגעפּאַסטע לאָקאַלן און נייטיקן ספּאָרט־אינווענטאַר, וואָס מאַכט מעגלעך זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. אין אַפּריל 1947 עקזיסטירן שוין אין נידערשלעזיע 21 יידישע ספּאָרט־קלובן מיט 62 פאַרשידענע סעקציעס.

די פוטבאָל און פּינג־פּאָנג־מאַנשאַפטן ביי די יידישע קלובן אין נידערשלעזיע פאַרמעסטן זיך אָפט מיט פאַרשידענע אַנדערע ספּאָרט־קלובן אין האָבן אַ סך מאָל דערפאָלג אין זייערע אַרויסטרעטונגען.

די הילפס־אַרבעט און דאָס געזונטהייטס־וועזן *

באַלד מיטן אַנטשטיין פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע, פירן די יידישע קאָמיטעטן אַ ברייטע הילפס־אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די סאָציאַלע שוץ־אָפּטיילונג ביים יידישן וואַיעוואָדישן קאָמיטעט אונטער דער אָנפירונג פון ה׳ סאָלאַזש אָרגאַניזירט אין די רעפּאַטריאַנטן־הייזער פאָלקס־קיכן, וועלכע גיבן אַרויס אין משך פון יאָר 1946 איבער אַ מיליאָן מיטאָגן, גיט די ערשטע הילף אין דער פאָרם פון קליידונג, פּראָדוקטן און טיילוויז געלט־אונטערשטיצונגען, אָרגאַניזירט די דערנערונג אין די זקנים־הייזער און טיילט הילף פאַר די אַלע, וואָס אָרדענען זיך איין אין וווינונגען און גרייטן זיך אַנצוהייבן אַרבעטן.

די הילפס־אַרבעט האָט די גאַנצע צייט געטראָגן אַ קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער. אויסער דער הילף פאַר קראַנקע, קינדער און אַלטע לייט האָבן אויך באַקומען הילף די אַלע, וואָס האָבן זיך געגרייט צו אַ פּראָדוקטיוון לעבן.

די ערשטע הילף־מיטלען האָבן די קאָמיטעטן באַקומען פון דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג אין פאַרשידענע פאָרמען — פּראָדוקטן, געלט און וווינונגען און לאָקאַלן פאַר איינאָרדענען יידישע אינסטיטוציעס. דערנאָך קומט די הילף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, וועלכע טיילט צו הילף אין מלבושים, פּראָדוקטן און געלט־מיטלען פון די „דזשאָינט״־פאָנדן, וועלכע ער באַזיצט.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין אָנהייב, האָט ביים אַנטשטיין פון יידישן ישוב די ערשטע מעדיצינישע הילף פאַר די קראַנקע און אויסגעפּייניקטע יידן באַפרייטע פון די לאַגערן, געגעבן די רויטע אַרמיי, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן אָרגאַניזירן די ערשטע שפּיטאָלן, געגעבן מעדיקאַמענטן און צוגעטיילט די ערשטע דאָקטוירים צום היילן די קראַנקע יידן.

אין מערץ 1946 האָט די יידישע געזעלשאַפט „טאָז״ אָרגאַניזירט אַמבולאַטאָריעס, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטן, אָנגעפירט מיט דער סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע יידן מיט 150 בעטלעך און מיט דער סאַנאַטאָריע פאַר קינדער אין „גערטשע פּוסטע״ מיט 100 בעטלעך.

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, דער יידישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע, „דאָס געזונטהייטס־וועזן״.

דער „טאָז" האָט אויך אַרגאַניזירט 16 היימען פאַר זויג־קינדער אין די שולן האַלב־אינטערנאַטן, קינדער און יוגנט־היימען. אין אַלע אָפּטיילונגען פון „טאָז" אַרבעטן ביז 100 דאָקטוירים מיט אַ באַדינונגס־פּערסאָנאַל פון 100 מענטשן. אין משך פון 4 יאָר טעטיקייט האָבן די „טאָז"־אַמבולאַטאָריעס דורכגעפירט העכער 72 טויזנט אונטערזוכונגען פון דערוואַקסענע און העכער 26 טויזנט קינדער־אונטערזוכונגען, געגעבן מעדיצינישע הילף און אויך מעדיקאַמענטן.

די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט *

אין באַשטאַנד פון יידישן וואָיעוואָדישן און פון די אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן זיך געפונען פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געפירט אַ טעטיקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין נידעשלעזיע. אין די קאָמיטעטן זענען געווען פאַרשטייער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פון „בונד", לינקע און רעכטע פּועלי־ציון, השומר הצעיר און די דעמאָקראַטישע ציוניסטן „איחוד". די אָנהענגער פון „מזרחי" האָבן געפירט זייער טעטיקייט אויפן געביט פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע.

באַלד נאָך דער באַפרייונג, ווען די אָפּגעראַטעוועטע יידן זענען אַרויס פון די לאַגערן, האָבן אַלע אַקטיוויסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די ערשטע יידישע קאָמיטעטן געהאַט איין אידעע, איין איינשטעלונג — וואָס שנעלער העלפן די יידן, זיי זאָלן צוריקקומען צום געזונט, באַזאָרגן זיי מיט וווינונגען און אַרבעט.

די ערשטע גרויסע פּאָליטישע אַקציע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע, איז געווען דער רעפערענדום. די יידישע באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע האָט צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין. גאַנצן לאַנד פאַרבונדן איר גורל מיטן היסטאָרישן געראַנגל פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, אין קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע כוחות אין לאַנד, מיטן קאַמף פון אויסוואָרצלען אויף אייביק ראַסן־האַס און פאָלקס־שנאה, און אין טאָג פון רעפערענדום האָבן די יידן מאַסנווייז זיך געשטעלט צו די אורנעס און געשטימט דריי מאָל „יאָ", אַרויסזאָגנדיק זיך פאַר דער עקזיסטענץ און דער פאַרשטאַרקונג פון דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין פּוילן.

בעת דער רעפערענדום־אַקציע טרעטן אַריין אַ סך יידישע אַרבעטער אין דער „אָרמאָ" (פּרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע מיליץ), וועלכע האָט פאַר אַן אויפגאַבע צוהעלפן די זיכערהייטס־אָרגאַנען צו שיצן דאָס לעבן און האָב און גוטס פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד.

אַזעלכע באַוואָפנטע „אָרמאָ"־גרופּן, זענען אויך געשאַפן געוואָרן ביי די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע. זיי זענען געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט", פאָלקס־שטימע, 2.2.1985.

אַלגעמיינער „אַרמאַ" און האָבן אָנטיילגענומען אין אַלע שוץ־אַקציעס אין קאַמף קעגן די פאַרשידענע רעאַקציאָנערע באַנדעס.

דער ערשטער קאָמענדאַנט פון די „אַרמאַ"־גרופן ביי די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע איז געווען דער געוועזענער אָפיצר פון דער פוילישער אַרמיי דוד קאַרפינאָוויטש און זיינע פאַרטרעטער בעטער און פינדער.

אין ערשטן יאָרטאָג פון דער עקזיסטענץ פון דער „אַרמאַ", דעם 23 פעברואַר 1947, ווערן צווישן אַנדערע פאַר ספּעציעלע אַקטיווקייט אויסגעצייכנט 20 יידישע „אַרמאָווצעס".

צווייטע גרויסע פּאָליטישע אַקציע, וועלכע עס האָבן דורכגעפירט די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע איז געווען די וואַל־קאַמפּאַניע צום ערשטן סיים פון נייעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן.

ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין ווראָצלאַוו איז געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכער יידישער וואַל־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען געווען רעפּרע־זענטירט אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס זענען געווען טעטיק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע.

די טעטיקייט אויפן געביט פון באַשעפטיקונג און איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע *

ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעמערקט, איז דאָס פּראָבלעם פון באַשעפ־טיקונג און איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל אין די אַרבעט־אויפגאַבן פון דעם ערשטן אויסגעוויילטן יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע.

די יידן, וועלכע זענען געבליבן אין נידערשלעזיע אָרדענען זיך איין אויף אַרבעט אין די טעקסטטיל־פאַבריקן, אין די קוילנגרובן און אַן אַנדערע אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען, אַ טייל יידן אַרבעט אין דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע, אין דער לאַנדווירטשאַפט און האַנדל און ביי פאַרשידענע פרייע באַרופן.

בלויז עטלעכע מאָנאַטן נאָך דער באַפרייונג, דעם ערשטן דעצעמבער 1945, אַרבעטן שוין אין פאַרשידענע אַרבעטס־אונטערנעמונגען 2.855 יידן, און ביז דעם 1טן יאַנואַר 1946 זענען שוין באַשעפטיקט ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט 5'800 יידן.

דער צופלוס פון רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אויף אַ סך געענדערט די סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע.

אַ טייל פון די רעפּאַטריאַנטן זענען אַוועקגעפאָרן אין אַנדערע שטעט פון פּוילן און האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט. אַ געוויסער טייל איז אַרויסגעפאָרן אויסער די גרענעצן פון לאַנד. אָבער דער גרעסטער טייל רעפּאַטריאַנטן איז געבליבן אין נידערשלעזיע. צווישן זיי זענען געווען פאַכלייט פון פאַרשידענע געביטן פון אַ הויכער קוואַליטעט, פיל פון זיי האָבן זייערע קענטענישן דערוואָרבן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון אומקום.

די פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אונטער דער אָנפירונג פון די חברים ביעלעץ, ב. לעווי און וואַקס און די פּראָדוק־טיוויזאַציע־אָפּטיילונגען ביי דאָרטיקע יידישע קאָמיטעטן האָבן נישט געהאַט קיין

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „די טעטיקייט אויפן געביט פון באַשעפטיקונג און איבער־שיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע", פאָלקס־שטימע, 2.2.1985.

לייכטע אויפגאַבע. די אַרבעט איז קודם־כל געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באַשעפטיקן די פּאַכלייט אין פאַרשידענע אַרבעטס־אונטערנעמונגען. אַ סך רעפּאַטריאַנטן האָבן זיך געמוזט איבערשיכטן, אויסלערנען אַנדערע פאַכן, צוגעפּאַסטע צו די אָרטיקע פּראָדוקציע־באַדערפענישן, און דאָרט ווו דאָס איז געווען האָט מען געשאַפן נייע אַרבעטס־מעגלכקייטן.

די איינשטעלונג פון יידישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע ביים רעאַליזירן די אויפגאַבע פון באַשעפטיקן און פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג איז קודם־כל געווען דאָס רעאַליזירן דעם טרוים פון אַ סך טויזנטער יידישע אַרבעטער אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן — ווערן אַרבעטער אין די וויכטיקסטע אינדוסטריע־צווייגן פון לאַנד.

אַ סך יידן אין וראָצלאַוו אָרדענען זיך איין אויף אַרבעט אין יענער צייט נאָך אָפּגעברענטער וואַגאָנען־פאַבריק אין וראָצלאַוו. צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער זענען זיי אַקטיוו ביים צוריק אויפבויען די אין חורבות צעקלאַפּטע און צעבראָכענע פאַבריק, וועלכע איז היינט איינע פון די גרעסטע וואַגאָנען־פאַבריקן אין לאַנד. אַ סך יידישע אַרבעטער און טעכניקער ווערן אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט. צווישן זיי געפינט זיך דער טעכניקער שמואל ציטראָן, בערל טרעבראַ, צווייג, פּראַשטשיק, ליטאַשעווסקי.

אין יאָר 1946 אַרבעטן העכער 5 טויזנט יידישע אַרבעטער אין פאַרשידענע אינדדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אין די וואַלבזשיכער און נאָוואָרודער קוילן־גרובנס, אין דער גלאָז־הוטע, אין דער הוטע „קאַראָל" און אין די דזשערזשאָניאָווער און ביעלאַווער טעקסטיל־פאַבריקן, אין די ראַדיאָ־פאַבריקן און אין אַנדערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

עס איז אויך אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן נייע אַרבעטס־פּלעצער פאַר אַ געוויסן טייל יידישע אַרבעטער און האַנטווערקער. אין אַ גאַנצער ריי שטעט ווערן אָרגאַניזירט אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון פון פאַרשידענע פאַכן. צו דער אַרבעט טרעט צו אַ גאַנצע ריי אַלטע גזועלשאַפטלעכע און פאַראיינס־טוער, וועלכע ווייזן אַרויס גרויס אייפער און איבערגעגעבנקייט ביים רעמאָנטירן די געהעריקע לאָקאַלן, ביים באַזאָרגן אַרבעטס־מכשירים און מאַשינען. אַ סך פון זיי באַקומען אַרויס פון אונטער חורבות האַלב־פאַרברענטע מאַשינען, וועלכע ווערן רעמאָנטירט און אַזוי־אַרום ווערט געשאַפן די ערשטע טעכנישע באַזע פאַר די ניי־אַנטשטאַנענע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון.

אין וראָצלאַוו ווערט אונטער דער אָנפירונג פון די חברים יידל פלאַץ, געצל שוואַרצבערג, מאַרמאָר און אַנדערע געשאַפן דער שניידער־קאָאָפּעראַטיוו „זגאָדאַ", וועלכער ווערט איינגיכן אַ גרויסע אונטערנעמונג, אין וועלכער עס

אַרבעטן עטלעכע הונדערט יידישע אַרבעטער, די חברים מ. שאַפּראַנעק און שולזינגער זענען די ערשטע בויער פון דעם גרויסן לעדער-קאָאָפּעראַטיוו אין וראָצלאַוו אויפן נאָמען פון אַלגין, וועלכער הייבט אָן זיין טעטיקייט מיט 10 אַרבעטער און ווערט דערנאָך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, וואָס פּראָדוצירט פאַרשידענע לעדער-אַרטיקלען און באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט אַרבעטער.

דער שוסטער-אַרבעטער הערש קאַראַשיק איז דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון לעדער-קאָאָפּעראַטיוו אין דזשערזשאָניוו, די ערשטע אַרבעטס-מכשירים פאַרן קאָאָפּעראַטיוו — עטלעכע העמערלעך און אַלטע שוסטער-בענקלעך האָט ער געבראַכט פון דער אייגענער היים. שפּעטער, צוזאַמען מיטן חבר פאַריזער, בויען זיי פאַנאַנדער דעם קאָאָפּעראַטיוו וואָס ווערט איינע פון די שענסטע אונטערנעמונגען אין דעם ראַיאָן.

די חברים זאַנגער און אַנדערע זענען די איניציאַטאָרן פון אַ גרויסן שניידער-קאָאָפּעראַטיוו אין דזשערזשאָניוו.

אונטער דער אָנפירונג פון אַלטן אַרבעטער-טוער אַ. בראַמבערג בויען אויף אַ גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג די בערשטער-אַרבעטער פון מעזריטש. עס ווערן געשאַפן אַרבעטס-קאָאָפּעראַטיוון כמעט אין אַלע יידישע ישובים פון נידערשלעזיע.

די געשאַפענע קאָאָפּעראַטיוון פאַר באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער און האַנטווערקער זענען אין יענער צייט געווען די ערשטע פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון; די יידישע אַרבעטער זענען געווען די פּיאָנערן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין נידערשלעזיע.

פאַנאַנדערבויענדיק די פּראָדוקציע פון אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, האָבן די קאָאָפּעראַטיוון דערפילט אַ גרויסע און וויכטיקע ראָל איןווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער וואָיעוואָדעשאַפט. די באַפעלקערונג איז באַזאָרגט געוואָרן מיט גוטע און ביליקע אַרטיקלען, קליידונג, שיך, מעבל און פאַרשידענע אַנדערע אויסאַרבעטונגען.

דער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט און די אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן אויך אין זייער טעטיקייט צוגעהאָלפן אַ סך יידישע האַנטווערקער און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס איינצואָרדענען אינדיווידועלע אַרבעטס-וואַרשטאַטן, אַ דאַנק דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף פון די יידישע קאָמיטעטן זענען אין נידערשלעזיע אַנטשטאַנען קנאַפּע טויזנט אינדיווידועלע אַרבעטס-וואַרשטאַטן.

יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט *

אַ טייל פון די באַפרייטע יידן אין נידערשלעזיע האָבן זיך אויך באַזעצט אין דאָרף און זיך איינגעאָרדנט אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. די יידישע לאַנדווירטן האָבן געהערט צו די ערשטע, וואָס זענען נישט געגאַנגען אויף אַ לייכטן וועג, וואָס איז דאַן אין אַ געוויסער מאָס מעגלעך געווען, ווייל דאָס איז געווען אַ צייט פון טרויעריק־באַקאַנטן „שאַבער". זיי האָבן זיך באַזעצט אין דאָרף צו נישט קיין לייכטער אַרבעט. יידישע פאַמיליעס באַקומען צוגעטיילט ערד מיט אינוועטאַר און די געהעריקע הילף פאַר איינאָרדענען גוטע ווירטשאַפטן.

אין אָקטאָבער 1945, אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע לאַנדווירט־שאַפטן און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין נידערשלעזיע, זענען געווען אַנוועזנד 97 יידישע פויערים, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 32 ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן באַאַרבעט 650 העקטאַר ערד. נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע זענען בלויז אין דזשערזשאָניאָווער קרייזן פאַראַן 36 ווירטשאַפטן וועלכע באַאַרבעטן העכער טויזנט העקטאַר ערד.

אין יאָר 1947 זענען באַשעפטיקט 264 משפחות אין 182 לאַנדווירטשאַפטן, וועלכע באַאַרבעטן העכער 2 טויזנט העקטאַר ערד.

די הילף פון דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג ביים פּראָדוקטיוויזירן און איינאָרדענען יידישע אַרבעטער אויף אַרבעט אין נידערשלעזיע איז געווען אַ באַדייטנדיקע.

דער מיניסטאָרן־ראַט באַשטימט אַ ספּעציעלן רעגירונגס־קאָמיסאַר פאַר ענינים פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. די אויפגאַבע פון קאָמיסאַר און זיינע אינספּעקטאָרן אין די פאַרשידענע ערטער איז געווען דאָס אָרגאַניזירן די צוזאַמענאַרבעט מיט די געהעריקע רעגירונגס־רעסאָרטן אין דער הינזיכט, אַרויסצוגעבן געהעריקע פאַראָרדענונגען וועגן באַשעפטיקן די יידישע באַפעלקערונג אין די מלוכהשע אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין אַנדערע אַראַבעטס־סעקטאָרן, און אויך צוהעלפן ביים אָרגאַניזירן דאָס געהעריקע באַזעצן די אָנגעקומענע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, צוהעלפן אין דער אַלזייטיקער קולטור־ און דערציונגס־אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן.

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט", פאָלקס־שטימע, 12.1.1985.

דער אינספעקטאָראַט אין נידערשלעזיע*

דער אינספעקטאָראַט אין נידערשלעזיע, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער ח׳ גרעסאַן, האָט אַ סך צוגעהאָלפן ביים רעאַליזירן די אויפגאַבן, וועלכע עס האָט זיך געשטעלט דער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע. מיט דער הילף פון די אַרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָט מען באַשעפטיקט יידישע־אַרבעטער אין פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגן, געשאַפן די אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון און איינגעאָרדנט יידישע פאַמיליעס אין דער לאַנדווירטשאַפט. מיט זייער הילף האָבן די יידישע אַרבעטער איבערגענומען אַ מיל־מאַשינען־פאַבריק אין וראָצלאַוו וועלכע איז אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט צוריק אויפגעבויט געוואָרן פון די חורבות, אַ הוט־פאַבריק אין ליגניץ, אַ וואַטע־פאַבריק אין ביעלאַווע, אַ טעקסטיל־פאַבריק אין זבראַיאַוויעץ און אַ טאָרטיק־פאַבריק אין סטשעגאַס.

די אויפגאַבע פון פּראָדוקטיוויזירן און איבערשיכטן די יידישע באַפעל־קערונג אין נידערשלעזיע איז נישט געווען קיין לייכטע. עס זענען געווען שוועריקייטן פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, וועלכע מען האָט געמוזט גובר זיין.

קעגן דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטישער אָרדענונג זענען דאַן אַרויסגעטראָטן פאַרשידענע באַנדעס, וועלכע האָבן געמאָרדעט יידן און פּעפּעראָווצעס. דער קעלצער פּאָגראָם און אַנדערע אַנטי־יידישע עקסצעסן האָבן אַרויסגערופן אַ געוויסע פּאַניק ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אַ טייל יידן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אָבער די מערהייט פון די נידערשלעזישע יידן האָבן פולשטענדיק צוטרוי צו דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג, וועלכע פירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן די באַנדעס און פּאָגראָמשטשיקעס; זיי בלייבן אין זייערע וווינונגען און אויף די אַרבעטס־פּלעצער. זיי בלייבן טריי דער צוואה פון די אומגעקומענע יידישע קעמפער, וועלכע האָבן געגעבן זייער בלוט־צושטייער ביים אויסקעמפן די נייע פאָלקס־דעמאָקראַטישע אָרדענונג.

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „דער אינספעקטאָראַט אין נידערשלעזיע״, פאָלקס־שטימע, 12.1.1975.

צוויי־יאָריקן לעבן פון דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע*

דעם 22טן יוני האָט דער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע געפייערט זיין צוויי־יאָריקן יובילײ. אין דזשערזשאָניוו (ריכבאַך), אין דעם וויגעלע פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע, האָט דעמאָנסטרירט 15 טויזנט אַרבעטס־פעיקע און לעבנסלוסטיקע יידן, יוגנט און קינדער, יידישע קוילן־גרעבער און טעקסטיל־אַרבעטער, יידישע אַרבעטער פון די קאָאָפּעראַטיוון, יידישע לאַנדווירטן און קולטור־טוער.

17 טויזנט יידן זענען דאָן באַשעפטיקט ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַ סך טויזנטער אַרבעטן אין די מלוכה־פאַבריקן, אין 100 קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטן טויזנטער יידישע אַרבעטער; הונדערטער פאַמיליעס אַרבעטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט און קנאַפּע טויזנט אינדיווידועלע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, וועלכע פּראָדוצירן אַרטיקלען נייטיקע פאַרן מאַרק.

עס זענען פאַרשוווּנדן די נישט באַקוועמע און קליינע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט אַ סך יידישע אַרבעטער אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע פאַכן — שניידעריי — האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר אַ נייעם פּראָדוקטיוון יידישן אַרבעטער, וואָס איז באַשעפטיקט אין דער גרויס־אינדוסטריע. די יידישע אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין אַלע מלוכהשע אינדוסטריע־צווייגן, האָבן מיט זייער אַרבעט, איבערגעגעבנקייט און דיסציפּלין אַרויסגערופן גרויס אַכטונג ביי די פּוילישע חברים־מיטאַרבעטער. די געזונטע סאָציאַלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע באַווייזן פאָלגנדיקע ציפערן:

פון די 17 טויזנט אַרבעטנדיקע יידן זענען 24 פּראָצענט באַשעפטיקט אין פאַרשידענע פאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, 23 פּראָצענט — אין די אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, 3.5 פּראָצענט — אין דער לאַנדווירטשאַפט, 6.5 פּראָצענט — אין האַנדל; די איבעריקע אין דער מלוכהשער אַדמיניסטראַציע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס אין שול־וועזן

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „צוויי־יאָריקן יובילײ פון דעם יידישן ישוב אין נידער־שלעזיע", פאָלקס־שטימע, 12.1.1985.

און געזונטהייטס־וועזן און אין אינדיווידועלע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן.

אַ גאַר וויכטיקע טעטיקייט האָט געפירט די אָפּטיילונג פון דער ווירטשאַפט־צענטראַלע „סאָלידאַרנאָשטש" אין ווראַצלאַוו, וועלכע איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים אָרגאַניזירן און ביים אַנטוויקלען אַ ברייטע פּראָדוקציע פון די ניי־געשאַפענע יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע.

די ערשטע בויער פון דער אינסטיטוציע זענען געווען די חברים ב. מאַשקאָוויטש און מ. זאַיאָנץ. שפּעטער — די חברים גרינבערג, וואַקס, קאַזשיצקי און אַנדערע.

די ווירטשאַפט־צענטראַלע אין ווראַצלאַוו הייבט אָן איר טעטיקייט אין אַ קליין צימערל ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין ווראַצלאַוו און אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט זי איר זיך־אַרט אין אַ גרויסן אוסרעמאָנטירטן בנין פאַר סחורה־לאַגערן, מאַטעריאַלן און פאַרטיקע פּראָדוקציע.

די ווירטשאַפט־צענטראַלע איז אין קאָנטאַקט מיט אַלע נידערשלעזישע קאָאָפּעראַטיוון, באַשטעלט ביי זיי פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען, באַזאָרגט זיי מיט רוישטאָפן און נעמט אָפּ ביי זיי צום פאַרקויפן די פאַרטיקע פּראָדוקציע.

דער אומזאַץ פון דער ווירטשאַפט־צענטראַלע וואַקסט כסדר. אין אַפּריל 1946 — 2.5 מיליאָן זלאָטעס, אין יולי — שוין 6 מיליאָן און אין נאָוועמבער — 8.5 מיליאָן זל׳.

אין חודש אַפּריל 1947 באַטרעפט שוין דער חודש־אומזאַץ 27 מיליאָן זל׳. דאָס איז 10 מאָל מער ווי אין יאָר 1946.

פון אַפּריל ביז סעפּטעמבער 1947 באַטרעפט דער אומזאַץ 147 מיליאָן זל׳.

די אָפּטיילונג פון דער ווירטשאַפט־צענטראַלע אין נידערשלעזיע אַנטוויקלט זיך כסדר. זי אָרגאַניזירט אייגענע פאַרקויף־שטעלעס, עפנט אין ווראַצלאַוו דאָס ערשטע גרויסע סחורה־הויז און שטעלט צו די מלוכהשע האַנדלס־צענטראַלעס אין נידערשלעזיע יעדן חודש פאַר 50 מיליאָן זל׳ פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען.

דער וואַיעוואָדישער יידישער וואַל־קאָמיטעט *

דער וואַיעוואָדישער יידישער וואַל־קאָמיטעט האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט און אינסטרואירט אַלע אָרטיקע וואַל־קאָמיטעטן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין די שטעט, ווו עס האָט געוווינט אַ יידישע באַפעלקערונג. די יידישע וואַל־קאָמיטעטן האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך הונדערטער יידישע אַגיטאַטאָרן האָבן מיט ברען און אייפער געפירט די וואַל־אַרבעט. אין יעדער שטאָט און שטעטל איז געפירט געוואָרן אַן אינדיווידועלע אַגיטאַציע אין די וווינונגען און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל שכנים־פאַרזאַמלונגען. אין פאַרלויף פון דער וואַל־קאַמפּאַניע זענען פאָרגעקומען 118 מיטינגען, 86 פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זענען אַנוועזנד געווען אַן ערך 40 טויזנט יידן.

אין טאָג פון די וואַלן האָבן אַן ערך צוויי טויזנט יידישע אַגיטאַטאָרן אָנטיילגענומען אין דער וואַל־אַרבעט.

די יידישע פאָלקס־מענטשן אין נידערשלעזיע האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן דער גרויסער באַדייטונג, וואָס עס וועט האָבן דער אויסגאַנג פון די וואַלן פאַר דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, פאַר דעם יידישן ישוב, און זיי האָבן אַלע ווי איינער אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַר די קאַנדידאַטן אויף דעפּוטאַטן צום ערשטן סיים דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק.

אַ ברייטע פּראָטעסט־אַקציע האָבן אָרגאַניזירט די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער בירנס, וועלכער האָט געפּרוווט אָפּפרעגן די פּוילישע מערב־גרענעצן אויף דער אָדרע און ניסע. אויף אַ גרויסער צאָל מיטינגען און פאַרזאַמלונגען האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ספּעציעל אָנגענומענע רעזאָלוציעס זיך אָנגעשלאָסן צו דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט פון דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג קעגן די אַטאַקעס פון די אַנגלאָ־זאַקסישע רעאַקציאָנערע קרייזן, וועלכע זענען געווען געווענדט קעגן די מערב־גרענעצן פון פּוילן. אין אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון אַלע יידישע קאָמיטעטן אין

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

נידערשלעזיע אין סעפּטעמבער 1946 לייענען מיר צווישן אַנדערן:

„דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט צוממערסטן געליטן פון דעם דייטשן היטלעריזם, האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסן צושטייער ביים ווידעראויפבויען די היסטאָרישע פּיאַסטישע ערד"...

„דער יונגער ישוב פון די פּוילישע יידן, וועלכע זענען געווען פּיאָנערן פון דעם באַזעצן זיך און אין דעם אויפבויען די ווירטשאַפט אין נידערשלעזיע, האָט באַוויזן אין זייער אַ קורצער צייט פּלאַנמעסיק באַזעצן די ערשטע רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד און איינאָרדענען זיי אויף אַרבעט אין איינקלאַנג מיט די באַדערפענישן פון דער פּוילישער רעגירונג"...

„די דערקלערונג פון בירנעסן טרעפט אין דער סאַמע עקזיסטענץ פון יידישן ישוב אויף דעם געביט פון נידערשלעזיע, ווי אין דער עקזיסטענץ פון די פּוילישע יידן. דעריבער פּראָטעסטירן מיר ווי צום שאַרפסטן און רופן אַלע יידן פון דער זל' איז געזאַמלט געוואָרן 4.355.437 זל'.

די קאָמיטעטן יאָן נידערשלעזיע וויקלען פאַנאַנדער אַ ברייטע זאַמל־אַקציע פון געלט־פאָנד פאַר אויפבויען דעם דענקמאָל פאַר די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ. די יידישע באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט בלויז קיין געלט־פראַגע און האָט מאַסנווייז אָנטיילגענומען אין דער זאַמל־אַקציע. די סומע וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן האָט באַאויפטראָגט צו זאַמלען, איז ווייט איבערגעשטיגן געוואָרן. אַנשטאָט 2.750.000 זל' איז געזאַמלט געוואָרן 4.355.437 זל'.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם היסטאָרישן אַקט פון פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה ישראל, האָבן זיך די יידן אין נידערשלעזיע סאָלידאַריזירט מיט דעם גרוס פאַר דעם קעמפנדיקן ישראל, וואָס עס האָט איבערגעשיקט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן.

צוזאַמען מיט דעם וווקס פון די דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער פּראָדוקציע וואַקסן אויס ביי די יידישע אַרבעטער די באַדערפענישן און דער ווילן צו געניסן פון די דערגרייכונגען אויפן געביט פון קולטור און קונסט. עס וואַקסט אויס די באַדערפעניש צו בויען אַן אייגענע געביידע, אין וועלכער עס זאָל זיך געפינען דאָס צענטראַלע יידישע קולטור־הויז מיט אַ זאַל פאַר דעם יידישן טעאַטער אין נידעשלעזיע.

דאָס צענטראַלע יידישע קולטור־הויז אין וראָצלאַוו אויפן נאָמען פון דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער" א״ג אסתר־רחל קאַמינסקאַ *

אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1948 טרעט צו דער יידישער וואָיעוואָ־דישער קאָמיטעט צו בויען אין וראָצלאַוו דעם קולטור־הויז. אויף אַ ספּעציעל גערופענער באַראַטונג פונעם אַקטיוו ווערט באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ זאַמל־אַקציע, כדי צו שאַפן צוגאָבלעכער געלט־פאָנדן, וועלכע זענען געווען נייטיק צו פאַרענדיקן די בויונג.

די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אויסגעדריקן זייער פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער זאַך און צוגעטיילט אַן אָביעקט אין צענטער פון וראָצלאַוו, וואָס איז געווען פּאַסיק פאַר אויפבויען דאָס צענטראַלע יידישע קולטור־הויז.

די יידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן און קאָאָפּעראַטיוון, די יידישע האַנט־ווערקער און דער גרעסטער טייל יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע אַפּעראַטיווקייט און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע רייפקייט און געגעבן זייער צושטייער פאַר אויפבויען דעם בנין פון צענטראַלן קולטור־הויז.

עס איז געזאַמלט געוואָרן העכער 17 מיליאָן זל׳, וואָס איז געווען אַ העלפט פון די אַלגעמיינע קאָסטן פון דער בויונג.

די דערעפענונג פון צענטראַלן יידישן קולטור־הויז, וואָס איז גלייכצייטיק געווען די געביידע פון יידישן טעאַטער אין נידערשלעזיע, איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ גרויסער יום־טוב. דער באַליבטער קאָלעקטיוו פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער האָט באַקומען אַ שטענדיקע באַזע פאַר זיין אַרבעט, אַ היים, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דער טעאַטער־קאָלעקטיוו זאָל זיך ווייטער אַנטוויקלען צו נייע קינסטלערישע דערגרייכונגען. עס איז געווען דער יום־טוב פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע, וואָס האָט באַקומען אַ צענטראַל קולטור־הויז — אַ באַזע צו נייע קולטור־דערגרייכונגען, צו אַ פאַרשטאַרקטער און אויסגעברייטערטער קולטור־אַרבעט.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.



דער מחבר (דער 4־טער פון רעכטס) האָט פאַלאָזט דאָס קלויז און האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער פּאַרטיי (התאחדות גורדוניה), שפּעטער האָט ער פאַרלאָזט די פּאָליטישע רייען

די נייע געבײַדע, דאָס צענטראַלע קולטור־הויז, דינט ביזן היינטיקן טאָג אַלס באַזע פון דער קולטורעלער און געזעלשטפטלעכער טעטיקייט פון יידישן ישוב אין ווראָצלאַוו.

בשעת דער פייערלעכער דערפענונג פון דעם צענטראַלן יידישן קולטור־הויז אין ווראָצלאַוו איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייער פון די יידישע קאָמיטעטן. די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע, האָבן אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע באַשלאָסן אָנצורופן דאָס צענטראַלע יידישע קולטור־הויז אין ווראָצלאַוו אויפן נאָמען פון דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער" א"ג אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

אין דעם באַשלוס איז געקומען צום אויסדרוק, אַז דאָס יידישע טעאַטער אין פאָלקס־פוילן בינדט אָן צו די פאָלקס־טראַדיציעס און פאַרמלחמהדיקן יידישן טעאַטער אין פוילן, ווו דער נאָמען אסתר־רחל קאַמינסקאַ איז געווען אַן אויסדרוק, אַ סימבאָל פון די בעסטע טראַדיציעס, פון קינסטלערישע דערהויבונג, און פאָלקסטימלעכקייט אין יידישן טעאַטער.

די אָפּטיילונג פאַר לאַנדסמאַנשאַפטן ביים יידישן וואַיעוואָדישן קאָמיטעט*

אין נידעשלעזיע זענען געווען טעטיק אַ גאַנצע ריי יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינעס אויפבוי־אַרבעט פון יידישן ישוב.

דער פאַרבאַנד פון אָנטיילנעמער אין קאַמף קעגן פאַשיזם. די מיטגלידער פון פאַרבאַנד זענען געווען דעמאָביליזירטע יידישע זעלנער און אָפיצערן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די קאַמפן פאַר דער אָדרע און ניסע. זיי האָבן געגעבן זייער בלוט־צושטייער פאַר דער באַפרייונג פון די מערב־געביטן און האָבן באַשלאָסן אויף דער ערד צו בויען צוזאַמען מיט די באַפרייטע יידן זייער נייע היים.

דער פאַרבאַנד האָט געהאַט 30 אָפּטיילונגען, צו וועלכע עס האָבן געהערט העכער 1500 מיטגלידער. דעם 10טן מערץ 1947 איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון יידישע פראָנט־קעמפער, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון 27 אָפּטיילונגען.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַהאַנדלט די פראַגן און פּראָבלעמען, ווי אויך די אויפגאַבן פון פאַרבאַנד אינעם אויפבוי־פּראָצעס פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

דער צוזאַמענפאָר האָט אין אַן אָנגענומענער רעזאָלוציע פאָרמולירט, אַז צווישן אַנדערע פאַרפן די אויפגאַבן פון פאַרבאַנד זיין:

„שטיין אויף דער וואַך, אַז עס זאָלן באַפרידיקט ווערן אַלע נויטן און באַדערפעניש פונעם יידישן פראָנט־קעמפער, מאַנען באַוווסטזיין און אחריות פאַרן גורל פון יידישן אינוואַליד מצד דער יידישער געזעלשאַפט".

דער צוזאַמענפאָר האָט גערופן אַלע מיטגלידער פון פאַרבאַנד, אַז זיי זאָלן ווערן מיטגלידער פון דער יידישער קולטור — און קונסט־געזעלשאַפט און אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט, אַז פאָרשטייער פון פאַרבאַנד זאָלן זיין רעפּרעזענטירט אין די יידישע קאָמיטעטן.

אין דעם פאַרבאַנד פון די געוועזענע פראָנט־קעמפער זענען געווען טעטיק די ח"ח שניצער, עסענפעלד, קרעמפעל, מינקאָווסקי א"אַנד.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

די אָפּטיילונג פאַר לאַנדסמאַנשאַפטן ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין וראָצלאַוו האָט געפירט אַ ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די לאַנדשאַפטן אין נידערשלעזיע.

די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין לאַנדשאַפטן זענען געווען די וואַרשעווער יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין וראָצלאַוו און אין דזשערזשאַניוו (ריכבאַך). נאָך אין מאַי 1946 אַנטשטייען אין די דערמאָנטע שטעט אָרגאַניזיר־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר זייער ציל צו אָרגאַניזירן די וואַרשע־ווער יידן, מיטהעלפן זיי ביי איינאָרדענען זיך אין וווינונגען און אויף אַרבעט און אויך העלפן זיי ביים אויסזוכן זייערע קרובים.

אַזעלכע אָרגאַניזיר־קאָמיטעטן זענען אויך שפּעטער אַנשטאַנען אין אַ גאַנצער ריי שטעט, ווו עס האָבן געוווינט געוועזענע וואַרשעווער יידן. מיט דער צייט זענען די אָרגאַניזיר־קאָמיטעטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרוואַלטונגען, וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די לאַנדסמאַנ־שאַפטן.

דעם 4 סעפּטעמבער 1946 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפטן אין נידערשלעזיע מיט דער באַטייליקונג פון 32 דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 21 שטעט.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט אַ וואָיעוואָדישע פאַרוואַלטונג, אין וועל־כער עס זענען אַריין פאָרשטייער פון אַ ריי גרעסערע אָרגאַניזאַציעס. ווי ל. קאָזשיצקי, גרינבוים, מענדעלסאָן, רייזמאַן, לערמאַן און אַנדערע, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט צווישן דער אויסגעוואַקסענער צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין 83 שטעט מיט אַ צאָל פון העכער 6 טויזנט מיטגלידער.

אין זייער טעטיקייט האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן אויסער אינדיווידועלע אויך דערטייל קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די אַרבעטער אין די פאַרשידענע יידישע קאָאָפּעראַטיוון, ווי „זגאָדאַ", „וואַרשאַוויאַנקאַ" און אַנדערע.

די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אויך געגעבן הילף די וואַרשעווער יידן, וועלכע האָבן זיך געלערנט נייע פאַכן.

אַן ענלעכע טעטיקייט האָבן געפירט די לאַנדסמאַנשאַפטן פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט אין פוילן.

אַ גרויסע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג האָט געהאַט די אַרבעט פון די פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די נאַציאָנאַל־ראַטן אין נידערשלעזיע.

דעם 9 יאַנואַר 1948 האָט דער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין וראָצלאַוו גערופן אַ באַראַטונג פון אַלע יידישע ראַטמענער אין די נידערשלע־זישע נאַציאָנאַל־ראַטן. אין דער באַראַטונג האָבן אָנטיילגענומען 80 יידישע ראַטמענער.

אין די אַרויסטרעטונגען פון די דעלעגאַטן און אין דער אָנגענומער רעזאָ־לוציע אויף דער באַראַטונג איז געקומען בולט צום אויסדרוק, אַז:

„די פולע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נייעם פוילן האָט געשאַפן די אָביעקטיווע מעג־לעכקייט צו בויען אַ יידישן ישוב — אַ המשך פון טויזנטיאָריקן יידיש־פּוילישן ישוב — געבויט אויף פּראָדוקטיווע יסודות און געזונטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַזע".

באַגעגענישן צווישן יידישע צענטראַל־קאָמיטעט און יידישע שרייבער*

דעם 10־טן נאָוועמבער 1946 איז אין קאָנפערענץ־זאַל פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן פאָרגעקומען די ערשטע באַגעגעניש צווישן די שרייבער אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט. מצד דעם צ. ק. זענען אָנוועזנד געווען ד״ר א. בערמאַן, מ. ביטער, ש. זאַכאַריאַש, י. סאַק, ס. פישגרונד, י. לאַזעבניק, פאַלק, וואַסער און סטעפאַן גרייעק.

מצד די שרייבער זענען אָנוועזנד געווען: לעאָ פינקעלשטיין, א. קאַגאַנאָווסקי, ב. מאַרק, מ. גראָסמאַן, מ. מירסקי, חיים גראַדע, א. זאַק, ר. אויערבאַך, ל. אָליצקי, י. רובינשטיין, ש. קאַטשערגינסקי, י. יאַנאַסאָוויטש, רייזל זשיכלינסקי, מ. א. קנאפּהייס, נ. באָמזע, י. אשענדאָרף, ד. ספּאַרד, א. וואָגלער, גוטע גוטערמאַן, הדסה רובינא, ב. קוטשער, ה. ל. פוקס און י. אָקרוטני.

אויף דער באַגעגעניש איז אויך אָנוועזנד געווען דער גאַסט ד״ר זיל־בערשטיין.

ד״ר א. בערמאַן האָט געעפנט דעם צוזאַמענטרעף און אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פון אָט דער ערשטער באַגעגעניש צווישן דעם צ.ק. פון יידן אין פוילן אין דעם אַקטיוו פון דער יידישער שרייבער־משפחה.

ד״ר א. בערמאַן האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז אָט די דאָזיקע באַ־געגעניש וועט פיל מיטווירקן צו דער ווייטערדיקן אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין באַנייטן יידישן ישוב אין פוילן.

אין נאָמען פון די שרייבער האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג דער פאָרזיצער פון פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן לעאָ פינקעלשטיין.

עס ווערט דערנאָך אויסגעהערט אַ באַריכט וועגן דעם ערשטן ליטעראַרישן טורנע אין קראָקע, אויבערשלעזיע און נידערשלעזיע. דער באַריכטגעבער חיים גראַדע דערציילט סיי וועגן דעם, וואָס די ערשטע ליטעראַרישע בריגאַדע האָט אַריינגעטראָגן מיט איר וואָרט אין די באַזונדערע ישובים און סיי וועגן דעם וואָס

---

* ישראל אַשענדאָרף, „באַגעגענישן צווישן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און יידישע שרייבער, פאָלקס־שטימע, 10.11.1946.

דער מחבר אויף אַ באַגעגעניש מיט זיין יוגנט־פריינד
דעם דיכטער ישראל אַשענדאָרף

די דיכטער האָבן געזען אין פיל שטעט און שטעטלעך, וועלכע זיי האָבן באַזוכט, אַלע האָבן אויסגעהערט די אינטערעסאַנטע באַריכטערדע פון חיים גראַדע מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

אין ווייטערדיקן מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך אַרויסגעזאָגט די ח״ח סאַק, ספּאַרד, וואַסער, ב. מאַרק, פאַלק, אַשענדאָרף, לעאָ פינקעלשטיין און ח.ל. פוקס. אין די אַרויסטרעטונגען זענען באַרירט געוואָרן אַ ריי ליטעראַרישע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַרן יידישן שרייבער און קולטור־טוער.

דער מחבר אויף אַ באַגעגעניש מיט דער דיכטערין דאָראַ
טייטלבוים אין וואַרשעווער ליטעראַטן פאַראיין

די ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישע קולטור־טוער אין נידערשלעזיע*

דער העל־באַלויכטענער זאַל פונעם קולטור־הויז פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז איבערפולט מיט אַ גרויסן עולם דעלעגאַטן און געסט. דאָ, אויף די באַפרייטע מערב־געביטן, וועט דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון יידישע קולטור־טוער באַהאַנדלען די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די וועגן פון דער ווידערגעבוירענער יידישער קולטור.

דאָ, אין דער געוועזענער היטלעריסטישער פעסטונג, זענען זיך צונויפגעקומען צו באַהאַנדלען קולטור־פּראָבלעמען די, וועלכע דער „פירער" האָט פאַרמשפט אויף אומקום.

דער זאַל איז הערלעך דעקאָרירט. פענער, לאָזונגען אין דער יידישער שפּראַך. אויפן באַלקאָן — אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען פון דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע אויפן געביט פון קולטור.

גאָר אַנדערש איז דער צוזאַמענפאָר אין פאַרגלייך מיט די פאַרמלחמהדיקע צוזאַמענפאָרן פון יידישע קולטור־טוער. זייער קאָלירפול רעפּרעזענטירט זיך די גרופּע יידישע קוילנגרעבער, וועלכע זענען אָנגעטון אין די טראַדיציאָנעלע מונדירן, מיט שטרוים־פעדערן אויף די הויכע היט. דערנעבן אַ דאָקטער און לערער פירן אַ לעבהאַפטן שמועס מיט אַ גרופּע טעקסטיל־אַרבעטער. צווישן די דעלעגאַטן זענען דאָ יידן מעטאַל־אַרבעטער און יידישע פּויערים.

יינגלעך און מיידלעך, מיטגלידער פון ז.מ.פּ. (פּוילישן יוגנט־פאַרבאַנד), „צוקונפט", השומר הצעיר, זענען אָנגעטון אין קאָלירטע קליידער מיט ווייס־רויטע און רויטע אַרעמבענדער; מיט ערנסטע פּנימער היטן זיי די אָרדענונג אויפן זאַל.

דעם 8־טן דעצעמבער 1946 אינדערפרי עפנט די קאָנפערענץ דער פאַרשטייער פון דער קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג, ח' וואַסערשטרום. זיין רעדע הייבט ער אָן מיטן באַערן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע העלדן אין די געטאָס פאַר פרייהייט און כבוד פון פאָלק און דער מענטשהייט.

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „די ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישע קולטור־טוער אין נידערשלעזיע", פאָלקס־שטימע, דעצעמבער 1946.

דער ח׳ וואַסערשטרום באַגריסט אין פּרעזידיום דעם פאַרשטייער פון דעם ווראָצלאַווער וואָיעוואָדע, דעם לייטער פון דער קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע אָפּ־טיילונג, דעם בירגער פאַרעיקאָ, דעם פּרעזידענט פון דער שטאָט, אינדזש. וואַכנאַווסקי, דעם פאָרזיצער פון שטאָטישן נאַציאָנאַל־ראָט, פאַקשאָ, דעם לייטער פון דער אינפאָרמאַציע־ און פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג, אַרכאַן, דעם סעק־רעטאַר פון וואָיעוו. קאָמ. פון פפּר גוטמאַן, דעם סעקרעטאַר פון וו.ק. פון פפּס שיעמעק, די פאָרשטייער פון צ.ק. פון די יידן אין פוילן: זאַכאַריאַש, מירסקי, ביטער, דעם רעדאַקטאָר י. גאָרדאָן און אַנדערע.

אַלס פאָרזיצער ווערט אויסגעוויילט דער אָנטיילנעמער פון דער טשערנאָ־וויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, ד״ר ווייס.

אין נאָמען פון וואָיעוואָדע פּיאַסקאָווסקי באַגריסט די קאָנפערענץ דער ליטעראַט פאַרעיקאָ. דער שטאָט־פּרעזידענט אינזש. וואַכנאַווסקי און דער פאָרזיצער פון נאַציאָנאַל־ראָט פאַשקאָ, וועלכע שטרייכט אונטער, אַז די גרויסע דערגרייכונגען פון יידישן פאָלק אויפן געביט פון קולטור זענען אַ גרויסערביישטייער צו דער פוילישער קולטור.

דער פאָרשטייער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון פפּר, ח׳ גוטמאַן שטרייכט אונטער אין זיין באַגריסונג וועגן דעם גרויסן צושטייער פון די יידן אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון פוילן.

מיט באַגריסונגס־רעדע איז אַרויסגעטראָטן דער לייטער פון אינפאָר־מאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פון דער וואָיעוואָדישער אָפּטיילונג אין ווראָצלאַוו.

דעם ערשטן טאָג זענען אויסגעהערט געוואָרן 3 רעפעראַטן: אַ רעפע־ראַט פון פאָרזיצער פון יידישן וואָיעוו. קאָמיטעט י. עגיט וועגן די אויפגאַבן און פּרינציפּן פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין נידערשלעזיע.

אַ רעפעראַט וועגן יידישן טעאַטער און קינסטלערישער זעלבסטשטענ־דיקייט — דער סעקרעטאַר פון ייד. וואָיעד. קאָמ. טורקאָוו; אַ רעפעראַט אויף דער טעמע קונסט ווי אַ באַשטאַנדטייל אין דער דערציונג פון קינדער — מג״ר קעסטין־סלוצקאַ.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע פּרעמיערע פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער, וואָס איז אויפגעטראָטן מיט דער פּיעסע פון שלום־עליכמען „דער בלוטיקער שפּאַס״.

אין צווייטן טאָג פון די פאַרהאַנדלונגען נאָכמיטאָג, זענען פאָרגעקומען די אויפטריטן פון די יידישע קינסטלערישער זעלבשטענדיקייט־קרייזן אין נידערשלעזיע. צום אַרטיסטישן טייל איז אויך געקומען דער וואָיעוואָדע

פון נידערשלעזיע פּיאָסקאָווסקי, וועלכער האָט באַגריסט די פאַרזאַמלטע אויף דער קולטור־קאָנפערענץ.

די צענטראַלע אויפגאַבע פון דער יידישער קולטור־קאָנפערענץ איז גע־ווען דאָס שאַפן דעם איינהייטלעכן פראָנט פון אַלע יידן אויפן געביט פון אַנטוויקלען די יידישע קולטור אויף נייע יסודות אויף דער באַזע פון דעם נייעם פּראָדוקטיוון יידישן ישוב, פאַרבינדנדיק צו די רייכע טויזנטיאָריקע קולטור־טראַדיציעס, פון וועלכע מען דאַרף נעמען דאָס אַלץ, וואָס איז פּראָג־רעסיוו און דינט דער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע.

די געשיכטע פון „אָרט" אין יידישן לעבן *

„אָרט" — די יידישע געזעלשאַפט צו העלפן פאַרשפּרייטן מלאכה ביי יידן איז געגרינדעט געוואָרן אין רוסלאַנד — פּעטערבורג (היינט לענינגראַד), אין יאָר 1880, דורך באַראָן ה. גינזבורג, ס. פּאָליאַקאָוו, ל. מ. ראָזענטאַל, מ. פּ. פרידלאַנד, אָנגעזעענע און פאַרמעגלעכע פון דער יידישער געמיינדע אין פּעטערבורג.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, וועלכע איז געווען צוזאַמענגעדרענגט אין די שטעט און שטעטלעך פון „תחום המושב" האָט געפאָדערט אַ קאָרעקטיוו אין דער יידישער סאָציאַלער סטרוקטור, דאָס פאַרגרעסערן די צאָל פּראָדוקטירנדיקע עלעמענטן און אויפשטעלן אויף אַ געהעריקער מדרגה די מלאכה און ערדאַרבעט ביי יידן.

„אָרט" — (ראשי תיבות פון די רוסישע ווערטער „אָבסטשעסטוואָ רעמיעסלענאָוואָ טרודאַ" — ס'הייסט אָרגאַניזאַציע פאַר פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט), האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און האָט פון אָנפאַנג געטראָגן אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער.

צוויי אויפגאַבן האָט זיך געשטעלט „אָרט" — געבן אַ פאַך די באַרפוסלאָזע יידן, וואָס זייער צאָל האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, און פאַרשאַפן אַרבעט די יידישע האַנטווערקער. „אָרט" האָט אויפגעהויבן די לאָזונג: „הילף דורך אַרבעט". עס זענען געשאַפן געוואָרן קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן, אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרקויפן, אויף וועלכע עס איז געווען אַ גרויסער נאָכפרעג. ליי־קאַסעס כדי צו פאַרזאָרגן די האַנטווערקער מיט הלוואות צום איינקויפן פון מאַשינעס און געצייג. „יוגנט איז איינגעאָרדנט געוואָרן צו לערנען פאַכן אין שולן און ביי פּריוואַטע מייסטערס. די אַקציע פון „הילף דורך אַרבעט" האָט אַרומגענומען אַן ערך 60 טויזנט פּערזאָן אין די ערשטע צען יאָר פון „אָרט".

ביסלעכוויז האָט „אָרט" אויסגעוואַקסן צו אַ פאַרצווייגטע וועלט־אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט אויפגעהויבן דעם פּרעסטיזש פון אַרבעט און מלאכה ביי יידן. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג האָט „אָרט" אויסגעברייטערט איר טעטיקייט אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד און אויפגעשטעלט אַ נעץ פון

---

* משה גאָלדשטיין, „פאָלק און ציון", 1980.

פאַך־שולן אין אַ ריי לענדער(פוילן, רומעניע, ליטע, באַלטישע לענדער). אויך אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע האָט „אָרט" אָרגאַניזירט אַ סיסטע־מאַטישע הילפס־אַרבעט און אַריבערגעשיקט קיין רוסלאַנד מאַשינעס און געצייג פאַר דער אויסשטאַטונג פון אַ ריי קאָאָפּעראַטיוון און לערנווואַרשטאַטן פאַר די דעקלאַסירטע יידן.

מיטן אַנשטיין פון מדינת ישראל, האָט „אָרט" אָנגעהויבן איר טעטיקייט ביי אונדז אין לאַנד. פון זעקס קליינע שולן מיט 500 שולער האָט זיך „אָרט" צעוואַקסן אַלס די גרעסטע נעץ פאַך־שולן אין דער יידישער וועלט. היינט צו־טאָג האָט „אָרט" אין מדינת ישראל 95 פאַך ־שולעס (פון זיי פּופּציק מיטלשולן), מיט 40 טויזנט תלמידים, אַ פּערסאָנאַל פון 3.700 פּעדאַגאָגן, אינזשיניערן, טעכניקערס, אינסטרוקטאָרן, באַאַמטע. איבער 50 פאַכן, פון זיי די מאָדערנסטע, ווי עלעקטראָניק, אָפּטיק, קאָמפּיוטערס, סאָלאַרישע ענערגיע, ווערן געלערנט אין די „אָרט"־שולן.

במשך פון אַ יאָר גייען אַדורך די אינסטיטוציעס פון „אָרט" טויזנטער מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, וועלכע באַזוכן לאַנגטערמיניקע און קורצ־טערמיניקע פאַרשידענע קורסן. דאָס לעצטע יאָר זענען דורכגעגאַנגען די „אָרט"־שולן אין ישראל ביי 70 טויזנט יוגנטלעכע און דערוואַקסענע וועלכע לערנען פאַרשידענע פאַכן. אין משך פון עקזיסטענץ פון „אָרט" זענען אַדורך איבער אַ מיליאָן שילער, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין ווירטשאַפטלעך פאַכמענישן געביט. „אָרט" אָרגאַניזירט אין ישראל פּראָפעסיאָנעלע קורסן צו־זאַמען מיט צה"ל אויף ספּעציעלע קורסן פאַר נייע עולים. ביי פאַרשידענע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען האָט „אָרט" געשאַפן „אינדוסטריע־שולעס" אין וועלכע די שילער לערנען און אַרבעטן אין די פאַבריקן. אין די לעצטע יאָרן פאַרענדיקן זייערע לימודים אין די „אָרט"־אַנשטאַלטן ביי 14 טויזנט תלמידים יעדעס יאָר, פון וועלכע איבער 5000 זענען אַביטוריענטן פון די מיטלשולן פון „אָרט" אין פיל אַנטוויקלונגס־שטעט און שטעטלעך, ווי אויך צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, איז אַ פאַרצווייגטע.

די וועלט מאַכט אַדורך אַ טעכנישע גרויסע רעוואָלוציע. די פעלקער וועלכע ווערן נישט זיין הינטערשטעליק לגבי די טעכנישע מאָדערנע דער־גרייכונגען, וועלן זיין די שטאַרקע פעלקער. מדינת ישראל גלידערט זיך אַריין אין דער גרויסן אינדוסטריעלן פּראָצעס — מיטן פּנים צו דער צוקונפט.

דאָס וויגעלע פון „אָרט" איז געשטאַנען אין מזרח־אייראָפּע. איצט איז זי אַריבערגעפירט געוואָרן אין מדינת ישראל ווו זי האָט געשאַפן איר הויפּט־צענטער.

70 יאָר איז די „אָרט"־באַוועגונג געשטאַנען לײדער ווייט פון ציוניזם און פון דער אויפלעבונגס־אַרבעט אין ישראל. אָבער מיטן מאָמענט ווען „אָרט" האָט זיך פאַרבונדן מיט ישראל, האָט זי עס געמאַכט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט גרויס ליבע און פאַרשטענדעניש, און דערמיט אויך פאַריכט אַ היסטאָרישן פעלער.

די קאַטאַסטראָפע־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן חרוב גע־מאַכט אַלע פאַריקע „אָרט"־צענטערס. נאָך דער מלחמה האָט „אָרט" אָנ־געהויבן פון דאָס ניי אויסברייטערן איר אַקטיוויטעט אויף נייע יידישע ישובים. העלפן דער שארית הפליטה. עס איז אַ טיפע סאַטיספאַקציע צו זען די גרויסע און וויכטיקע אַרבעט וועלכע „אָרט" טוט אין דער גאַרער וועלט. „אָרט" אין מדינת ישראל איז אַ קוואַל פון אַ מוסטער־אַרבעט פון דורכ־פירן אַ ברייטע און יסודותדיקע טעכנישע דערציונגס־אַרבעט, אַ סטימול פאַר דעם יונגן דור אין זיין בונט מיט אַרבעט פאַר אונדזער ווידערגעבורט ווי אַן אומאָפהענגיק פאָלק.

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז דער יידישער לאָרד דייוויד יאַנג געוועזענער פאָרזיצער פון „אָרט", איז איצט מיניסטער פאַר ענינים פון באַשעפטיקונג אין קאַבינעט פון פרעמיער מאַרגאַרעט טאַטשער.

דער „דזשאָינט" און „אָרט" טעטיקייט אין נידערשלעזיע *

אַ וויכטיקע ראָל דערפילט אויך די באַנק פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע אין נידערשלעזיע אונטער דער אָנפירונג פון י. העלפּענשטיין.

באַקומענדיק אַ געוויסע סומע געלט פון דער צענטראַלער באַנק פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, וועלכע האָט געהאַט אַ ספּעציעלן פאָנד פון „דזשאָינט", וויקלט זי פאַנאַנדער אַ ברייטע קרעדיט־טעטיקייט פאַר די אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון און אינדיווידועלע האַנטווערקער.

די באַנק האָט אין משך פון אַ קורצער צייט צוגעטיילט קרעדיט 94 קאָאָפּעראַטיוון און 700 אינדיווידועלע וואַרשטאַטן פון יידישע האַנטווערקער, וועלכע באַקומענדיק אַ ביליקן קרעדיט פון דער באַנק פאַר פּראָדוקטיווי־זאַציע האָבן אויסגעפירט אַ וויכטיקע פונקציע אין דער נידערשלעזיע ווירט־שאַפט, פאַבריצירנדיק אַ סך גוטע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין וואָרצלאַוו, וועלכער האָט געציילט 500 מיט־גלידער, האָט אָרגאַניזירט די האַנטווערקער אַנטיילצונעמען מיט זייער גוטער און ביליקער פּראָדוקציע אין קאַמף קעגן שפּעקולאַציע און יקרות.

אין 1946 יאָר האָט די באַנק דיספּאָנירט מיט 22 מיליאָן זל. אין 1947 — מיט 75 מיליאָן, אין 1948 — 120 מיליאָן און אין ערשטן קוואַרטאַל פון 1949 יאָר — מיט 160 מיליאָן זל.

אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג האָט געהאַט די טעטיקייט פון „אָרט" ביים רעאַליזירן די אויפגאַבן פּראָדוקטיוויזירן און איבערשיכטן די יידישע באַ־פעלקערונג אין נידערשלעזיע.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע פון די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, איז לויטן אויפטראַג פון דער „אָרט"־צענטראַלע אין וואַרשע געקומען קיין נידערשלעזיע אַ ספּעציעלע צוגרייטונגען אָנצוהייבן אַ ברייטע שולונגס־אַרבעט. אין אַ גאַנצער ריי שטעט: וואָרצלאַוו, דזשערזשאָניוו (ריכ־באַך), ליגניץ, וואַלבזשיך א"אנד. ווערן געשאַפן קורצטערמיניקע פאַך־קורסן,

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „פאָלקס־שטימע".

אייניקע פון זיי זענען דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאָרמאַלע פאַך־שולן, באַשטעטיקטע דורך דער אָרטיקער מלוכהשער שול־מאַכט.

אין די אַלע שולן, אין וועלכע עס האָט זיך געלערנט אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע, זענען די לערן־פּראָגראַמען געוואָרן צוגעפּאַסט צו די באַדער־פעניש פון דער אָרטיקער אינדוסטריע. אין וואַרשע האָבן די שילער זיך געלערנט אַלס עלעקטראָטעכניקער, שלאָסער, מעכאַניקער, שניידעריי, וועשעריי, לעדער־גאַלאַנטעריע און זייגערמאַכעריי. אין דזשערזשאַניוו — אַלס ראַדיאָטעכניקער און אַגריקולטור; אין ליגניץ — דאָס טעקסטיל־פאַך; אין וואַלבזשיך — שאָפערמעכאַניקער און ראַדיאָטעכניקער.

דער ברייטער פּעכער פון פאַך־בילדונג באַווייזט, אַז די „אָרט״־טעטי־קייט האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דער יידישער יוגנט און אויך עלטערע מענטשן אויסצוקלויבן פאַר זיך אַ פאַך, וואָס איז אין אַ סך פאַלן נישט געווען ענלעך צו די אַמאָליקע טראַדיציאָנעל־יידישע פאַכן.

אין דעם לערן־פּראָגראַם פון די „אָרט״שולן האָט מען אויך צווישן אַנדערע קעגנשטאַנדן געלערנט יידישע געשיכטע.

דער „אָרט״ האָט אויך געפירט אַ ברייטע פאַך־בילדונגס־אַרבעט אין די נידערשלעזישע יידישע קאָאָפּעראַטיוון. די פאַך־קורסן האָבן געהאָלפן אַ סך אַרבעטער העכערן זייערע פאַך־קוואַליפיקאַציעס, פאַרבעסערן די קוואַ־ליטעט פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און אַזוי אַרום צוגעהאָלפן העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע יידן.

דער „אָרט״ האָט געהאָלפן די יידישע קאָמיטעטן ביים איינאָרדענען יידישע משפחות אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אין דזשערזשאַניאָווער קרייז האָבן אַ סך יידישע לאַנדווירטן באַקומען פאַכמענערישע עצות ביי די „אָרט״־אַגראָ־נאָמען. דער „אָרט״ האָט אויך אָרגאַניזירט קורסן פאַר טעאָרעטישער און פּראַקטישער אויסבילדונג אין אַלע צווייגן פון דער מאָדערנער ווירטשאַפט און אַגריקולטור.

דער „אָרט״ האָט אויך צוגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן און געגעבן הילף פאַרן אַנטשטיין פון נייע לאַנדווירטשאַפטן אין דאָרף.

אַנגעפירט מיט דער „אָרט״־טעטיקייט אין וואַרשע האָט דער מג״ר סלוצקי, וועלכע האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. דער „אָרט״ איז דעמלט געווען אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַט אַ סך מיט־גלידער. בראש פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג פון „אָרט״ איז געשטאַנען אייזיק וואָלפאָוויטש.

אין משך פון אַ קורצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון יידישן ישוב אין

נידערשלעזיע זענען דערגרייכט געוואָרן גאָר באַדייטנדיקע רעזולטאַטן אויפן געביט פון באַשעפטיקן און איבערשיכטן די יידישע באַפעלקערונג. עס איז געקומען צום אויסדרוק די גרויסע וויטאַליטעט און דאָס אייביקער אָפּטימיזם פון די יידישע פאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן באַקומען די מעגלעכקייט אין נייעם דעמאָקראַטישן פאָלקס-פוילן ווי גלייכע מיט גלייכע, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק אַלס פּראָדוקטיווע און נוצלעכע בירגער צו העלפן פאַר־ווירטשאַפטלעכן די צוריקבאַקומענע מערב-געביטן און אַקטיוו זיך איינשליסן אין דער בויונג פון דער נייער אָרדענונג אין פוילן.

די קולטור און דערציערישע טעטיקייט אין נידערשלעזיע *

צוגלייך מיטן אַנטשטיין פון אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אויף דער באַפרייטער נידערשלעזישער ערד הייבט זיך אָן די קולטור־טעטיקייט פון די ערשטע יידישע קאָמיטעטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

צווישן די עטלעכע טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון אומקום זענען נישט געווען קיין סך פּראָפעסיאָנעלע קולטור־טוער, קינסטלער און אַקטיאָרן.

דער שטאַרקער דראַנג פון די לעבנגעבליבענע יידן צו נאַציאָנאַלער קולטורעלער אויסלעבונג האָט געהאַט אין דעם נייעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן אַ דאַנקבאַרן באָדן. זיי האָבן פון זיך אויסגעטיילט יחידים, וועלכע האָבן מיט פיל אייפער און עקשנות זיך גענומען צו אָרגאַניזירן קלובן, לייען־זאַלן, קאָנצערט־בריגאַדעס און דראַמקרייזן.

דער ערשטער מוזיקאַלישער קאָנצערט ווערט אָרגאַניזירט דורך דעם וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין דזשערזשאָניוו. אין וראָצלאַוו ווערט אָרגאַניזירט דער ערשטער יידישער דראַמקרייז, מיט וועלכן עס פירט אָן דער ח׳ בלום, שפּעטער אַנטשטייען דראַמקרייזן אין וואַלבזשיך, ליגניץ און אַנדערע שטעט. די אַקטיאָרן ז. קאַלעשניקאָוו און חיהלע ראָזענטאַל זענען גלייך נאָך דעם ווי זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קאָנצערטן מיט אַ פּראָגראַם פון לייכטן זשאַנר, וועלכע זענען דאַן זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך די מאַסן יידישע צושויער.

ווען צוזאַמען מיט דער גרויסער צאָל יידן־רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד קומט אַ צופלוס פון נייע קולטור־כוחות, פון קולטור־שעפער און קולטור־בויער, וויקלט פאַנאַנדער די קולטור־אָפּטיילונג ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אַ ברייט פאַרצווייגטע פּלאַנמעסיקע קולטור־אַרבעט, וועלכע פאַרענטפערט דעם וווקס פון די קולטור־באַדערפענישן פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

אין אַ גאַנצער ריי שטעט, ווי אין וראָצלאַוו, דזשערזשאָניוו, וואַלבזשיך, ליגניץ, ביעלאַווע, פּיעטראָלעשע א״אַ ווערן אויפגעבויט יידישע קולטור־הייזער

---

* יאַקוב וואַסערשטרום, „פאָלקס־שטימע״.

מיט טעאַטער־זאַלן. אין אַלע שטעט, ווו עס האָבן זיך איינגעאָרדנט יידישע פאַמיליעס ווערן אָרגאַניזירט קלובן און ביבליאָטעקן. אין וראָצלאַוו ווערט אויף דער באַזע פון דער אָרטיקער ביבליאָטעק, אָרגאַניזירט אַ צענטראַלע אויסטויש־ביבליאָטעק, וועלכע באַדינט מיט אירע ביכער 32 שטעט מיט עקזסטירנדיקע יידישע ביבליאָטעקן.

עס ווערן אָרגאַניזירט ליטעראַרישע אָוונטן, לעבעדיקע ציטונגען און דיס־קוסיעס. עס ווערט געשאַפן אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, וועלכער באַדינט מיט פּרעלעגענטן אַלע שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזישן יידישן ישוב, וועלכע לייענען לעקציעס אויף היסטאָרישע, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס. עס ווערן אויך אָרגאַניזירט בילדער־אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין נידערשלעזיע. אין די געשאַפענע דראַמקרייזן און כאָרן ווערן אַריינגעצויגן צוזאַמען מיט עלטערע אויך אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע טאַלאַנטן.

די קולטור־באַדערפענישן האַלטן אין איין וואַקסן. דאָס יידישע לעבן ווערט פון טאָג צו טאָג אימפּולסיווער און רייכער. עס ווערט רייף די באַדערפעניש פון האָבן אַן אייגענע צייטונג. באַלד אין אָנהייב גיט אַרויס דער יידישער וואָיעוואָ־דישער קאָמיטעט אַ צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך „נאָווע זשיטשע", וואָס דערשיינט צוויי מאָל אין חודש און אין דער זעלבער צייט ווערן געמאַכט צוגריי־טונגען צו אָרגאַניזירן אַ יידישע דרוקעריי. דער געשאַפענער יידישער פאַרלאַג „נידערשלעזיע" מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי צו שאַפן און קאָמפּלעטירן יידישע שריפט, וואָס מאַכט מעגלעך אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין דער יידישער שפּראַך, „נידערשלעזיע", וועלכע דערשיינט אויך צוויי מאָל אין חודש.

דיביידע צייטונגען שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן אין נידערשלעזיע, אָרגאַניזירט און סטימולירט די ווייטערדיקע שעפערישע און פּראָדוקטיווע אַרבעט פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

אויף די מויערן אין די שטעט און שטעטלעך הייבן זיך אָן צו באַווייזן פאַר־שידענע שיינע פאַרביקע קינסטלעריש־אויסגעפאַרטיקטע יידישע פּלאַקאַטן, וועלכע ברענגען אויך צום אויסדרוק די פּילזייטיקייט און רייכקייט פון דעם קולטור־לעבן פון יידישן ישוב.

דער פאַרלאַג „נידערשלעזיע" גיט אויך אַרויס יידישע ביכער און קינדער־ליטעראַטור.

די יידישע מלוכה־דרוקעריי אין וראָצלאַוו, אונטער דער אָנפירונג פון ח' לויפער, דרוקט אַלץ מער אויסגאַבן און ביכער ווי אויך מאַטעריאַלן פאַרן יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט.

בלויז עטלעכע חדשים פון פאַרשטאַרקטער אויסגעברייטערטער טעטיקייט האָט אַרויסגערופן די באַדערפעניש צו פאַרטיפן די קולטור-אַרבעט. עס אַנטשטייט דער געדאַנק פון רופן אַ קולטור-קאָנפערענץ פון אַלע טוער פון נידערשלעזישן יידישן ישוב.

צווישן די אויפגאַבן, וועלכע עס האָבן זיך געשטעלט דער יידישער וואָיע-וואָדישער קאָמיטעט ווען ער האָט זיך דעצידירט צו רופן אַזאַ קולטור-קאָנפערענץ, איז געווען, ערשטנס: צו מאַניפעסטירן די שוין ביז איצטיקע דערגריי-כונגען און מאַכן אַ סך-הכל פון דער גרויסער קולטור-טעטיקייט, צווייטנס: דורכדיסקוטירן וועגן די מיטלען און פאָרמען, כדי אויסצוברייטערן און פאַר-טיפן די ביז-איצטיקע קולטור-טעטיקייט, דריטנס: שאַפן נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פאַר אַ ווייטערדיקן מאַסן-קולטור-אויפשטייג, וועלכער זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטנדיקע און פאָלקס-מענטשן פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

שוין די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער קולטור-מאַניפעסטאַציע. אין די אָרגאַניזירטע העכער 100 צוגריי-טונגס-פאַרזאַמלונגען האָבן אָנטיילגענומען 25 טויזנט יידן. אין 38 שטעט זענען אויסגעוויילט געוואָרן 400 דעלעגאַטן אויף דער קולטור-קאָנפערענץ, ביי דער אַנוועזנהייט פון 2000 געסט פון נידערשלעזיע און אַנדערע שטעט פון פוילן.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין משך פון 2 טעג — דעם 8טן און 9טן דעצעמבער 1946 — אין דעם שיינעם רחבותדיקן זאַל פון דעם קולטור-הויז פון דער פוילישער אַרבעטער-פאַרטיי אין וראָצלאַוו.

דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט פאַרשידענע לאָזונגען אין דער יידישער און פוילישער שפּראַך, מיט צייכענונגען, פאָטאָגראַפיעס, מאָקעטן, דיאַגראַמען און פּובּליקאַציעס, וועלכע האָבן אָנשוילעך אילוסטרירט די קולטור-דערגרייכונגען פון נידערשלעזישן יידישן ישוב. אין פּרעזידיום זענען געזעסן פאָרשטייער פון דער מלוכה, פוילישער אַרבעטער-פאַרטיי, פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, פאָרשטייער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן און יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע.

יידישע קולטור־טעטיקייט אין לאָדזש *

מיטוואָך, דעם 27סטן נאָוועמבער 1946, איז אין קולטור־הויז יאַראַטשא 2, פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט, איינגעאָרדנט דורך דער קולטור־ליגע.

אַ רעפעראַט אד"ט „די דערלייזונגס־מאָטיוון ביי י. ל. פרץ" האָט געהאַלטן לעאָ פינקעלשטיין. דער גרויסער עולם האָט מיט אַפּלאָדיסמענטן געדאַנקט דעם רעדנער פאַר זיין רעפעראַט.

אין קינסטלערישן טייל זענען מיט פאָלקס־לידער אויפגעטראָטן דער אַרטיסט מ. קליין און דער יונגער זינגער באַרענשטיין, אַקאָמפּאַנירט האָט פ. פרידלאַנד.

אַ סצענע לויט פרצעס „שבת־גוי" האָבן אויסגעפירט די סטודענטן פון „באַגינען" ליפסקי און ניימאַן. און אַן אינסצעניזאַציע פון די „דריי נייטאָרינס" זענען אַרויסגעטראָטן: שפּיזמאַן, ביבעלשטיין און יאַקובאָוויטש. צום שלוס האָבן די אַרטיסטן שושנה זאַך, וואָלפּאָוויטש, ליפסקי און אַנדערע צוזאַמען געלייענט אַ פראַגמענט פון „אין פּאָליש אויף דער קייט".

*

דעם 6טן נאָוועמבער 1946 איז אין קולטור־הויז ביים „השומר הצעיר" אין לאָדזש פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דער שאַפונג פון פּוילישן דיכטער וול. בראָניעווסקי. דער דיכטער האָט פאָרגעלייענט זיינע לידער „לאָדזש", „פּאַרי־זער קאָמונע", „כותל מערבי" און אַנדערע שאַפונגען אויף אַן ארץ־ישראל־טעמאַ־טיק און לידער וועגן דער יידישער טראַגעדיע. דער דיכטער ב. טענענבוים האָט איבערגעלייענט אַ גאַנצע ריי פון בראָניעווסקיס לידער אין זיין העברעיִשער איבערזעצונג.

דער גרויסער עולם האָט האַרציק אַפּלאָדירט דעם באַרימטן פּוילישן דיכטער און זיין איבערזעצער.

אין צווייטן טייל איז אויפגעטראָטן דער טענאָר לעסטאַן מיט אַריעס און פּוילישע לידער.

„שלום־עליכם און זיינע העלדן"
פאָרלעזונג פון י. אַשענדאָרף

מיטוואָך, דעם 27סטן נאָוועמבער 1946 איז אין קלוב אויף זאַוואַדזקא 20 פאָרגעקומען אַ פאָרלעזונג פון י. אַשענדאָרף אד"ט „שלום־עליכם און זיינע העלדן".

דער עולם האָט מיט אינטערעס אויסגעהערט די אויספירן פון פרעלעגענט.

* ישראל אַשענדאָרף, פאָלקס־שטימע, 1946.

קלוב אויפן נאָמען פון מרדכי געבירטיג אין קראָקע *

דעם 15טן נאָוועמבער 1946 איז אין קראָקע פייערלעך געעפנט געוואָרן אַ קלוב און לייען־זאַל אויפן נאָמען פון גרויסן יידישן פאָלקס־דיכטער מרדכי געבירטיג. אין דער פייערלעכקייט האָבן אָנטייל גענומען: אַ פאָרטרעטער פון קראָקעווער וואָיעוואָדע, אַ פאָרטרעטער פון שטאָט־פּרעזידענט, פון קולטור־ און קונסט־פאַראיין, פון פוילישן ליטעראַטן־פאַרבאַנד א״אַ.

דער פאָרזיצער פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט ד״ר האַראָוויטש האָט געעפנט די פייערלעכקייט. אַ געלעגנהייטס־רעפעראַט האָט געהאַלטן מג״ר מ. ווינער. אַ רעפעראַט וועגן לעבן און שאַפן פונעם פאָלקס־דיכטער מרדכי געבירטיג האָט געהאַלטן מג״ר משה בלעכער.

נאָך דעם האָט דער מוזיק־פּראָפעסאָר האָפמאַן, דער שעפער פון די מעלאָדיעס צו מ. געבירטיגס לידער און זיין פערזענלעכער פריינד, פייערלעך אַנטהילט אַ פאָרטרעט פונעם באַרימטן פאָלקס־דיכטער. דער טענאָר מאַרצעל קויפמאַן און דער באַריטאָן שוואַרץ האָבן אויסגעפירט געבירטיגס שאַפונגען. אויסגעצייכנט רעציטירט מ. געבירטיגס „ס׳טוט וויי״, האָבן די 14־יאָריקע עלזשביעטאַ אַבראַהאַם ווי אויך די פרוי רבקה ראַוויטש. צום שלוס האָט ראַיעווסקי גלענצנדיק רעציטירט טווימס איבערזעצונג „גראַנאַדאַ״.

דער אָוונט איז געווען זייער אַ געלונגענער.

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

יידישע אינסטיטוציעס אין לובלין *

אין לובלין איז אין סעפּטעמבער 1946 געווען ביז אַ צוויי מיט אַ האַלב טויזנט יידן. דער יידישער קאָמיטעט וויקלט פאַנאַנדער אַ ברייטע טעטיקייט. די לעצטע צייט זענען אָרגאַניזירט געוואָרן נייי־ און צושניידעריי־קורסן, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָרשול פאַר דרייסיק קינדער, די פינף־קלאַסיקע יידישע שול, וועלכע אַנטוויקלט זיך זייער גוט, גיט בילדונג 60 שילער. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ זויגלינג־היים פאַר פּיצלעך קינדער. עס ווערן פאַרענדיקט די צוגרייטונגען פאַר אַ גרויסן ספּאָרט־פּלאַץ פאַר יידישער יוגנט.

אַ לעבהאַפטיקע טעטיקייט האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אַרויסגעוויזן צום רעפערענדום *.

---

* אַברהם קוויאַטערקאַ, פאָלקס־שטימע.

דריי הונדערט רעפּאַטריאַנטן איינגעאָרדנט אין טאַרנע*

דאָס יידישע טאַרנע געפינט זיך אונטערן צייכן פון דער פאַרשטאַרקטער רעפּאַטריאַציע.

דער יידישער קרייז-קאָמיטעט אין טאַרנע האָט אויפגענומען איבער דריי הונדערט רעפּאַטריאַנטן, וועלכע זענען געוואָרן איינגעאָרדנט אין ספּעציעל צוגע־גרייטע פון פריער הייזער, פאַרזאָרגט זיי מיט מלבושים און שיך, ווי אויך אין שפּייז און געלט, יעדער רעפּאַטריאַנט געניסט פון דער יידישער פאָלקס-קיך, וועלכע גיט אַרויס יעדן טאָג נאַרהאַפטע מיטאָגן.

דער יידישער קאָמיטעט איז צוגעטראָטן אין סעפּטעמבער 1946 בויען אַ דענקמאָל לכבוד די געפאַלענע יידן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין טאַרנע. מיט דער אַרבעט פירט אָן דוד בעקער, וועלכער האָט אויך פּראָיעקטירט דעם דענקמאָל.

דער יידישער קאָמיטעט האָט צוגעגרייט צוויי אַמבולאַטאָריעס און זיי איבער־געגעבן אין רשות פון „טאז".

אין דעם האַלב-אינטערנאַט, וואָס געפינט זיך ביים יידישן קאָמיטעט זענען פאַראַן אַן ערך 40 קינדער, זיי ווערן געשפּייזט דריי מאָל אין טאָג און באַקומען לויט די באַדערפעניש קליידונג און שיך.

ביים קאָמיטעט געפינט זיך אַ פאַרבילדונגס-קורס פון דער ענגלישער און העברעישער שפּראַך.

ס'איז אויך טעטיק אַ גימנאַסטיק-זאַל.

---

* אברהם קוואַטערקאַ, „פאָלקס־שטימע, 9.2.1985.

כאַינאָוו איז פּעיִק אויפצונעמען
צוויי טויזנט ניי־געקומענע *

ביז דער מלחמה איז כאַינאָוו (נידערשלעזיע) געווען אַ רירעוודיק און עקאָ־נאָמיש אַנטוויקלט שטעטל. עס זענען דאָ געווען צוויי צוקער־פאַבריקן, אַ פּאַפּיר־פאַבריק, אַ טאַרטאַק, אַן אייל־פאַבריק, אַ פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אַ סך האַנטווערקער־וואַרשטאַטן.

עס איז דאָ אַמאָל געווען אַ היבשער יידישער ישוב. אָבער פון יאָר 1933 האָט היטלער שטופּנוויז ליקווידירט די כאַינאָווער יידן, עס זענען געבליבן בלויז דער יידישער בית־עולם און די סינאַגאָגע, וועלכע איז אין די היטלעריסטישע יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציסטישן קלוב.

משך פון אַ יאָר צען האָט כאַינאָוו נישט געזען קיין ייד. און אין מאַי 1946 זענען ווידער געקומען אַהער יידן — 520 נפשות, רעפּאַטריאַנטן פון דרום־קאַזאַכסטאַן.

קודם־כל האָט מען זיי באַזאָרגט מיט דירות, נישט איין יידישער האָרע־פּאַשניק האָט דאָ באַקומען אַ דירה פון עטלעכע צימערן מיט מעבל, קיך־מכשירים און נישט זעלטן אַפילו מיט בעטגעוואַנט. ערגער איז געווען מיט אַרבעט, די אויבנדערמאָנטע פאַבריקן זענען אין דער מלחמה־צייט חרוב געוואָרן. אָבער פּאַמעלעך ווערט די ווירטשאַפט צוריק אויפגעשטעלט, עס זענען שוין טעטיק, די פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אַ ריי וואַרשטאַטן.

דער ניי־אַנטשטאַנענער יידישער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט צוויי אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון: פון שוסטער און קאָמאַשנשטעפּער און פון שניידער. ליידער, צוליב מאַנגל אין געהעריקע פאָנדן אַנטוויקלען זיך די קאָאָפּעראַטיוון שוואַך.

פאַר פופציק קינדער איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרשול און אַ האַלב־אינטער־נאַט, ווו זיי ווערן דערצויגן אין דער יידישער שפּראַך און אין דעמאָקראַטישן גייסט.

מיר גרייטן זיך עפענען פאַך־קורסן, מיר קאָנען אויך אויפנעמען נאָך רעפּאַ־טריאַנטן. עס קאָנען זיך געפינען דירות פאַר אַ קנאַפּע דריי טויזנט יידן אָבער כדי דאָס דורכצופירן איז נויטיק געלט.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

יידן אין פרידלאַנד*

אין די מלוכהשע פאַבריקן אין שטעטל פרידלאַנד (נידערשלעזיע) זענען באַשעפטיקט פיל יידישע אַרבעטער, אין ביידע טעקסטיל־פאַבריקן „פיאַסט" און „שליאַנסק", אין דער מעבל־פאַבריק און אין וואָפן־זאַוואָד אַרבעטן יידן, וואָס האָבן ביי די דאָזיקע פאַכן קיינמאָל נישט געאַרבעט. אַ סך פון זיי צייכענען זיך אויס אין דער אַרבעט. אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער טעקסטיל־פאַבריק „פיאַסט", האָט דער טעכנישער לייטער פון דער פאַבריק זיך אויסגעדריקט, אַז די דירעקציע איז זייער צופרידן פון די יידישע אַרבעטער און וועט גערן אָננעמען נאָך יידן, וואָס וועלן זיך מעלדן צו דער אַרבעט: וועגן דעם יידישן אַרבעטער גערשטיין וואָס שטייגט כסדר איבער זיין אַרבעטס־נאָרמע, האָט ער דערקלערט ווערטלעך: „דער ח' גערשטיין איז דער שטאָלץ און קרוין פון אונדזער פאַבריק און דאַרף דורכן גאַנצן פאַבריק־קאָלעקטיוו גענומען ווערן אַלס ביישפיל".

---

* א. קוואַטערקאַ — „יידן אין פרידלאַנד".

דער יונגער יידישער ישוב אין שטשעטשין *

8 חדשים עקזיסטירט דער יונגער יידישער ישוב אין שטשעטשין. די ערשטע גרופע יידן, וועלכע זענען געקומען אין דער נייער פוילישער פּאָרט־שטאָט, האָבן אויף יעדן געביט אָנגעהויבן פון בראשית. בכדי בייצוקומען די ערשטע גרויסע שוועריקייטן האָבן זיי אומעטום געמוזט לייגן דעם פונדאַמענט. מיט איין וואָרט — אָנהויבן.

שאַפן אַ יידישן ישוב אין שטשעטשין? אַ סך האָבן זיך צו דעם באַצויגן סקעפּטיש. די שטאָט איז נאָך פול געווען מיט דייטשן. די דאָזיקע שטילע לעמעשקעס, „וועלכע זענען נעבעך גאָרנישט שולדיק״: דער בלויזער צוזאַמענ־טרעף מיט זיי, האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף צו פאַרערגערן די שטימונג פון די אָנגעפאָרענע יידן.

אַנדערע האָבן בכלל זיך אַ פּראָגראַם געמאַכט פון ליקווידאַציע און אויס־וואַנדערונג. האָבן חוזק געמאַכט פון יעדן פּרווו צו בויען און פאַרשפּרייטן דאָס שיינע וווּרטל וועגן דעם „טרערן־אינדזל״ שטשעטשין.

8 חדשים זענען פאַרביי און מיר קאָנען רויִק זאָגן: ס׳איז געטאָן געוואָרן אַ געהויבענע אַרבעט. מיר האָבן פאַנאַנדערגעבויט אַ נעץ פון אינסטיטוציעס. מיר האָבן אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן זיך באַרימט געמאַכט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג מיט דער הויכער קוואַליטעט פון זייער פּראָדוקציע. מיר האָבן אין שטשעטשין יידישע פאַרמער און ערד־אַרבעטער. מיר האָבן יידן וואָס אַרבעטן אין די באַן־וואַרשטאַטן, אין מלוכה־דרוקערייען. עס זענען דורך אונדז געשאַפן געוואָרן אונטערנעמונגען, וועלכע אַנטוויקלען זיך זייער גוט. פאַראַן ביי אונדז קאָאָפּעראַטיוון פון יידישע פישער; עס זענען דאָ יידישע שולן מיט 700 שילער, 4 פאַך־שולן. אין דער „טאָז״־אָפּטיילונג אַרבעטן 12 דאָקטוירים. זי פירט אַ ברייטע הילפס־טעטיקייט פאַר קראַנקע, אַלטע, שוואַכע און קינדער. פאַראַן אַ „זשלאָבעק״ און מילך־האַלע, וועלכע גיט אַרויס טעגלעך עטלעכע הונדערט פּאַר־ציעס הייסע מילך און זעמעלעך מיט פּוטער פאַר קינדער. עס זענען טעטיק דריי אַרבעטער־רעסטאָראַנען, אַן אינוואַלידן־פאַראיין און אַ זקנים־הויז, אַ יוגנט־בורסע און אַ ספּאָרט־קלוב, פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַך־קורסן פון „אָרט״ און אַנדערע.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

דאָס יידישע קינדערהיים אין אָטוואָצק *

דאָס קינדערהיים אויפן נאָמען פון דוד גוזשיק אין אָטוואָצק, ביי אַ 30 קילאָ־מעטער פון וואַרשע, איז דער יידישער געזעלשאַפט גוט באַקאַנט מיט זיין פּראַק־טיקער טעכנישער איינאָרדענונג און מאָדערנעם דערציונגס־סיסטעם. יידישע קינדערלעך, אָפּגעראַטעוועטע פון אומקום, קינדערלעך, וואָס האָבן אין די שווערע מלחמה־ און אָקופּאַציע־יאָרן פאַרלוירן זייערע עלטערן, האָבן דאָ געפונען אַ ליכטיקע, וואַרעמע היים. נישטאָ דאָ די גרויע אומעטיקייט פון אַמאָליקן יתומים־הויז. אַלץ, וואָס איז פאַראַן — דאָס שפּילצייג, די מוזיק־אינסטרומענטן, אַלץ איז געווענדעט אין איין ריכטונג. און אויך דער לערער־פּערסאָנאַל אונטער דער לייטונג פון דער דערציערין לובע ביעליצקאַ — איז געווענדעט צום זעלביקן ציל: פאַרוואַנדלען דאָס יתומים־הויז אין אַ היים, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערציונגס־קורסן פאַר דערציער אין די קינדער־היימען אויף דער אָטוואָצקער ליניע — האָט דאָס שול־קוראַטאָריום גערופן אין קינדערהיים אין דעצעמבער 1946 אַ ווייטערדיקע קאָנפערענץ. צו דער קאָנפע־רענץ זענען אויך געקומען אַ סך קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָבן אפשר דאָס ערשטע מאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ יידישער אינסטיטוציע. געפירט דעם פאָרזיץ האָט די וויזיטאַטאָרין פון דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע פאַר קינ־דער־שוץ, פּרוי זבישעווסקאַ, וועלכע האָט צו פאַרצייכענען אויף איר קאָנטאָ אַ סך אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדערלעך, אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע.

אַ זייער אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער אַרבעט אין קינדער־קלוב האָט געגעבן איינער פון די פירער פון די פּוילישע סקויטן — פינקאָווסקי. נאָכן מיינונגס־אויסטויש, האָבן די אָנטיילנעמען פון דער קאָנפערענץ, די יידישע און פּוילישע דערציער, אין אַ געמיטלעכער שטימונג פאַרבראַכט ביי סערווירטע טישן און זיך קעגנזייטיק געטיילט מיט די איינדרוקן וועגן דעם יידישן קינדער־אַנשטאַלט.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף די דערציער געמאַכט די אַרויסטרעטונג פון דער פאָרזיצערין פון קינדער־ראַט וויערא בלום, וועלכע האָט גערעדט וועגן דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די קינדער.

צום סוף האָבן אַ סך פּוילישע דערציער אַריינגעשריבן אין אויפנעם־בוך זייער גוטע מיינונגען וועגן יידישן קינדער־אַנשטאַלט.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

דאָס יידישע אָפּרו־הויז אין שרודבאָרוּוו *

עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז די פּוילישע יידן פאָרן אַרויס צוויי מאָל אין יאָר אויף אָפּרו אין דעם שיינעם קוראָרט שרודבאָרוּוו לעבן אָטוואָצק, זומער און ווינטער. אין די זומער־חדשים, קומט מען פון גאַנצן לאַנד, פון די וויטסטע שטעט, בכדי צו פאַרברענגען אין אַ היימישער סביבה. מען קומט אַפילו מיט די אייניקלעך, וועלכע פאַרהילכן דעם גאַנצן אַרום פון שיינעם סאָסנע־וואַלד, מיט זייער זאָרגלאָזן, האַרציקן געלעכטער. ווינטער קומען אַהער בלויז עלטערע מענטשן, אַ ביסל פאַרפעלקער, אָבער די מערהייט זענען דאָס איינזאַמע יידישע מענער און פרויען.

אין די סוף דעצעמבער־טעג האָב איך דאָ געטראָפן אַ היבשע צאָל יידן, אַ פולן קאָמפּלעט. קיין איין פריי אָרט איז נישט פאַרבליבן. די קורגעסט זענען כמעט די זעלבע ווי פאַראַיאָרן, בלויז עטלעכע פעלן, וואָס זענען פריצייטיק אַוועק פון אונדז. דער עולם כאַפּט זיך אַרום, מען צעקושט זיך, וואָס מ׳זעט זיך ווידער אַ מאָל אין דעם יידישן אָפּרו־הויז, ווו מען קאָן געמיינזאַם פאַרברענגען צוויי וואָכן, זיין צוזאַמען אין אַ היימישער סביבה און געניסן פון דער פריעשער לופט.

דאָס הויז, וואָס האָט זיך מיט אַ יאָר צוריק געפונען אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד, איז געווען טיילווייז רעמאָנטירט. אויף אַ קאַפּיטאַלן רעמאָנט איז נישט געווען קיין געלט, אַפילו אויף דעם טיילווייזן האָט מען געמוזט נעמען אַ הלוואה. ביסלעכווייז ווערט דער אָפּרו־צענטער אַלץ בעסער אויסגעשטאַט מיט וועש, בעטגעוואַנט, פאַרהאַנגען, טישטעכער און אַנדערע נויטיקע זאַכן. דערויף העלפט אונדז אין אַ גרויסער מאָס דער „דזשאָינט“.

איך כאַפּ אַ שמועס מיט די קור־געסט. אויף אַלעמענס פּנימער איז געבליבן אַ צייכן פון דורכגעמאַכטע ליידן און פּיין בעת דער אָקופּאַציע־צייט. אין באַ־פרייטן פּוילן האָבן די מענטשן פאַרנומען הויכע מלוכהשע פּאָסטנס, דערפילט זיך אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, געאַרבעט מיט גרויס ענטוזיאַזם ביים אַרויס־הויבן דאָס לאַנד פון די חורבות. נישט גערעכנט זיך מיט קיין צייט, אַלע כוחות אָפּגעגעבן פאַר בויען דאָס נייע פּוילן. אַ טייל פון זיי זענען געווען טעטיק ביים אויפריכטן דעם צעשטערטן יידישן ישוב, אָבער די מערהייט האָט זיך אַסימילירט, זיך דערווייטערט פון דער יידישער סביבה. היינט, נאָך די דורכגעמאַכטע איבער־

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

לעבונגען אין די סוף זעכציקער יאָרן, האָבן זיי זיך צוריק דערנענטערט צום שורש. זיי זענען זיך מחיה מיט אַ יידיש לידל, מיט יידישער מוזיק, באַטייליקן זיך אין יידישע יום־טובים, וואָס דערמאָנט זיי די אַלטע היים, טאַטע־מאַמע, די יידישע טראַדיציע. זיי קומען גערן אויף די אימפּרעזן אָרגאַניזירט דורכן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן.

דאָ, אין שרודבאָרוו, האָבן זיי געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין אַנוועזנד אויף אַ קאָנצערט פון אַ בריגאַדע פון יידישן מלוכה־טעאַטער, וועלכע האָט דעם 26טן דעצעמבער געגעבן אַ קליינקונסט־פּראָגראַם פון פאַרמלחמהדיקן „אַראַראַט“, „אַזאַזעל“, „די יידישע באַנדע“ און דער עולם האָט אַנגעקוואָלן פון די האַרציקע יידישע פאָלקס־לידער און געדאַנקט די אַרטיסטן מיט אַפּלאַדיסמענטן.

די מערסטע צייט האָבן אונדזערע קור־געסט אָפּגעגעבן אויף קורצע און לאַנגע שפּאַצירן אין וואַלד, וווּ זיי האָבן דורכגעלופטערט זייערע לונגען און איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך זויער־שטאָף לויט די אָנווייזונגען פון די דאָקטוירים. צווישן די מאַלציטן האָבן זיי אָפּגערוט. עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע שווערע אַפּראָוויזאַציע־באַדינגונגען איז דאָס עסן געווען גאַנץ געשמאַק און נאַרהאַפט. קראַנקע האָבן אַפילו געקאָנט געניסן פון דער נויטיקער דיעטע, פון וואָס אַלע זענען געווען צופרידן. קיינער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף די נאָך פאַראַנענע אומבאַקוועמלעכקייטן, ווי למשל, די אָפטע איבעררייסן די טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען צוליב אַוואַריעס.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער 31טער דעצעמבער האָבן די קור־געסט באַשלאָסן אויף אַ פייערלעכן אופן צו באַגעגענען דאָס נייע יאָר אין אַ היימישער סביבה. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די חברטעס מאַניע ראָזענבערג, רעגינע קעלבערמאַן און דוד גוטמאַן (פון מיסלאָוויץ). מען האָט צונויפגעקליבן צווישן זיך אַ ביסל געלט אויף איינקויפן פּראָדוקטן, עטלעכע פלעשלעך וויין און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס זאָלן דינען אויף פאַנטן־לאָטעריע.

דער עולם האָט זיך אויף אַן אמת געגומען ערנסט גרייטן צו דער פייערונג.

אין די אָוונט־שעהן דעם 31טן דעצעמבער האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אין די שענסטע קליידער ביי באַשיידן געדעקטע טישן. די שטימונג איז געווען אַ יום־טובדיקע. נאָך די דורכגעפירטע פאַנטן־לאָטעריע, האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרטיסטישער טייל, אויסגעפירט מיט אייגענע כוחות.

די ערשטע איז אויפגעטראָטן רעגינקע קעלבערמאַן מיט אַ בינטל יידישע פאָלקסלידער, ווי „כליזמרים“, „אַ שיינער טאָג אַ זוניקער“, „לאָמיר אַלע אין איינעם“, „אַ פאַסטעכל“ א״אַנד. לויט דער ריי האָט בעלאַ בענגאַן רעציטירט עטלעכע לידער פון יוליאַן טווים און באַי־זשעלענסקי. די חברטע זאַוויסטאָווסקאַ

האָט זיך געטיילט מיט אירע זכרונות פון יידישן אָפּרו־הויז אין שרודבאָרווו אין די פופציקער יאָרן און צוגעזאָגט פאַרצווזעצן אירע זכרונות אין קומענדיקן יאָר.

דער באַוווסטער דיכטער פּאַוועל מערלענד האָט פאַרגעלייגט זיינס אָן אייגן ליד וועגן אַ סילוועסטער־נאַכט אין שורדבאָרווו...

די אַלע אויספירער זענען אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרעם און זייערע נומערן זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט אָבער געהאַט דוד באַגוכוואַל מיט זיין רייכן רעפּערטואַר פון יידישן פאָלקלאָר, מיט וועלכן ער טרעט פון צייט צו צייט אויף אין איניקע יידישע קלובן איבערן לאַנד. ער האָט אָנגעהויבן מיט פאַרלייענען די הומאָרעסקע „קאָנקורענטן" פון שלום־עליכם און דאַן אויפגעזונגען מיט אַ סך חן און געפיל די אַלטע יידישע פאָלקס־לידער „אויפן פריפעטשיק", „טשירע באָם", „העמערל, העמערל קלאַפּ", „לחיים", „מקבל פנים זיין", „רייזעלע" און נאָך אַנדערע. דער עולם איז געווען באַגייסטערט, מיטגעזונגען צוזאַמען מיט באַגוכוואַלן און אים כסדר אַרויסגע־רופן אויף „ביס". דוד באַגוכוואַל האָט דאַן אויפגעפירט אייגענע שאַפונגען, אַליין־געשריבענע פּאַראָדיעס, סקעטשן, מאָנאָלאָגן.

די פאַרזאַמלטע האָבן באַוווּנדערט דעם שיינעם זינגער און רעציטאַטאָר און אים באַשאָנקען מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם אויפטריט פון דעם 8־יאָריקן סטווערין גוטמאַן פון מיסלאָוויץ, וועלכער האָט שיין רעציטירט אַ געדיכט.

ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן 12 ביינאַכט האָט אין נאָמען פון פּרעזי־דיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן געהאַלטן אַ טאָאַסט דער סעקרעטאַר אַבֿרהם קוואַטערקאַ. ער האָט אַלעמען האַרציק באַגריסט און געווונטשן, אַז מיר זאָלן זיך ווידעראַמאָל טרעפן אין אַ יאָר אַרום ביי אַ גוטן געזונט און אויסגעדריקט די האָפענונג אַז דאָס נייע יאָר זאָל זיין אַ יאָר פון שלום אויף דער וועלט און פון פעלקער־פריינד־שאַפט.

דער עולם האָט זיך וואַרעם אַרומגענומען, געקושט זיך, געווונטשן קעגנזייטיק אַ סך געזונט און נחת פון די קינדער און אייניקלעך. שפּעטער האָבן איניקע זיך געלאָזט אין אַ טענצל. אַ טייל האָבן אָנגעקוקט די ספּעציעל צוגעגרייטע „שאָפּקע" אין דער טעלעוויזיע.

עס איז געווען אַן איינדרוקספולער אָוונט, צו וואָס עס האָט זיך גוט צוגע־דינט די קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון מאַניע ראָזענבערג, רעגינע קעלבערמאַן און **דוד גוטמאַן.**

די יידן האָבן באַוויזן, אַז אויך מיט אייגענע כוחות, קאָן מען זיך גוט פאַרווײַלן.

בלויז במשך פון צוויי יאָר צייט *

אין אָקטאָבער 1944 האָט אַ גרופּע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער געשאַפן די רעפּרעזענטאַנץ פון די רעשט לעבנגעבליבענע יידן אין פּוילן.

פאַרגעקומען איז עס דאַן, ווען די העלדישע רויטע אַרמיי צוזאַמען מיט די פּוילישע חיילות האָבן זיך געגרייט צום לעצטן שלאַכט קעגן פאַרהאַסטן פיינט — די היטלעריסטישע רוצחים.

נישט קלאָר איז נאָך דאַן געווען די ליניע פון אונדזער אַנטוויקלונג אין ווייטערדיקער טעטיקייט. נישט דייטלעך איז געווען די געזעלשאַפטלעכע פאָרם פון דער דאָזיקער רעפּרעזענטאַנץ. קלאָר און זיכער איז אָבער פאַר אונדז געווען:

1) אַז דאָס דעמאָקראַטישע פּוילן בויט זיך אויף נייע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע יסודות, אַז צו דער טרויעריקער פאַר־סעפּטעמבער־פּאָליטיק וועט מער קיין צוריקוועג נישט זיין; 2) אַז מיר האָבן פאַר זיך צענדליקער טויזנטער יידן, נאָר־וואָס צוריקגעקומענע פון דעם שרעקלעכן גיהנום, פון די וועלדער, פון די בונקערס, נאַקעטע, באָרוועסע, קראַנקע, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, וועלכע מען מוז דרינגענדיק העלפן; 3) אַז עס שטייט פאַר אונדז די ערנסטע אויפגאַבע פון ווידער־אויפבויען דאָס חרוב־געוואָרענע יידישע לעבן אין פּוילן; און 4) אַז אין אַנבליק פון דער טראַגישער סיטואַציע קאָן קיין רייד נישט זיין פון געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער צעשפּליטערטקייט, עס מוזן פאַראייניקט זיין אַלע כוחות, כדי געמיינזאַם באַזייטיקן די שרעקלעכע שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן פאַר זיך.

שוועריקייטן זענען געווען זייער אַ סך. מיר האָבן וואָס אַן אמת געפונען די פולסטע פאַרשטענדעניש און הילף מצד דער פּוילישער רעגירונג, מיר האָבן אָבער גלייכצייטיק שטאַרק געפילט די ווירקונג פון דער טרויעריקער ירושה פון די סאַנאַציע־צייטן, ווי אויך דעם גיפט, וועלכן עס האָט געטראָפן די זעקס יאָר היטלער־אָקופּאַציע.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר געווען אויסגעשטעלט אויסשליסלעך אויף דער הילף פון דער יונגער דעמאָקראַטישער פּוילישער רעגירונג, אָן וועלכע ס'איז הילף פון אויסלאַנד.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

ס'זענען פאַר אונדז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי פאָלגנדיקע אויפגאַבן:

1) שאַפן און צעמענטירן די נאַציאָנאַלע איינהייט, אַזאַ איינהייט, וועלכע זאָל זיין פעיק צו שעפערישער פּאָזיטיווער אַרבעט צווישן יידן;

2) צונויפּמענקלייבן די יתומים, היימלאָזע און פאַרוואָרלאָזטע קינדער און

3) שאַפן פאַר זיי קינדער־היימען, וועלכע זאָלן זיי אַ היים פאַרטרעטן, אָרגאַניזירן פאָלקס־קיכן, נאַכטלעגער — הייזער פאַר די היימלאָזע קראַנקע, אויסגעמאַטערטע יידן;

4) אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף פאַר די טויזנטער קראַנקע, שווינדזוכטיקע און אינוואַלידן;

5) געפינען אַרבעט פאַר צענדליקער טויזנטער יידן און צוגרייטן זיי צו אַ נאָרמאַלן פּראָדוקטיוון לעבן.

6) אויסזוכן און קאָנטאַקטירן פריינד, קרובים אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וועלכע זענען אין דעם שרעקלעכן ווירוואַר פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער גאָרער וועלט.

7) אָנהויבן אַ קולטור און אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַלע, וועלכע זענען במשך פון אַזויפיל יאָרן געווען אָפּגעריסן פון יעטוועדן קולטורעלן לעבן.

צוויי יאָר זענען פאַריבער, זינט דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט. דאָס זענען געווען שווערע יאָרן. אין דער דאָזיקער צייט האָט די רעאַקציע געפירט אַ העפטיקן קאַמף מיט דער דעמאָקראַטיע, נעמענדיק ווי שטענדיק צו הילף אין דעם דאָזיקן קאַמף דעם אַלטן מיטל — דעם אַנטי־סעמיטיזם.

וואָס האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט דערגרייכט במשך פון דער קורצער צייט, ווי האָט ער געלייזט די אַלע אויפגאַבן?

מען מוז פאָרויס פעסטשטעלן, אַז דער צ.ק. און די וואָיעוואָדישע יידישע קאָמיטעטן האָבן געמאַכט און מאַכן אַן ערנסטן פעלער — זיי האָבן ווייניק אינ־פאָרמירט די יידישע באַפעלקערונג וועגן זייער אַרבעט. דער יידישער מענטש איז איבערהויפּט נישט אינפאָרמירט געווען, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן און וואָס עס ווערט געטאָן אין די יידישע קאָמיטעטן. ער האָט אָפט געמאָסטן די טעטיקייטפון קאָמיטעט מיט דעם צי ער האָט געקראָגן גוטע צי שלעכטע הויזן אָדער שיך.

וואָס האָט דער צ.ק. פון די פוילישע יידן באמת דערגרייכט במשך פון צוויי יאָר טעטיקייט?

דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט נעמט אַריין אין זיין באַשטאַנד פאַר־שטייער פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע ווירקן אויף דער יידישער גאַס.

נישט קוקנדיק אויף די מיינונגס־פאַרשידנהייטן איז דאָך געלונגען אין פּראָצעס פון אַרבעט די איינהייט איינצוהאַלטן. ס'איז אַ דערגרייכונג, וועלכע איז לײדער ביים אויסלענדישן יידנטום נישטאָ. דער אַנגעווייטיקסטער פּונקט אין דער טעטי־קייט פונעם צ.ק. איז די סאָציאַלע הילף.

עס מוזן דעריבער זיין טענות פון די נישט באַפרידיקטע. דאָס איז נישט נאָר ביי אונדז. עס איז די אַנגעווייטיקסטע פראַגע אומעטום, אין אַלע הילפס־אינסטיטוציעס. מען מוז אָבער קוקן אַ ביסל ווייטער. במשך פון צוויי יאָר איז דאָ צו פאַרנאָטירן אַ גאַנצע ריי אויפטועןֿ, וועלכע לינדערן די נויט פון אונדזערע ברידער. אָט איז במשך פון די צוויי יאָר געגרינדעט געוואָרן אין לאַנד ביי אַ 600 פאָלקס־קיכן, צענדליקער רעפּאַטריאַנטן־הייזער און מושב־זקנים. עס זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן טויזנטער טאָן פּראָדוקטן און קליידונג. מען האָט אַלע פאַרוואָרלאָזטע יידישע קינדער צוזאַמענגענומען, עגשאַפן פאַר זיי היימען. במשך פון צוויי יאָר האָט דער צ.ק. געגרינדעט 12 פּרעכטיק איינגעאָרדנטע קינדער־היימען פאַר 1.200 קינדער, 50 האַלב־אינטערנאַטן פאַר 2.500 קינדער, פיל מי האָט אויך געקאָסט דאָס אָפּנעמען הונדערטער קינדער פון די קלויסטערס און קריסטלעכע משפחות, וועלכע ווערן דערצויגן אַלס נוצלעכע בירגער און גוטע יידן.

אין משך פון דער צייט האָט די אָפּטיילונג פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע באַשעפ־טיקט אין וואַרשטאַטן, פאַבריקן, קאָאָפּעראַטיוון ביי 40 טויזנט יידן. מען האָט געשאַפן 125 גוט־אָרגאַניזירטע און פּראָספּערירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון, ווו עס האָבן באַקומען באַשעפטיקונג 3 טויזנט אַרבעטער. עס האָבן טויזנטער נישט־קוואַלי־פיצירטע אַרבעטער אויסגעלערנט זיך אַ פאַך און באַקומען אַרבעט דורך דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג.

דאָס אָרגאַניזירן דעם אויפנעם פון 150 טויזנט יידן־רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנ־פאַרבאַנד איז געווען אַן אַקציע פון גאָר וויכטיקער באַדייטונג. אין דער דאָזיקער אַקציע האָט אָנטייל גענומען דער גאַנצער אַקטיוו פון אַלע קאָמיטעטן. זי איז געפירט געוואָרן אין זייער שווערע באַדינגונגען, ביי קליינער פינאַנסיעלער הילף פון אויסלאַנד צו יענער צייט.

די שול־אָפּטיילונג האָט געגרינדעט צענדליקער שולן, ווו חוץ אַלגעמיינע לימודים, האָבן די שילער געלערנט די יידישע און העברעישע שפּראַך. די עמי־גראַציע־אָפּטיילונג האָט געהאָלפן טויזנטער יידן באַקומען אויסלענדישע פּעסער, ווי אויך געגעבן פינאַנסיעלע הילף די, וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

דורך דער איניציאַטיוו און מיטהילף פון צ.ק. פון יידן אין פּוילן זענען געגרינדעט געוואָרן אַזעלכע וויכטיקע און נויטיקע אָרגאַניזאַציעס, ווי „טאָז" און

„אָרט". די קאָסע פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, וועלכע האָט אין משך פון איר עקזיס־טענץ אויסגעבאָרגט 40 מיליאָן זלאָטעס אויף איינאָרדענען אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

שוין 2 יאָר אַרבעט ביים צ.ק. די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, וועלכע זאַמלט און באַאַרבעט מאַטעריאַלן, וועלכע באַקענען די גאַנצע וועלט מיט דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום. די היסטאָרישע קאָמיסיע איז איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, וואָס האָט אַ באַדייטונג פאַרן גאַנצן יידנטום.

מיט דער הילף פון דער עווידענץ־אָפּטיילונג האָבן טויזנטער יידן געפונען זייערע קרובים און פריינד אין לאַנד און אין אויסלאַנד. — אָט דאָס איז אין קורצע און אין אַלגעמיינע שטריכן די טייל אָפּגעטוענע אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן און פון צענטראַל־קאָמיטעט.

...עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז אין משך פון די 2 יאָר איז דער צ.ק. פון די יידן אין פוילן געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פונעם ווידעראויפבוי פון דעם יידישן ישוב אין פוילן. מען מוז אויך נעמען אין אַכט דאָס, אַז ביז יולי 1946 זענען מיר געווען אָנגעוויזן אויף דער הילף בלויז פון דער רעגירונג. די דאָזיקע הילף איז געווען צו קליין אויף צו לינדערן די נויטן פון די יידן. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון געגעבענעם יאָר איז געקומען אַ קענטיקע רעגולערע הילף פון „דזשאָינט", וועלכער האָט באַשטימט דעם נאָרמאַלן בודזשעט פון צ.ק. פון יידן אין פוילן, וואָס האָט דערמעגלעכט אויסצובורייטערן די טאָג־טעגלעכע אַרבעט, פאַרשטאַרקן די אויפגעבויטע פּאָזיציעס, פּאַרפעסטיקן אונדזערע קינדער־היימען, אַוועקשטעלן דאָס יידישע שול־וועזן אויף דער געהע־ריקער הויך, אָנהייבן אַ ברייטע קולטור־אַרבעט, שאַפן דראַמקרייזן, כאָרן, קולטור־הייזער. מיט איין וואָרט — פאַרפעסטיקן דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן דערגרייכט במשך פון די ערשטע 2 יאָר טעטיקייט פון צ.ק. פון די יידן אין פוילן.

פנקס פוילן

די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע האָט אין יאָר 1946 באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ מאָנומענטאַל ווערק „פנקס־פוילן", וואָס זאָל זיין אַ קאָלעקטיווע מצבה דעם גרויסן מאָסן־קבר פון פוילישן יידישן ישוב. אין שייכות דערמיט האָט די קאָמיסיע זיך געווענדט מיט אַ רוף צו די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע צו זאַמלען און צושיקן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון אונדזער פאַרשניטן פאָלק.

דער יידישער ישוב אין פוילן — לייענען מיר דאָרט צווישן אַנדערן — האָט געהערט, צוזאַמען מיט דעם רוסלענדישן, מיט וועלכן ער האָט במשך פון אַ לאַנגער תקופה געטיילט דעם געמיינזאַמען געשיכטלעכן גורל, צו די אייגנאַרטיקע קיבוצים אין לעצטן פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע, גלייכצייטיק האָט ער געהערט צו די סאַמע איינגעוואָרצלטע יידישע ישובים.

די פוילישע ערד קאָן קנאַפּע טויזנט יאָר יידישע געשיכטע נישט רעכענענ־דיק די גרויסע אויפטרייסלונג פון פוילישן יידישן ישוב אין דער צייט פון גרויסן „מבול" (גזירות ת״ח) איז די דאָזיקע טויזנט יאָריקע קאָנטינואיטעט וועזנטלעך נישט אויפגעריסן געוואָרן.

דער פוילישער יידישער ישוב איז אין לעצטן פערטל פון 20־סטן יאָרהונ־דערט נתעלה געווען צו דער מדריגה פון אַ מעטראָפּאָליע לגבי אַלע יידישע ישובים אין אייראָפּע און אַמעריקע. זיי אַלע האָבן זיך גענערט פון זיינע לעבע־דיקע זאַפטן. ער איז געווען דער רעזערוואָר פון נאַציאָנאַלער ענערגיע און שעפערישקייט, אויפן שטח פון דער לאַנגער יידישער געשיכטע קאָן מען דוכט זיך נישט געפינען אַחוץ די אַנטיקע יידישע ישובים אין א״י און בבל — נאָך אַזאַ אייגנאַרטיקן און אין קולטורעלן זינען געשלאָסענעם יידישן קיבוץ, ווי עס איז געווען דער מזרח־אייראָפּעישער בכלל און אין דער פוילישער בפרט.

דער פוילישער יידישער ישוב האָט געהאַט אַלע אַטריבוטן פון אַ פילווערטיקן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. טיף פאַרוואָרצלט ווירטשאַפטלעך געקניפּט און געבונדן

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.



יידישע שרייבער אין שרודבאָרוּוו פון רעכטס דער מחבר,
לילי בערגער, דוד ספֿאַרד און אליהו רייזמאַן.

מיט דער פוילישער ערד, האט ער זיך מיט דעם לאנד ארגאניש צוזאמענגעוואקסן. יידישע שטעטלעך זענען געווארן א וועזנטלעכער עלעמענט פון דער פוילישער לאנדשאפט. יידישע סוחרים און באלמעלאכעס, אן עיקרדיקער באשטאנדטייל פון דער פוילישערווירטשאפט. האט מען זיך געקאנט פארשטעלן א פויליש שטעטל אן יידן, א פוילישן יאריד אן יידישע „סטראגאנעס״?

דער פוילישער יידישער ישוב האט אויסגעפורעמט אן אייגנארטיקן יידיש־נאציאנאלן טיפ — א געמיש פון ממש גראטעסקער וועלט־פרעמדקייט אין שטור־מישן לעבנס־אימפעט, פון אינערלעכן שטאלץ און ווערט — באוווסטזיין, אויסער־לעכער הכנעה און וועלט־ביטול, נוסח־פוילן.*

אין די טיפקייטן פון די מזרח־אייראפעישע מאסן האבן אפשר געדרימלט אור־כוחות פון דעם בראשית־פעריאד פון דער יידישער נאציע, אין זיי האט גע־לעבט דער געשיכטלעכער אינסטינקט פון אונדזער פאלק. מיט דעם אומקום פון פוילישן יידנטום איז דאס יידישע פאלק געטראפן געווארן אין זיין הויפט־נערוו.

די בלוטיקע היטלעריסטישע כוואליע האט אראפגעשווענקט איינעם פון די שטארקסטע און פרוכטבארסטע יידישע ישובים אויף דער וועלט. אין היפוך צו די אמאליקע געשיכטלעכע קאטאסטראפעס, מיט וועלכע אונדזער געשיכטע איז אזוי רייך, איז דא די פארניכטונג געווען א טאטאלע. צוזאמען מיט די יידן זענען אויך פארניכטעט די מאטעריעלע שפורן פון זייער לעבן. דאס „הערן־פאלק״ האט אויסגעקעמפט זיין היסטארישן קאמף אפילו מיט די יידישע בית־עלמינס. די פארברעכער האבן זארגפעלטיק, אויף וויפל עס האט זיך נאר געלאזט, פארווישט די שפורן פון זייערע פארברעכנס.

מיר טארן צו דעם נישט דערלאזן. עס מוז פאראייביקט ווערן דער גרויזאמער און אין זיינע דימענסיעס ביז איצט אומבאקאנטער אומקום פון א גרויסן פאלקס־קאלעקטיוו, און צום אייביקן שאנד־סלופ מוז געשטעלט ווערן דאס דייטשע פאלק.

מיר, די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דעם אמאליקן גרויסן פוילישן קיבוץ, דארפן טייער האלטן זיין אנדענק און טראדיציעס. מיר דארפן פון דער געשיכטע פון פויליש־יידישן ישוב א סך לערנען, און דעם אוצן פון אונדזער רייכער געשיכטלעכער דערפארונג וועט זיכער די געשיכטלעכע דערפארונג פון דעם פוילישן קיבוץ פארנעמען איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער.

אבער קודם־כל דארפן מיר דערפילן אונדזער הייליקן חוב לגבי די מיליאנען דערמארדעטע קדושים, אז זייער זכר זאל נישט פארשווונדן ווערן צוזאמען מיטן רויך און אש פון די קאלך־אויוונס, אין וועלכע זיי האבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות.

אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פוילן, פון רעכטס דער מחבר,
לינקס דער דיכטער סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ

די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פוילן האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שטעלן דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין פוילן אַ דענקמאָל, וואָס זאָל זיין ווירדיק דעם גרויסן עבר פון פוילישן יידנטום — אַ דאָקומענט, וואָס איז דויערהאַפטיקער פון שטיין, אַ מאָנומענט אין געדרוקטן וואָרט.

די קאָמיסיע איז צוגעשטאַנען צו באַאַרבעטן אַן אויסגאַבע אָ"ג „פנקס פוילן", וואָס וועט אַרומנעמען דאָס לעבן און אומקום פון יידישע שטעט און שטעטלעך אין די גרענעצן פון יאָר 1939 — אין דער גרויזאַמער תקופה פון דער היטלער־ריסטישער אָקופּאַציע. יעדע מאָנאָגראַפיע וועט חוץ דעם אַנטהאַלטן אַ געשיכט־לעכן איבערבליק איבער דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דעם געגעבענעם ישוב ביז דעם יאָר 1939.

דער רינגעלבלום־אַרכיוו

די ברייטע יידישע — און נישט בלויז יידישע — געזעלשאַפֿטלעכקייט אינטערעסירט זיך געוואַלטיק מיט דעם ווייטערדיקן גורל פֿון דעם רינגעלבלום־אַרכיוו. דעריבער אינפֿאָרמירן ברייטער וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאַר אַרום דעם אומאָפּשאַצבאַרן אוצר, וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין די קעלערן פֿון דער געביידע אויף נאָוואָליפּקי 68 און וואָס ווערט ווייטער געזוכט אויף דער שווינטאָיערסקע־גאַס.*

אין נאָוועמבער 1946 איז געעפֿנט געוואָרן דער נײַנטער קאַסטן פֿון די ביז איצט אויסגעגראָבענע צען בלעכענע קאַסטנס פֿון דעם דאָזיקן געטאָ־אַרכיוו. אין אונטערשייד צו די פֿריערדיקע קאַסטנס האָט זיך דער נײַנטער קאַסטן קאָנסערווירט אונטער דער ערד און די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס געפֿינען זיך אין אים זענען פֿאַרהעלטנישמעסיק צום ווייניקסטן קאַליע.

אין דעם נײַנטן קאַסטן איז געפֿונען געוואָרן אַ ריי ווערק, געשריבענע מיט דער האַנט, פֿון באַקאַנטע יידישע שרײַבער, וואָס האָבן געלעבט אין געטאָ, געשאַפֿן און איבערגעגעבן זייערע געטאָ־ווערק דעם ד״ר רינגעלבלום צום באַהאַלטן. עס זענען דאָרט פֿאַראַן ווערק פֿון יהושע פּערלע, שאול סטופּניצקי, אַהרן איינהאָרן, בן־ציון כילינאָוויטש און פֿון אַנדערע מחברים, וועמענס נעמען עס איז נאָך נישט געלונגען פֿעסטצושטעלן, אינטערעסאַנט, אַז די שרײַבער באַרירן ס׳רוב די טעמע פֿון דעם מאָראַלישן ניוואָ פֿון די יידן אין געטאָ. בעת אייניקע פֿון די מחברים טאַדלען די אומגליקלעכע ברידער און וואַרפֿן זיי פֿאָר מאָראַלישע ירידה, זאָגן די אַנדערע, אַז דער געטאָ־ייִד איז כולו זכאי, אַז שולדיק זענען די שוידערלעכע באַדינגונגען.

צווישן די געפֿונענע פֿאַרשידענע מאַטעריאַלן איז פֿאַראַן אַ טראַגישער בריוו פֿון גרייז־גרויען הלל צייטלין, וועלכער שרײַבט צו אַ באַקאַנטן, אַז ער הונגערט, שוין חדשים ווי אין זיין און אין זיין ווייבס מויל איז קיין פּיצל ברויט נישט געווען — אַפֿילו אויף שבת. עס ליגן פֿאַר אונדז בריוו און אַרבעטן פֿון קינדער. אין איינעם אַזאַ בריוו שרײַבט אַ קינד מיט גרויס גלויבן אין דער רויטער אַרמיי, אַז זי וועט קומען און באַפֿרייען די יידן.

צו די מערקווירדיקסטע מאַטעריאַלן פֿון דעם נײַנטן קאַסטן געהערט אַ

---

* אַברהם קוואַטערקאָ — „דער רינגעלבלום־אַרכיוו — פֿאָלקס־שטימע 16.2.1985.

סעריע פאָטאָגראַפיעס פון דעם לעבן אין געטאָ. דאָס זענען די טרייסטע און איינציייטיק אויפשוידערנדיקסטע אַנשוילעכע דאָקומענטן פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך געפייניקט אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע. מיר זעען קינדער לעבעדיקע מתים, הויט און ביינער — קרבנות פון הונגער, מיר זעען ווי אַזוי עס ווערט געפירט דער שמוגל ביי די טויערן פון געטאָ. מיר זעען אונדזער בושה — די יידישע פּאָליציי; מיר קוקן זיך אַריין אין זייער פּנים — צו אונדזער גרויסן שאַנד איז דאָס די אינטעליגענץ, די „גאָלדענע יוגנט". אַ סך פון זיי שמייכלען ציניש, אָבער פון געוויסע געזיכטער שלאָגט טראַגיק — די דאָזיקע זענען געגאַנגען אויף דעם העסלעכן פּאַרדינסט, וועלנדיק שטילן דעם הונגער פון ווייב און קינד. מיר זעען דאָס עקלדיקע געזיכט פון דעם משומד שערינסקי, דעם שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי, פון דעם מנובל פירשט און אַנדערע.

אין גיכן ווערט געעפנט דער צענטער קאַסטן. מען גלויבט, אַז עס וועלן גע־פונען ווערן נאָך קאַסטנס. נאָך דעם עפענען און אויסטריקענען, וועט קומען די צווייטע סטאַדיע פון דער אַרבעט — דאָס אויססאָרטירן און קאַטאַלאָגירן, און ערשט דעמלט וועלן קומען צום וואָרט די היסטאָריקער, וועלכע וועלן אַ דאַנק דעם רינגעלבלום־אַרכיוו קאָנען אויפשטעלן אַן אַלזייטיק בילד פון דער געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ.

מיט דער שווערער אַרבעט ביים ראַטעווען די אַרכיוו־מאַטעריאַלן און ביים סאָרטירן און קאַטאַלאָגירן, פירן אָן די דירעקטע מיטאַרבעטער פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום; ה. וואַסער און זיין פרוי בלימע, ווי אויך די צוויי ספּעציעל דעלע־גירטע פון דער קראָקעווער היסטאָרישער קאָמיסיע ד״ר לאָורא אייזהאָרן און א. פּענצאַק, זיי טוען זייער אַרבעט מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

דער קעלצער פּאָגראָם

דאָס פּוילישע פאָלק, וואָס האָט געלעבט 150 יאָר אונטער פרעמדער הערשאַפט, און ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דערגרייכט איר אומאָפּהענגיקייט, האָט נישט אָפּגעשאַפט די פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין לאַנד. די פּוילישע מאַכט־האָבער האָבן ווידער געגומען אַלע דעספּאָטישע מעטאָדן פון צאַרישן רוסלאַנד, פירנדיק אַ פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אויסוואָרצלונג און דיסקרימינאַציע, אין ערשטער ריי קעגן יידן.*

די יידישע אינטעליגענץ איז נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו קיין איינציקן פּאָסטן אין דער אַדמיניסטראַציע, געריכט־וועזן און מיליטער (מיטן אויסנאַם פון דאָקטוירים מיט העכער קוואַליפיקאַציע) און מיט אַ מאָל זענען זיי ממש ווי דערשלאָגן געוואָרן.

שוין ביים באַגינען פון דער פּוילישער מלוכה, בעת דער אַריינמאַרשירינדיקער פון פראַנקרייך פּוילישער אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל יוזעף האַלער, באַגעגענען מיר זיך מיט דער דערשיינונג פון שניידן יידישע בערד און דעם ראַבירן פון יידישע געשעפטן.

מיר ליגט אין זכרון די שחיטה אין לעמבערג, אין נאָוועמבער 1918, וואָס האָט אונדז געקאָסט 600 יידישע קרבנות.

ס׳געדענקען זיך שפּעטער די געטאָ־בענק אין די אוניווערסיטעטן און די מערדערישע איבערפאַלן אויף יידישע סטודענטן מצד די קאָרפּאָראַנטן — די עליטע פון פּוילישן פאָלק. און שוין דאָס טראַגישסטע — די פינצטערע נאַכט פון דער היטלער־אָקופּאַציע, ווען דאָס יידישע לעבן איז געווען לחלוטין הפקר. ס׳איז דאָך באַוווּסט, אַז אַ גרויסער טייל פּאָליאַקן האָבן זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק צום גערעַנגל. דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן קיין השפּעה אויף האַלב־אינטעליגענטע מאַסן און אויף די פּויערים. דערצו נאָך אונטערגעהעצטע פונעם קלער און געבראַכט צום קעלצער פּאָגראָם.

אָסובקאַ־מאָראַווסקי, אַן אויסגעפּרוּווטער סאָציאַליסט פון די אַלטע פּעפּעסאָווישע רייען, איז דעמאָלט געווען דער פּרעמיער. די געשעענישן האָבן אַרויסגע־

---

* אַלס לייטער פון אַ געוויסער אָפּטיילונג אין זיכערהייטס־דינסט אין לאָדזש, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַלע ראַפּאָרטן און מעלדונגען אין דעם זעלבן טאָג, דאָס איז — יולי 1946.

אַ דעלעגאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד ביי די זכרון־שטיינער אין טרעבלינקע. דער דריטער פון רעכטס ראַקאָווסקי, דער מחבר און פוקס — דער פאָרזיצער פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין וואַרשע

רופן אַ גרויסע אויפרעגונג אין אינערן־מיניסטעריום, ווען באַמטע זענען געווען לרוב יידן, מחמת צו די פּאַליאַקן האָט מען נאָך קיין צוטרוי נישט געהאַט — האָט געצווונגען די אָנפירונג אָנצוווענדן זייער שאַרפע מיטלען קעגן די אָנטיילנעמער אין דעם פּאָגראָם. עס זענען דורכגעפירט געוואָרן גרויסע אַרעסטן און שווערע אורטיילן זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן די גראַמילעס. פאַרן שטאַנד־געריכט זענען געשטעלט געוואָרן 9 פּאָגראָמשטשיקעס און באַקומען טויטשטראָף מיט תליה.

דאָס אַלץ האָט שוין אָבער נישט געהאָלפן. דער פּחד וואָס האָט זיך איינ־געגעסן אין יידישע הערצער אין די יאָרן פון דער אָקופּאַציע, האָט זיך נאָך פאַר־גרעסערט. יידן האָבן אָנגעהויבן צווייפלען אין דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט אויף דער פּוילישער ערד און מאַסנווייז געגומען פאַרלאָזן דאָס פּוילישע לאַנד.

איך האָב געזאָגט קודם וועגן אייגנפלוס פון קלער אויף די פּאַליאַקן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די רציחות נישט ערגער פון די דייטשן און וועמענס שנאת־ישראל איז אויך אַ לעגנגערע און כראָנישע. און כדי מייגע ווערטער זאָלן האָבן אַ יסוד, וועל איך ברענגען פּאָלגנדיקע פאַקטן: ווען אַ יידישע דעלעגאַציע האָט זיך געווענדעט צום דעמאָלטיקן בישאָף און שפּעטערדיקן קאַרדינאַל ווישינסקי, ער זאָל זיך סאָלידאַריזירן מיטן פּראָטעסט קעגן קעלצער פּאָגראָם אין זיין פאַרדאַמונג, האָט ער געענטפערט: „דער ביילים־פּראָצעס האָט נאָך נישט באַוויזן, אַז יידן נוצן נישט קריסטלעך בלוט אין די מצות״.

אָבער פּראָטעסטן און מיטינגען זענען פאָרגעקומען אין גאַנצן לאַנד. די גאַנצע פּרעסע האָט געטאַדלט דעם פּאָגראָם. אַ גרויסן שטורעם האָט אויפגעהויבן די פּרעסע אין דער וועלט. אָבער דער אָרגאַן פון פּויפּסט „אָבסערוואַטאָרע ראָ־מאַנאָ״ האָט דערקלערט, אַז „די וואָס לייגן אונטער באָמבעס אין האָטעל „דוד המלך״ אין ירושלים האָבן נישט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן פּאָגראָם...״

דער קאַטאָליציזם האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן טיף אַריינגעדרונגען אין די געהירן און אין מאַרך פונעם פּוילישן פאָלק. אַפילו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דער צייט פון צאַריזם, וועלכע איז געווען טעטיק אויף דער פּויל־שער ערד, איז אין דער נשמה געווען פאַרפּעסטעט פון נאַציאָנאַליזם און בענק־שאַפט צו דער קירכע. דער קלער, אין שפּיץ מיטן קאַרדינאַל הלאָנד האָט וועגן דעם גוט געוווסט. מ'האָט געקאָנט צעוויגנדיק די קירכן־גלאָקן אויסניכטערן דעם צעהיצטן המון, אָבער — קיינער האָט דאָס מויל נישט געעפנט.

אָבער די פּראָטעסטן האָבן נישט אויפגעהערט. דער פאָרשטייער פון פּ.פּ.ס. — אַנטאָאָווסקי, באַגריסנדיק אַזאַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון יידן האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „נישט צום ערשטן מאָל און נישט צום לעצטן מאָל טרעפן מיר זיך

אַ דעלעגאַציע פון קולטור־פאַרבאַנד אין אָשוויענצים. דער מחבר, ליובאַ ברוידע, שעל, טעשקע קורמן און מאיר לעוויט

מיט יידישע אַרבעטער. מיר פירן צוזאַמען דעם קאַמף קעגן רעאַקציע, דערפאַר האָט דער קעלצער פּאָגראָם אויך אונדז ווייטיקלעך געטראָפן. דער אַרבעטער־קלאַס פון פוילן וועט נישט דערלאָזן אייך צו באַוועלן. זאָל לעבן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט!".

אויך דער בירגערמייסטער פון ליגניץ סטופּאַק, שילדערנדיק די באַדינגונגען אין וועלכע ס'האָבן געלעבט די יידישע פאָלקסמאַסן ביז 1939 — דערמאָנט די בלוטיקע געשעענישן.

✶

פוילן, ווי באַוווסט, איז דאָס באַרימטע לאַנד מיט איר יידן־שנאה און פּאָגראָמען: נעמען מיר נאָר דאָס צענדליק יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג, קאָנען מיר פאַרצייכענען אַ גאַנצע ריי מיט קלענערע און גרעסערע פּאָגראָמען אין דעם קאַטויליש־פּרומאַקישן לאַנד ווו יידן האָבן שוין געלעבט מיט הונדערטער יאָרן, איידער פּאָליאַקן זענען געוואָרן אַ פאָלק.

פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין אָדזשיוואָל, אָפּאַטשינער קרייז אין 1935. דער סאַנאַציע־רעזשים האָט אין 1935 פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס, האָט ער זיך גענומען דעקן אַלץ מער און מער מיט יידן־פרעסערישע לאָזונגען און פּאָגראָם־אַקציעס, האַבנדיק צוהילף די גאַנצע פּוילישע רעאַקציע מיט די אונטערוועלט.

אין זיין עקספּאָזע פון פּרעמיער סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי געהאַלטן דעם 4טן יוני 1936, האָט ער פולשטענדיק באַגיטיקט דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין כאַראַקטעריסטישער דערקלערונג: „באָיקאָט אָווּשעם"... עקאָנאָמישער באָיקאָט — אדרבא...

די רעאַקציע האָט נישט גערוט. אַ מעכטיקע כוואַליע פון שטרייקן, פון בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך צעגאָסן איבערן לאַנד — אין קראָקע, אין לעמבערג, טשענסטאָכאָוו, כזשאַנאָוו, גדאַנסק, קראָסני סטאַוו און אַנדערע פּוילישע שטעט און אָנגעוואָרפן אויף דער סאַנאַציע־רעגירונג אַ פּחד.

זוכנדיק מיטלען ווי צו דערשטיקן די וואַקסנדיקע כוואַליע פון אומצופרידנקייט און צאָרן, האָט מען זיך געכאַפּט צום אַלטן, אויסגעפּרוווטן געווער — אַנטיסעמיטיזם, גיפטיקע האַס־העצע קעגן יידן.

די כוליגאַנעס פון די שולדיקע אין די גוואַלדטאַטן האָט מען נישט געדאַרפט לאַנג זוכן. ביי דער האַנט זענען געווען די ענדעקישע „זשילעטקאַזשעס" וועלכע זענען געשיצט געוואָרן פון דער סאַנאַציע־פּאָליציי. פאַרן שפּאַלטן דעם קאָפּ פון אַן אַלטן ייד אָדער איבערקערן דעם סטראַגאַן פון אַן אָרעמער יידענע, וואָס האָט

מיט אויפגעהויבענע הענט געשריגן „שמע ישראל" זענדיק וואָס מ׳האָט געמאַכט פון איר אָרעמקייט — האָבן זיי געזען אין די כוליגאַנעס נאַציאָנאַלע גבורים, ממש, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער „זשידאָ־קאָמונע".

און דער קלער האָט געשוויגן.

מע האָט געלאָזט אין גאַנג פאַרשידענע בילבולים, געשיכטעס שלא היה ולא נברא, עלילת דם־פּזמונים, ווי דער אַלטער בילבול מיט בלוט פון קריסטלעכע קינדער אויף מצות; מ׳האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידן קויפן אויס די מילך (ביי וועמען?) כדי עס זאָל פאַר קריסטן נישט בלייבן. אַז יידן האָבן די מאַכט אין לאַנד און לאָזן נישט צו קיין נישט־יידן צום האַנדל; אַז זיי וועלן פאַרמאַכן די קלויסטערס און נאָר יידישע שולן וועלן בלייבן; אַז אין די שולעס וועלן קריסט־לעכע קינדער מוזן לערנען די יידישע רעליגיע; אַז יידן האָבן דערטרונקען קריסטלעכע קינדער אין אַ ליים־גרוב... און נאָך און נאָך נישט געשטויגענע מעשיות.

און דאָס פּעבל האָט געגלויבט, יאָ, געגלויבט, ווייל די געשיכטעס האָט מען איבערגעגעבן אין נאָמען פון דעם אָדער יענעם גלח...

און דער קנויל האָט זיך צעוויקלט און צעוויקלט. און דאָ און דאָרט אַלע טאָג, עקסצעסן, כוליגאַנישע איבערפאַלן, רויב, גוואַלטאַט און פאַרוווּנדעטע. דער פּראָפעסאָר פון מעדיצין מיכאַלעוויטש און קאַטאַרבינסקי. (נייע פאָלקסצייי־

דעם 24טן יוני 1936, דער ביינאַכטיקער מאַרש אָרגאַניזירט פון דאָבאָשינסקי אויף מישלעניץ, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט שלאָגן יידן, מיט דעמאָלירן יידישע הייזער און קראָמען („נייע פאָלקסצייטונג", נומ. 187 24/1936). דעם 4טן סעפּ־טעמבער האָט אַ גרופּע פּאָגראָמשטשיקעס אין מינסק מאַזאָוויעצקי דעמאָלירט יידישע סטראַגאַנעס און קראָמען, געהאַקט שויבן, פאַרוווּנדעט 30 פּערזאָן. דער פּירשט ראַדזיוויל, האָט אונטערגעכאַפּט די לאָזונג פון די ענדעקעס „פוילן אָן יידן" און פון דער סיים־טריבונע געפאָדערט אַ צוואַנגס־עמיגראַציע פון די פוילישע יידן.

די פּאָגראָמען אין בריסק און טשענסטאָכאָוו.

אין דער פ.פ.סישער צייטונג „ראָבאָטניק" פון 8טן יולי 1937 איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אַ פּראָטעסט אין וועלכן די פּאָגראָמען ווערן באַטראַכט ווי אַ פאַר־ברעכערישע אַקציע און דער פּראָטעסט רופט צום קאַמף קעגן דער פאַרפלייצונג פון באַרבאַריזם. דער פּראָטעסט איז אונטערגעשריבן פון 29 פּראָפעסאָרן, דאָ־צענטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און שרייבערס, צווישן זיי טאַדעוש קאַטאַרבינסקי, סטעפאַן טשאַרנאָווסקי, אַדוואָקאַט וואַצלאַוו שימאַנסקי, וואַצלאַוו ראַגאָוויטש א״אַ.

עס האָט נישט אָנערקענט די שוואַרצע פּאַראָרדענונג פון די געטאָ־בענק טונג" נומ. 223, 24.10.1937).

די באַרימטע שרייבערין מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ אין אַן אַרטיקל אין דער פוילישער צייטונג „דזשעניק פּאָפּולאַרני״ דריקט אויס צאָרן און שאַנד פון די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן.

ד״ר העגריק דעמבינסקי שטעמפּלט מיט צאָרן דאָס איינפירן די געטאָ־בענק אין די הויכשולן.

דעם 17טן מערץ איז אין לאָקאַל פונעם יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג אין שייכות מיטן פּאָגראָם אין פּשיטיק, וואָס האָט אַרויסגערופן דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן אין גאַנצן לאַנד.

אויף דעם מיטינג זענען אַרויסגעטראָטן שרייבערס פון פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, צווישן אַנדערע זענען געווען: נח פּרילוצקי, בערל מאַרק, לעאָ פינ־קעלשטיין, דער בונדישער פּובליציסט ב. שעפנער; פון לינקע פּועלי־ציון — בוקסבוים.

עס זענען אויך אַרויסגעטראָטן דער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט סטעפאַן טשאַרנאָווסקי. ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק די טיפע חרפּה און דעם צאָרן פון פיל ערלעכע פּאָליאַקן צוליב די שענדלעכע פּאָגראָמען וואָס קומען פאָר לעצטנס אין פוילן. („נייע פאָלקסצייטונג״, מערץ 1936, נר. 17־19 — 80־83).

און אחרון אחרון —

דער בעסטיאַלער קעלצער פּאָגראָם וואָס איז פאָרגעקומען אין 1946, דאָס הייסט אַ יאָר נאָכן נצחון איבערן היטלעריזם, ווען ביי דער מאַכט איז געווען אַ לינקע רעגירונג.

די פּאָליאַקן באַרימען זיך מיט דעם, אַז ביי זיי איז נישט געווען קיין קאָלאַ־באָראַציע־רעגירונג ווי אין אייניקע אַנדערע לענדער אין אייראָפּע. אָבער דאָס פּוילישע פאָלק קאָן זיך זיכער נישט באַרימען אַז זיי האָבן לגבי יידן אַ ריין געוויסן: אַ גרויסער טייל פּוילישע מענטשן זענען געווען אַקטיווע מיטהעלפערס אין די רציחות פון די דייטשן און אַ סך פון די רציחות האָבן די דייטשן אויס־געפירט מיט די הענט פון פּאָליאַקן, אוקראַינער, ווייסרוסן און אַ סך אַ סך אַנדערע. אָבער אויך דאַן, ווען זיי האָבן דירעקט נישט קיין אַנטייל גענומען אין די מערדערישע שחיטות, איז זייער גלייכגילט געווען אַ צושטימונג מיט די טרויע־ריקע פאַקטן.

די פּערפידיע פון דעם קעלצער פּאָגראָם איז אויף אַזויפיל טיפער, עקלדי־קער, גרויזאַמער, ווען מע נעמט אין אַכט אַז ער האָט זיך געפירט קעגן אַ קליינע צאָל יידן, געראַטעוועטע ערשט פון די היטלערישע גאַז־אויוונס און האָבן פאַר־

די מצבה פון דעם אָנדענק פון זעכציק טויזנט יידישע
ברידער פון ביאַליסטאָקער געטאָ

די פּאָליאַקן נאָך נישט פאַרגעשטעלט קיין שום געפאַר — נישט פּאָליטיש, נישט עקאָנאָמיש.

אין פּאָגראָם זענען אומגעקומען 47 מענטשן, 41 דערמאָרדעט אויפן אָרט, 6 געשטאָרבן פון די ווונדן אין די שפּיטעלער, — 50 פאַרוווּנדעטע.

די פּוילישע פּרעסע און די זיכערהייטס־אָרגאַנען האָבן געמאָלדן וועגן אַרעסט פון 62 פּאָגראָמשטשיקעס. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אויך אַ גרופּע מיליציאַנטן און דער אָפיציר וולאַדיסלאַוו בעלאַכוט. ער האָט אויפגעפאָדערט די יידן פון בנין אויף פּלאַנטי־גאַס 7, עפענען די טיר. ווען מ׳האָט געעפנט האָט ער אַנט־וואָפנט די יידן וועלכע האָבן געהאַט קורץ געווער און דערנאָך אַליין אַנטייל גענומען אין דער שחיטה.

ס׳איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער פאַרטרעטער פון וואָיעוואָדישן קאָמענ־דאַנט פון דער פאָלקס־מיליץ מאַיאָר גוויאַזדאָוויטש וועלכער האָט אין אַ גרויסער מאָס געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די שטימונגען אין פּוילישן פאָלק לגבי די יידן האָבן זיך נישט געענדערט אויך אין דער צייט פונעם נייעם סאָציאַליסטישן רעזשים, נישט מיט די עקאָ־נאָמישע שוועריקייטן און נישט מיט דער שינאה צו אים פון דעם פרומען, קאַטוילישן פאָלק, צוליב דעם גרויסן יידישן אַנטייל אין די פאַרשידענע מלוכה־אָרגאַנען.

יידן מיט אַ חוש פאַר דערווירקלעכקייט האָבן באַלד נאָכן קעלצער פּאָגראָם זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַ פאַר יידן וועט אין פּוילן מער קיין לעבן נישט זיין. גרויסע טיילן האָבן באַלד גענומען פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אַנדערע שפּעטער. די פאַרבליבענע האָבן קעגן די פאַרשידענע פיינטלעכע דערשיינונגען נישט פּראָטעס־טירט, קיינעם קיין פאָרוואורפן נישט געמאַכט. געוווינטע פון אַמאָליקע יאָרן צו גזירות און רדיפות, זיי האָבן נאָר געפילט עפּעס אַ מאָדנע שרעק, אָפּגעקרעכצט, האָט מען געוואַרט אויף נייע צרות — יידן זענען געוווינט — און מ׳איז ווייטער געבליבן.

דאָס מאָל האָט דער אינסטינקט זיי אָפּגענאַרט. ווער מען האָט זיך געחלומט, אַז מיט 22 יאָר שפּעטער, וועט גאָמולקאַ דערפירן דעם ישוב צו אַזאַ טרויע־ריקן סוף?

דער פּחד איז געוואָרן נאָך דריקנדיקער, שווערער נאָכן בילבול אויף די יידישע דאָקטוירים און דעם אויסמאָרדן די יידישע שרייבערס און קולטור־טוער. ס׳איז געווען קלאָר: דער אומגליק קאָן זיך דערקייקלען אויך קיין פּוילן. און דער גרויסער טייל האָט גענומען דעם וואַנדערשטעקן און פאַרלאָזט דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן געהאַט וואָרצלען פון דורות.

יידישע פּאָליציאַנטן און געסטאַפּאָ־אַגענטן ווערן געמשפּט *

גלייך נאָך דער באַפרייונג זענען די היטלער־רוצחים, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק. כמעט אַלע נאַציסטישע פאַרברעכער, ווי דער גובערנאַטאָר אין וואַרשע, דער היטלעריסטישער תּליון לודוויג פישער, דער קאָמענדאַנט פון אויש־וויץ, דער קאָמענדאַנט פון מאַידאַנעק און אַנדערע גרעסערע און קלענערע מער־דער האָבן געהאַט פּראָצעסן, ווו נאָכן באַווייזן די דאָקומענטן פון זייערע אומ־מענטשלעכע מעשים, האָבן אַלע באַקומען אַ פאַרדינטן פּסק־דין — טויט־שטראָף, וואָס איז גלייך אויסגעפירט געוואָרן.

די געכאַפּטע יידישע יוצר־משרתים, פּאָליציאַנטן און מוסרים זענען געשטעלט געוואָרן פאַרן געשאַפענעם ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן בירגער־געריכט, וועלכער האָט נאָכן אַלזייטיקן באַטראַכטן און אַנאַליזירן דעם באַשולדי־קונגס־אַקט באַקומען אורטיילן פון אַ מאָראַלישן כאַראַקטער, אויסגעשלאָסן צו ווערן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

דער ערשטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סוף יאָר 1946 קעגן דעם באַקאַנטן יידישן באָקסער שעפּסל ראָטהאָלץ. אָט איז אַ קורצע רעלאַציע פון דעם דאָזיקן פּראָצעס, לויט דער יידישער פּרעסע.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תּל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

פאָלקס־משפט איבער שעפסל ראָטהאָלץ *

דעם 23סטן נאָוועמבער 1946 האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע, אין גרויסן זאַל פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן, דער ערשטער משפט פונעם יידישן בירגער־גערי‌כט איבער אַ געוועזענעם פּאָליציאַנט אין וואַרשעווער געטאָ, דעם אַמאָל באַקאַנטן באָקסער און מייסטער פון פוילן — שעפסל ראָטהאָלץ.

דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע וואָך. אין פאַרלויף פון פּראָצעס זענען אויסגעהערט געוואָרן צענדליקער עדות און עקספּערטן, וועלכע האָבן אַלזייטיק באַלויכטן דאָס טרויעריקע און ווייטיקלעכע קאַפּיטל, וואָס האָט געהייסן „יידישע פּאָליציי אין געטאָ". זייער וואָגיק זענען אויך געווען די רעדעס פון פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער, וועלכע האָבן איבערגעגעבן אַ גענויעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז וועגן דעם שווידערלעכן צושטאַנד, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען דער האַלבער מיליאָן יידן אין וואַרשעווער געטאָ.

דער אורטייל איז נאָך אַ צוויי־שעהדיקער באַראַטונג פון געריכט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, פרייטיק דעם 29סטן נאָוועמבער 1946. דער אורטייל לויטעט: שעפסל ראָטהאָלץ, געבוירן אין 1912 אין וואַרשע, דער זון פון לייב און ליבע, ווערט אָנערקענט פאַר שולדיק אין שלאָגן יידן אין געטאָ און ווערט פאַרמשפּט אויף 2 יאָר צו ווערן געשטעלט מחוץ דער יידישער געזעלשאַפט און פאַרלירן זיין וואַל־רעכט אין דער יידישער געזעלשאַפט אויף דריי יאָר.

ווייטער ווילן מיר ברענגען אייניקע פּרטים פונעם פּראָצעס.

...אַלס ערשטער עדות ווערט אויסגעהערט רותקע קירשנבלאַט, אַ באַאַמטין פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן, וועלכע איז אַדורכגעגאַנגען דעם גיהנום פון וואַרשעווער געטאָ, דריי מאָל געווען אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" און צום סוף אַריינגעטריבן געוואָרן אין וואַגאָן און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק און שפּעטער קיין אָשוויענצים.

— ראָטהאָלצן, — זאָגט דער עדות, — האָב איך גוט געקענט נאָך פון דער מלחמה און איך האָב אויך געוווּסט, אַז ער דינט אין דער פּאָליציי. מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים איז געווען אין דעם מוראדיקן טאָג, ווען מען האָט בלאָקירט די גאַסן: דזשעלנאַ, קאַרמעליצקאַ און זאַמענהאָף. יידישע פּאָליציאַנטן האָבן דאָן

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

אַרויסגעשלעפּט אויך מיך צוזאַמען מיט מיין חברטע, אַ שוועסטער פון דעם פּאַליציאַנט מאַקס פיינגלאַס. מיר זוכן צווישן די יידישע פּאַליציאַנטן פיינגלאַסן, אָבער דאָ טרעפן מיר זיך אָן אויף ראַטהאַלצן. — שעפּסל איז שנעל אַנטלאָפן, אַזוי ווי ער וואָלט אונדז קיינמאָל נישט געקענט.

צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער יידן האָט מען אונדז אָוועקגעפירט אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" און דאָרט האָט אונדז אַ פּאַרסאָפּעטער אָנגעיאָגט מאַקס פיינגלאַס. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען דאָרט געשטאַנען האָבן מיר געהערט אַ שיסעריי באַגלייט מיט פאַרצווייפלטע קולות, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן נישט ווייט פון די וואַגאָנעס, ווו מען האָט אַריינגעשטופּט די קרבנות. פאַר אונדזערע אויגן האָבן מיר געזען אָן אַ שיער צעבלוטיקטע יידן און אויך מתים. מיין חברטעס ברודער, דער פּאַליציאַנט, האָט גענומען אונדז ביידן און אַרויפגעפירט אין אַ זייטיקן צימער פון דעם גרויסן הויז אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ". אַ יידישע פרוי, וועלכע האָט איין קינד געטראָגן אויף דער האַנט און דאָס צווייטע ביי דער זייט, איז אונדז נאָכגעגאַנגען און אויך געוואָלט אַריין אין דעם זעלביקן צימער. מאַקס פיינגלאַס, וועלכן איך האָב תמיד געקענט פאַר אַ ווילן בחור, האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט דער פרוי און נישט קאָנענדיק זיך מיט איר אָן עצה געבן, האָט ער אַרויסגעריסן פון איר דאָס קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף דער האַנט און עס אַרויסגעוואָרפן אויפן הויף אַראָפּ. איך האָב אים אַ ריס געטאָן פאַר דער האַנט מיט אַ געשריי: מאַקס! וואָס האָסטו געטאָן? אָבער ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שרעקלעכן זעץ אין פּנים אַריין. דאָרטן האָט זיך אויך געפונען ראַטהאַלץ. ער איז נישט געווען בעסער און נישט ערגער פון די אַנדערע יידישע פּאַליציאַנטן.

אַדוו. אַלאַמוצקי: זענט איר דאָרטן געווען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. וואָס האָט דאַן געטאָן פיינגלאַס?

עדות: ער איז אַלע מאָל אַריינגעלאָפן צו אונדז אין צימער און געזאָגט צו דער שוועסטער, אַז עס איז היינט אוממעגלעך עפּעס אויפצוטאָן, ווייל די יידישע פּאַליציאַנטן, וואָס האָבן היינט דעם דינסט דאַרף מען אַלע אויסשיסן ווי די הינט.

אַדוו. יודקאָווסקי: פון וועלכן שטאָק האָט מאַקס פיינגלאַס אַרויסגעוואָרפן דאָס קינד דורכן פענצטער?

עדות: (נאָך אַ קורצער פּויזע און מיט טרערן אין די אויגן) פון דריי מיט אַ האַלבן שטאָק!...

אַ שווידער גייט דורך איבערן זאַל.

פּאַרטייידיקער: צי זענען געווען פאַלן פון ריוואַליזאַציע צווישן עלטערן און קינדער, אָדער מאַן און ווייב?

עדות: ליידער יאָ.

אַדוו. אַלאַמוצקי: מיט וואָס קאָנט איר דערקלערן דעם שוידערלעכן טאָט פון פאַמיליאַנט פיינגלאָס?

עדות: ער איז שוין דעמאָלט נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַן אמתע חיה.

אַדוו. קאָניעצפּאָלסקאַ: וואָס איז אייער מיינונג וועגן דער פּאָליציי, וואָס איז געבליבן נאָכן 6טן סעפּטעמבער 1942?

עדות: זיי זענען געווען ערגער פון די דייטשן, זיי האָבן טאָג־טעגלעך גע־טאָפּטשעט אין יידיש בלוט. די שנאה צו די פּאָליציאַנטן איז געווען אַ שרעקלעכע.

אַלס ווייטערדיקער עדות ווערט אויסגעהערט די דיכטערין געלבאַרד (פּאָ־רוטשניק טשייקאַ), וועלכע איז פינף מאָל געשלעפּט געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, ביז זי איז מיט דער הילף פון אַ דאָרפיש מיידל אַרויס פון געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן אין אָטוואָצק. אויף דער פראַגע פון פּראָקוראָר ענפערט דער עדות, אַז קיין שום פּאָליציאַנט האָט נישט געהאָלפן קיין ייד. אַלע זענען זיי געווען שאַבראַווצעס און באַנדיטן. אַפילו אַזאַ אַדוואָקאַט הערץ, וועלכער פלעגט תמיד קומען אין „זשעמיאַנסקאַ" און אָנגעגאַנגען פאַר אַן איידעלן מענטש, איז אין דער פּאָליציי געווען אַ באַנדיט.

דער עדות שמעון שלאָסבערג האָט דערקלערט, אַז ראָטהאָלץ איז געווען ערגער פון די דייטשן. ביי אים האָט מען זיך נישט געקאָנט אויסקויפן און אַז זיין ברודער איז אומגעקומען נאָר צוליב ראָטהאָלצן. נאָכן אויסהערן די עקס־פּערטן פון די טוער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון יידן אין פוילן מאַרעק ביטער, פּראָפ. יוסף סאַק און י. פּאָלק, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער אורטייל, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט אין אָנהייב פון אונדזער רעלאַציע.

לודוויג פישער אויף דער תליה *

דעם 13טן מערץ 1947 האָט דער העכסטער פּאָלקס־טריבונאַל אין פּוילן אַרויסגעגעבן אַן אורטייל, לויט וועלכן די נאַצישע רוצחים צוזאַמען מיטן גובער־נאַטאָר פון וואַרשעווער דיסטריקט לודוויג פישער זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און איינער — ד״ר לייסט אויף 8 יאָר תפיסה. דער פּראָצעס פון פישער און זיינע חברים איז דער אָנהויב פון אַ סעריע פּראָצעסן, וואָס דאַרפן משפּטן די פאַרברעכער אויפן אָרט פון זייער פאַרברעכן.

אָנהויבנדיק פון ערשטן אָקופּאַציע־יאָר ביז דעם מאָמענט, ווען דער דייטשער אָקופּאַנט איז געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן די הויפּט־שטאָט פון פּוילן — האָט לודוויג פישער צוזאַמען מיט זיין חברותא געהערשט אין וואַרשע און אין גאַנצן וואַרשעווער דיסטריקט מיט דער הילף פון שרעקלעכסטן טעראָר, אַדורכגעפירט מיט דער גאַנצער אויסרעכענונג די אויסראָטונג פון האַלבמיליאָניקן וואַרשעווער יידנטום און די דיסקרימינאַציע־ און רויב־פּאָליטיק פון דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג — גענוי און פּינקטלעך, מיט דער טיפישער, טעמפּער, דייטשער סיסטעמאַטישקייט.

פישער האָט נישט בלויז אונטערגעשריבן די באַפעלן איינצושליסן 500.000 יידן אין אַ געטאָ, צו שאַפן דעם טויט־לאַגער אין טרעבלינקע, אַרויסצופירן צענד־ליקער טויזנטער פּאַליאַקן אויף צוואַנג־אַרבעט — ער איז אויך געווען דער העכ־סטער קאָנטראָל־אָרגאַן, וואָס האָט אַכטונג געגעבן, אַז דאָס אַלץ זאָל דורכגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

יעדער ס.ס.־מאַן און דייטשער אָנפירער איז געווען אַ קליין שרייפל אין דעם גרויסן מערדערישן אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך גערופן „דאָס דריטע רייך״. פישער איז געווען פון די וויכטיקסטע היטלעריסטישע סאַטראַפּן, אין וועמענס הענט עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פון אַ גרויסן טייל באַצווינגטן פּוילן. די פּלאַקאַטן מיט די גרויל־גזירות, וואָס זענען געווען געצייכנט מיט זיין אונטער־שריפט, זענען געווען אויסגעקלעפּט פון דער ווייסל ביז דעם בוג, און האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד און מורא אויף מיליאָנען מענטשן.

דאָ, אין זיין טויט־מלוכה איז אַנטשטאַנען דאָס שרעקלעכסטע געטאָ פון גאַנץ

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.

פוילן — דאָס וואַרשעווער געטאָ און דער מוראדיקסטער טויט־לאַגער טרעבלינקע.

אין דעם אַלגעמיינעם גטייעג פון די היטלעריסטישע רוצחים איבערצויאָגן זיך אין אכזריות — האָט גובערנאַטאָר פישער דערגרייכט אַ רעקאָרד.

אין דער מלאכה זיינער איז ער געווען ענערגיש. מיר האָבן אים געזען אַרומ־פאָרן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון זיין גובערניע, אַליין מעסטן די גרע־נעצן פון די געטאָס, וווהין מען האָט געדאַרפט אַריינטרייבן די יידן, אַליין זיך איבערצייגן אויפן אָרט, צי זיינע פאַראָרדענונגען ווערן אַמאָל נישט פאַרבויגן דורך די נידעריקע באַאַמטע.

און איצט איז געקומען דער מאָמענט פון באַצאָלונג, ווען די גערעכטיקייט פאָדערט אַ חשבון פאַר די אַלע פינצטערע מעשים. דאָס איז אפשר די גרעסטע סאַטיספאַקציע, וואָס די געשיכטע האָט געקאָנט געבן פאַר דער חרובער שטאָט וואַרשע, אַז אין אירע צעשטערטע מויערן זאָלן איצט אויסגיין אויף תליות די באַצווינגער אירע, די מערדער פון אירע זין און טעכטער.

זאָל דאָס אויך זיין אַ שטיקעלע טרייסט פאַר דעם אומגעקומענעם וואַרשע־ווער יידנטום, פאַר די הונדערטער טויזנטער קדושים פון די געטאָס פון וואַרשע, שעדלעץ, זשעלעכאָוו, קאַלושין, פּיאָטרקאָוו, זשיראַרדאָוו און אַנדערע.

די דאָזיקע קדושים האָבן זיך לאַנגע חדשים געפייניקט אין געטאָ מיט דער קללה אויף די ליפּן פאַר די היטלעריסטישע געזעץ־געבער, און מיט דער צוואה פון נקמה נעמען פאַר זייער פּיין האָבן זיי אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

קיין פולע נקמה פאַר די מיליאָנען קדושים איז נישט מעגלעך, אָבער דאָס געשריי פון אומזיסט פאַרגאָסענעם בלוט טאָר נישט בלייבן און וועט נישט בלייבן קיין קול קורא במדבר. דאָס געשריי וועט פאַרנומען ווערן דורך די אויערן פון דער געשיכטלעכער גערעכטיקייט.

די היטלעריסטישע רוצחים האָבן זייער פּסק באַקומען!

דאָס נייע לעבן *

אין יאָר 1945 האָט אָנגעהויבן דערשיינען „דאָס נייע לעבן" אונטער דער רעדאַקציע פון מיכאל מירסקי.

די צייטונג, וועלכע איז אין אָנהויב דערשינען איין מאָל אין דער וואָך און אין אַ קורצער צייט אַרום אָנגעהויבן דערשיינען דריי מאָל אין דער וואָך, איז געשאַפן געוואָרן אַלס דער אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דער צענטראַלער יידישער קאָמיטעט האָט זיך איבערגעטראָגן פון לובלין קיין וואַרשע און האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאַר־איייניקטע קערפּערשאַפט פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס, כדי בשותפות העלפן שטעלן אויף די פיס די יידן, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם גרויסן חורבן. אין דאָזיקן קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט זיינע אָפּטיילונגען אין די גרעסערע שטעט און אין די צוגעקומענע מערב־געביטן פון פוילן, זענען געווען פאַרטראָטן די פאַרשטייער פון אַלע יידישע פּאַרטייען און די צייטונג האָט במילא אָפּגעשפּיגלט דעם נס פונעם אַנטשטיין פון יידישן לעבן און פון דער פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס האָט ווידער גענומען שפּראָצן אין פוילן אויף די חורבות פון מיליאָניקן יידנטום.

אינעם לאַנד פון ערשט איבערגעלעבטן מוראדיקן נאַציאָנאַלן אומגליק, זענען די יידישע קאָמוניסטן געקומען מיט זייער פּראָגראַם פון ווידער אויפבוי פון יידישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד, וואָס האָט געדאַרפט אַריינגעמען אויך דאָס אויפ־לעבן די יידישע קולטור, יידיש דערציונגס־וועזן.

די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן אין דער אַרבעט פון יידישן קאָמיטעט אַריינ־געבערענגט יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט און געזעלשאַפטלעכע אחריות און טאַקע אַ דאַנק דער באַטייליקונג פון ציוניסטישע עסקנים מיט זייערע פּובליציסטישע אַרבעטן אין „דאָס נייע לעבן", האָט אין אָנהויב די צייטונג געהאַט אין אַ געווי־סער מאָס אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און איז נישט דערלאָזט געוואָרן צו איגנאָ־רירן די שטרעבונגען פון יידישן פאָלק צום אויפבויען זיין נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע פּובליציסטן האָבן געטון אַלץ, אַז די אידעע פון אויפבויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל זאָל קומען צום אויסדרוק אויף די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער צייטונג.

---

* איז דערשינען אונטער דער דירעקציע פון מיכאל מירסקי אין יאָר 1945.


TOWARZYSTWO
SPOŁECZNO-KULTURALNE
ŻYDÓW W POLSCE
ZARZĄD GŁÓWNY

LEGITYMACJA CZŁONKOWSKA

Nr. 6415

Nazwisko i imię Salomon
mgr. Strauss-Marko
Zawód literat
Miejscowość W-wa
Sekretarz
Warszawa dn. ... 196..

1966

I	Zapłacone T.S.K.Z.	III
IV	Zapłacone T.S.K.Z.	VI
VII	Zapłacone T.S.K.Z.	IX
X	Zapłacone T.S.K.Z.	XII

Zapłacone T.S.K.Z.

די לעגיטימאַציע פון מחבר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד
פון די יידן און פוילן

דער צושטאַנד פון „פרידלעכער קאָעקזיסטענץ" מיט די יידישע קאָמוניסטן האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. מיטן גרויסן רעפּאַטריאַציע־שטראָם, וואָס האָט געבראַנגט קיין פּוילן ביי אַ פערטל מיליאָן אָפּגעראַטעוועטע יידן, האָט דאָס ערשטע אָרט אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרנומען די אַקציע צו פּראָפּאַגירן און אָרגאַניזירן די יציאת פּוילן, דעם „עקזאָדוס" פון דער שארית הפליטה. „דאָס נייע לעבן", וואָס איז פאַרמעל געווען דער אָרגאַן פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, האָט אָבער אין דערווירקלעכקייט געקינדיקט די צוזאַמענאַרבעט מיט די ציוניסטישע פאַרטייען און פאַרשלאָסן די שפּאַלטן פון דער צייטונג פאַר ציוניסטישער פּובליציסטיק. אין דער צייטונג איז זייט דאַן אָפּן אָנגענומען די טעזע פון ווידער־אויפבויען דעם יידישן ישוב אין פּוילן אויף דער באַזע פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דעריבער פאַר איר פּובליציסטישער טעטי־קייט געגוויטיקט זיך אין אייגענעם וואָפן, אייגענע פּרעסע־אָרגאַנען. די ערשטע האָט דערויף רעאַגירט די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע „איחוד" אין פּוילן און באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטשריפט א.נ. „איחוד". אין אָנהויב איז די צייטשריפט, אונטער דער רעדאַקציע פון יוליאַן הירשהויט, דערשינען אין יידיש און אין אַ קורצער צייט אַרום אויך אין פּויליש. באַלד דערנאָך איז די רעדאַקציע פון „איחוד" איבערגענומען געוואָרן דורך מאַקסימיליאַן טאַוכנער.

אין איינקלאַנג מיט די אידעאָלאָגישע גרונט־הנחות פון אַלגעמיינעם דעמאָ־קראַטישן ציוניזם, האָט „איחוד" זיך אונטערגענומען צו זיין אַ פרייע און מוטיקע טריבונע פאַר די אמתע יידישע זאָרגן אין יענער צייט. פאַרן פאַרטיפן די נאַציאָ־נאַלע שטרעבונגען אין יידישן פאָלק, פאַר אויפקלערן און סטימולירן די אידענ־טיפיקאַציע פון די פּוילישע יידן מיטן קאַמף פון ארץ־ישראלדיקן ישוב פאַר מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

„איחוד" האָט פאַרנומען אַ ספּעציפישע פּאָזיציע אין דער יידישער פּובלי־ציסטיק פון נאָכמלחמהדיקן פּוילן. ווי אַן אידעאָלאָגישער אָרגאַן האָט ער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינעם קאַמף פאַר די פּאָסטולאַטן פון דער ציוניסטישער באַווע־גונג. קאָנצענטרירנדיק זיך אַרום דעם הויפּט־ציל פון ציוניסטישן געדאַנק, האָבן די פּובליציסטישע אַרבעטן געוועדט צום הארץ און מוח פון די יידישע מאַסן און דערביי איז אין דער צייטונג געווידמעט געוואָרן אויך פיל אָרט אויפמערקזאַמקייט די איבערלעבענישן פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן פון די געטאָס און לאַגערן און זייער העלדישן קאַמף פאַרן לעבן.

אַרום דער צייטונג האָבן זיך גרופּירט יידישע שרייבער, היסטאָריקער און אויך אָנטיילנעמער אין די אויפשטאַנדן און אין די געטאָס. די צייטונג האָט איינ־

פאַרמירט וועגן די מאָרדן פון דער פוילישער אונטערערד, אָבער דער עיקר אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין קאַמף פאַר עליה. די אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן דורך פראָמינענטע ציוניסטישע מנהיגים, וואָס האָבן אויסגעפילט יעדן נומער מיט אַ סאָלידן אינטערעסאַנטן אינהאַלט איבער די גרונט־פּראָבלעמען פון יידישן לעבן און איבערן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין צוקונפט און די גרויסע שאַנסן פאַרן אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

אין יאָר 1946 איז „איחוד" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אָפּיניאַ", (אין דער פוילישער שפּראַך) אויך רעדאַגירט דורך מאַקסימיליאַן טאַוכנער. די נייע צייט־שריפט האָט מיט איר ניוואָ און ווירקונג פאַרנומען אַן אייגן און פּראָמינענט אָרט צווישן די יידיש־פּוילישע פּובליקאַציעס אין פוילן. זינט איר בראשית ביזן יאָר 1950, ווען זי האָט געמוזט אָפּשטעלן איר טעטיקייט, איז „אָפּיניאַ" געשטאַנען אויף דער וואַך פון ציוניסטישן געדאַנק, געבריינגט אַ רייכן אויסוואַל פון אינפאָרמאַציעס און אָפּהאַנדלונגען פון ישראלדיקן לעבן און אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען. גלייכ־צייטיק איז געווידמעט געוואָרן אַ סך אָרט דעם נייעם אופן פון דער יידישער אָפּאָלאָגעטיק, אין וועלכער דער צענטראַלער פּונקט איז געווען צו באַגרינדן די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער שטרעבונג צו אַן אייגענער מלוכה. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז אין יענער צייט איז נישט געווען אַזוי איינפאַך אַרויסצוטרעטן אין פוילן קעגן דער קאָמוניסטישער טעזע, אַז דער ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע באַוועגונג. די ציוניס־טישע פּובליציסטן איז אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיט ציטאַטן פון מאַרקס, לענין און סטאַלין, מיט וועלכע זיי האָבן באַוויזן, אַז דער קאַמף פאַר אַ יידישער מדינה איז אַ נאַציאָנאַל באַפרייונגס־קאַמף און איז דערפאַר פּונקט אַזוי פּראָגרעסיוו ווי די פרייהייטס־באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער.

אַ דאַנק דעם הויכן ליטעראַרישן ניוואָ איז „אָפּיניאַ" געלונגען אַריינצוציען פוילישע שרייבער, היסטאָריקער און קולטור־טוער, וועלכע האָבן אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג געדרוקט נישט נאָר די ליטעראַרישע אַרבעטן, עסייען און פּאָע־מעס, נאָר אויך אַרויסזאָגונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די יידן און זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

אַ סך אָרט איז אין „אָפּיניאַ" אָפּגעגעבן געוואָרן דער יידישער מאַרטיראָ־לאָגיע. אַ ספּעציעלער נומער געווידמעט דעם יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ, האָט געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם צווישן אַלע שיכטן אין דער יידישער באַפעלקערונג. ספּעציעלע אויסגאַבן זענען דערשינען צום 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1946 אין באַזעל, די

ספעציעלע אויסגאַבן צום אַנטשטיין פון מדינת ישראל, אין יאָר 1948, זענען ממש צעכאַפּט געוואָרן ביזן לעצטן עקזעמפּלאַר. עס איז אין זיי געקומען צום אויס־דרוק די גוואַלדיקע התלהבות, וואָס האָט אַרומגענומען די אָפּגעראַטעוועטע יידן אין פּוילן. „אָפּיניאַ" איז דעמאָלט דערשינען אילוסטרירט מיט בלוי־ווייסע פּענער, מיט בילדער פון ד"ר הערצל און אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים. „איחוד" איז דאַן אַרויס מיטן מאַניפעסט, וואָס האָט גערופן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג צו זאַמלען זיך אַרום דער יידישער מדינה און זיין גרייט אַנטיילצונעמען אינעם רעאַ־ליזירן די אויפגאַבן, וועלכע זענען פון דער געשיכטע געשטעלט געוואָרן פאַרן יידישן פאָלק.

אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון „אָפּיניאַ" איז דערשינען צום באַזוך פונעם גרויסן באַליבטן מנהיג יצחק גרינבוים אין פּוילן.

אין סעפּטעמבער 1949 איז דערשינען דער לעצטער נומער „אָפּיניאַ". דאָס איז געווען פאַר ראש השנה און אויף זיין פאָדערבלאַט איז געווען די אילוסטראַ־ציע פון אַ ייד איינגעהילט אין אַ טלית, וועלכער בלאָזט שופר. דאָס איז געווען אַן אויסדרוקספולער סימבאָל פאַרן זשורנאַל, וואָס האָט אין משך פון פינף יאָר געקעמפט און געפירט אַ מסירת־נפשדיקן געראַנגל פאַר דער נשמה פון יידישן פאָלק, דעם אַזוי שווער געפּרוווטן אין די טראַגישע מלחמה־יאָרן.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן איז באַלד דערנאָך ליקווידירט געוואָרן. דאָס איז פאַקטיש געווען דער סוף פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן און גלייכ־צייטיק דער אָנהויב פונעם סוף פון די גרויסע און שיינע טראַדיציעס אינעם טויזנט־יאָריקן יידישן לעבן אין פּוילן.

מיטן אַרויספאַר פון ערשטן שעף־רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן", מיכאל מירסקי קיין אַמעריקע, האָט די רעדאַקציע איבערגענומען בער מאַרק און די צייטונג איז דערשינען פיר מאָל אין דער וואָך. עס האָבן זיך גרופּירט אַרום איר די שרייבער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט אָנגע־האַלטן נאָר אַ קורצע צייט און די שרייבער זענען זיך צעגאַנגען צו מיטאַרבעט אין די פאַרשיידענע אויסגאַבן ביי אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. עס זענען אין יענער צייט דערשינען פאַרשיידענע פּובליקאַציעס, וואָס עס האָבן אַרויסגע־לאָזט כמעט אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין משך פון די יאָרן 1946/49 און זיי האָבן געהאַט ערנסטע פאַרדינסטן פאַרן אויפקלערן און געשטאַלטיקן דעם באַוווּסטזיין פון דער יידישער באַפעלקערונג. געווען אויך ערנסטע איניציאַטיוון אָבער פּונקט ווי די פאַרשיידענע ביולעטינען, בראָשורן און אַנדערע אויפקלער־רונגס־מאַטעריאַלן, זענען זיי נישט אַרויס רעגלמעסיק און זענען נישט געווען אויסגערעכנט אויף אַ לענגערער עקזיסטענץ.

אָפּשטעלן דאַרפן מיר זיך אויף די מער־ווייניקער רעגולערע אויסגאַבן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט ביזן אויפלייזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן אין יאָר 1950. אַזאַ איז געווען די וועכנטלעכע אויסגאַבע פון די לינקע פּועלי־ציון „די יידישע אַרבעטער צייטונג" און יוגנט־אויסגאַבע „באַפרייונג". די „יידישע אַרבעטער צייטונג" האָט רעדאַגירט דער שרייבער ישראל אַשנדאָרף. אין דער זעלבער צייט האָט די לינקע פּועלי־ציון אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט אויך אין דער פּוילישער שפּראַך „פּשעלאָם" אונטער דער רעדאַקציע פון אַדאָלף בערמאַן. די דאָזיקע אויסגאַבן האָבן געקעמפט פאַר די פּאָסטולאַטן פון ציוניס־טישן סאָציאַליזם און פּראָפּאַגירט דעם געדאַנק פון עליה. אַזעלכע איז אויך געווען די צייטשריפט פון פּועלי־ציון צ.ס. „אַנשע סלאָוואָ", אונטער דער רעדאַקציע פון ה׳ הערצבערג.

אויף אַ הויכן ניוואָ איז געשטאַנען די וועכנטלעכע אויסגאַבע פון השומר הצעיר „מאָסטי", וואָס איז דערשינען אין דער פּוילישער שפּראַך. די צייטונג איז רעדאַגירט געוואָרן דורך אַ רעד.־קאָלעגיע, וואָס האָט זיך באַמיט צו געבן דעם פּויליש־רעדנדיקן לייענער אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג פון יידישע פּראָבלעמען אין פּוילן און ארץ־ישראל אין גייסט פון דער אידעאָלאָגיע פון השומר הצעיר.

אין ווראָצלאַוו איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן וואָיעוואָדישן יידישן קאָמי־טעט אַ וואָכנבלאַט אין פּויליש א.ג. „נאָווע זשיציע", „רעדאַגירט דורך י. מ. בידערמאַן און יצחק טורקאָוו. די אויסגאַבע האָט געצילט צו פאַרשטאַרקן די אידעע פון בויען דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע, אָבער אויך דאָ האָבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געפירט דעם קאַמף צו ברענגען צום אויסדרוק די שטרעבונג צו עליה און בויען די יידישע היים אין ארץ־ישראל. אין דער צייטונג האָבן מיטגעאַרבעט מיט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענץ אויף די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען אַקטיוו אין נידערשלעזיע און זענען געווען פאַרטראָטן אין יידישן קאָמיטעט.

אין דער זעלבער צייט איז דערשינען אין ווראָצלאַוו די וואָכנשריפט „נידער־שלעזיע" אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק טורקאָוו און שמעון קאַנץ. אין דער דאָזיקער צייטונג האָט אָפּגעקלונגען יעדעס יידישע געשעעניש אין נידערשלעזישן ישוב, וועלכער האָט אין יענער צייט אַרויסגעוויזן אַ סך דינאַמישקייט. עס האָבן זיך דאָרט באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען און די אויסגאַבע האָט אַנטוויקלט אַ גוטע אינפאָרמיר־אַרבעט; זי איז דערשינען רעגולער ביזן יאָר 1954.

די יוגנט־אָפּטיילונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, האָט אין משך פון די יאָר 1947—1949 אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירטן חודש־זשורנאַל „אויפגאַנג", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט

אין פוילן און געהאַט די דורכויסיקע טענדענץ צו קאָנצענטרירן די יידישע יוגנט אין איין אָרגאַניזאַציע, אָבער מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער פראַגע פון צוטראָגן הילף דעם קעמפנדיקן ישראל. דאָס איז געווען אין גייסט פון דער דעמאָלטיקער סאָוויעטישער אויסערן־פּאָליטיק.

אין די לעצטע יאָרן איז דער „אויפגאַנג" דערשינען אין יידיש און אין פּויליש, אַלץ אין קורצע קאָמענטאַרן, אין אַ בצימצומדיקער שפּראַך, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אילוסטרירטן מאַגאַזין.

מיט מירסקיס צוריקקומען פון אַמעריקע האָט נאָך אין 1946 גענומען דער־שיינען אין לאָדזש די „פאָלקס שטימע" אַלס אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) אין דער יידישער שפּראַך. דאָס איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן קאָמוניסטישע צייטונג, וואָס איז שפּעטער, אין יאָר 1950, נאָכן אויפליידן זיך פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, צונויפגעגאָסן געוואָרן מיט דער רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן" און א.ג. „פאָלקס שטימע", אונטער דער רע־דאַקציע פון הערש סמאָלאַר געווען דער אָרגאַן פון דער יידישער קולטור־געזעל־שאַפט, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון יידישן קאָמיטעט, געטראָגן אַ האַמאָ־גענישן קאָנפאָרמיסטישן כאַראַקטער און איז דעגראַדירט געוואָרן צו דער ראָל פון אויספירן די באַפעלן פון קאָמוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט.

אַ געוויסע צייט האָט דער „בונד" אַרויסגעגעבן די „פאָלקס צייטונג" ווי אַ צוויי־וועכנטלעכע אויסגאַבע, וואָס האָט געפּרוווט פּראָפּאַגירן דעם פּראָגראַם פון „בונד" אַזוי ווי פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער זי איז געווען פון אָנהויב פאַראורטיילט אויף באַדייטונגסלאָזיקייט.

די יידישע פּרעסע אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן האָט באַוויזן די וויטאַליטעט און קעמפערישן כוח, דעם אידעאַליזם און מוט ביים אַרויסברענגען די גרויסע שטרע־בונג צו נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע, וואָס עס האָט פאַרמאָגט דער יידישער ישוב אין פּוילן.

די פילפאַרביקע יידישע פּרעסע, וועכנטלעכע און חודשלעכע אויסגאַבן, איינ־מאָליקע פּובליקאַציעס — האָבן אָפּגעשפּיגלט די פּערמאַנענץ פון יידישן גייסט, די עקשנות פון די פאַרשיידענערליי שטרעמונגען צו דערפילן זייערע אויפגאַבן פאַר תחית המתים פון יידישן לעבן, פאַרן פאַרזיכערן דעם אָנווענד פון אונדזער ענערגיע אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער אידעע פון יידישן רענעסאַנס.

געשאַפן אַ „קליינע ביבליאָטעק"
ביים פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן" *

אין אָנהייב 1947 איז דער פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן" צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ „קליינע ביבליאָטעק" פון אָריגינעלע יידישע בעלעטריסטיק און קריטיק. ווי יעדער אָנהויב האָט די אונטערנעמונג אָנגעטראָפן לכתחילה אויף אַ סך שוועריקייטן און מניעות פון טעכנישן און פינאַנסיעלן כאַראַקטער, אָבער דאָס דערשאַצן מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן און באַזונדערס מצד דער אָפּטיילונג פאַר קולטור און פראָפּאַגאַנדע ביי דעם קאָמיטעט, דעם גרויסן באַדייט פון אַ יידישן בוך פאַר דעם נייעם יידישן ישוב אין פוילן, האָט דערמעגלעכט, אַז די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט זאָל אַריינגיין אין דער סטאַדיע פון רעאַליזירונג.

פאַר דער לייטונג פון פאַרלאַג שטייען איצט פיל שווערערע אויפגאַבן, איידער ווי אַמאָל, סיי אין טעכנישער, סיי אין געזעלשאַפטלעכן הינזיכט.

דער גרעסטער טייל פון די פויליש־יידישע שרייבער זענען אומגעקומען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע. פון דעם קליינעם רעשט, וועלכער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אויף דער ראַטנפאַרבאַנדישער ערד און צוריקגעקערט אין דער חרובער פוילישער היים מיט דער הויכער און שיינער פראַזע פון המשך און ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן און פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן, האָט אויך אַ היבשע צאָל אויסגעוואַנדערט גלייך פון די לאַגערן, קיין שוועדן, קיין פראַנקרייך, און דאָס יידישע לעבן און די יידישע ליטעראַטור אין פוילן איבערגעלאָזט אויף דעם באַראָט פון אַנדערע.

געבליבן זענען נאָר איניקע געציילטע יידישע שרייבער, וועלכע גלויבן אין נייעם יידישן ישוב אין פוילן, וועלכע גלויבן אין די נייע דעמאָקראַטישע באַדינגונגען אין פוילן און וועלכע מיינען ערנסט מיט דעם המשך און ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן.

ביי אַזאַ געשאַפענער לאַגע דאַרף זיך דעריבער די לייטונג פון פאַרלאַג שטעלן אַלס ציל נישט נאָר דאָס סתם אַרויסגעבן ביכער, נישט נאָר אויטאָמאַטיש ציען ווייטער דעם פאָדים פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן, נאָר אין דער ערשטער ריי די דאָזיקע ליטעראַטור צו אָרגאַניזירן.

---

* די מאַטעריאַלן באַקומען אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, 1972.



דער דירעקטאָר פון פאַרלאַג לייב דאָמב וויזט די אויסגאַבן פון פאַרלאַג דעם אַמבאַסאַדאָר
פון וויעטנאַם. פון רעכטס דער מחבר און שמואל ליכטענשטיין

די פראַגע פון ליטעראַרישן נאָכוווקס דאַרף ווערן איינע פון די עיקרדיקסטע אויפגאַבן פון פאַרלאַג.

אין פּוילן וואָרצלט זיך איין אַ יידישער ישוב פון אַ גאָר נייעם טיפּ. אַ פּראָדוקטיווער, אַן אַרבעטנדיקער און גלייכצייטיק מיט אַ פילווערדיקן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. אויף דעם זאָגט עדות, פון איין זייט, דער אָנטייל פון פּוילישן ייד אין דער שווער־אינדוסטריע, אין דער קוילנפּראָדוקציע, ביי ערד־אַרבעט און, פון דער צווייטער זייט, די צעצווייגטע נעץ פון יידישע שולן, אינטערנאַטן, קינדערהיימען, דראַמקרייזן און דאָס אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע לעבן. נישט מעגלעך, אַז אַזאַ געזונטער יידישער קיבוץ מיט אַזויפיל שעפערישער ענערגיע זאָל נישט טראָגן אין זיך פּאָטענציעלע קערנער פון עכטע ליטעראַרישע שפּראָצונגען. מען דאַרף זיי נאָר קאָנען אויסזוכן און דערנאָך מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט פלעגן.

פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זייערע שעמעוודיקע אָנהויבן געהערן נאָך צו דער צייט פון פאַר דער מלחמה און אין משך פון די זיבן גרויליקע יאָר זענען זיי זיך אַליין אויסגעשטאַנען ווי ווילדע ביימעלעך מיט פיל רויקייט און אָנוווקסן.

אַזעלכע דאַרף מען קודם־כל נישט לאָזן פאַרוויאַנען אין שאָטן פון איינזאַמקייט, אַרויסברענגען אויף דער שיין פון טאָג, דערנאָך ערשט באַווירקן, אַנטוויקלען. דאָס זענען אַלע פראַגן, וועלכע ווערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט באַהאַנדלט ביי אַלע פעלקער אין אַלע צייטן.

ביי אונדז, אין די באַדינגונגען פון אונדזער איצטיקער איינגעשרומפּנקייט, באַקומען די דאָזיקע פראַגן אַן ערשטראַנגיקן נאַציאָנאַלן באַדייט. מיר דאַרפן זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז אין אַ געזונטן, סטאַבילן נאָכוווקס אויף דעם געביט פון קולטור, ליטעראַטור און טעאַטער, וועלן מיר קיין יידישן ישוב אין פּוילן נישט האָבן. אין דער מאָס ווי עס וועט זיך פאַרקלענערן די זעלבשטענדיקע גייסטיקע שעפערישקייט פון ישוב, וועט זיך אויך פאַרקלענערן די באַרעכטיקונג פון זיין פיזישער עקזיסטענץ, און ער וועט ווי אַ טייכל, וואָס האָט פאַרלוירן זיין קוואַל, אויסטריקענען אין פרעמדן אַרום.

אָבער טאַקע די זעלבע סיבות, וועלכע באַפעלן אונדז אויפצוזוכן און פלעגן יעדן יונגן שפּראָץ, יעדע פאַרוואָרפענע, פאַרגעסענע פלאַנץ, די זעלבע סיבות זענען אונדז מחייב צו גרויס פאָרזיכטיקייט און באַטראַכטיקייט. עס זאָלן צומאָל אין די קאָמפּליצירטע שייכותן פון קונסט נישט אויפגענומען ווערן קיין פאַפּירענע בלימעלעך פאַר עכטע. מיר קאָנען זיך איצט דערויף נישט דערלויבן פיל מער, איידער ווי אַמאָל, ווען אונדזער גאָרטן איז געווען גרויס און פאַרשידנאַרטיק. אונדזער איצטיקע אָרעמקייט קאָן בשום אופן נישט זיין די סיבה פון „מילדערנ־

דיקע אומשטענדן״ לגבי פיל נאַאיווע, וואָס פּאַרטוישן פּערזענלעכע געפילן און איבערלעבונגען — אָפט מאָל זייער עכטע איבערלעבונגען — מיט טאַלאַנט, ד״ה מיט דער מעגלעכקייט די דאָזיקע געפילן און איבערלעבונגען צו אָביעקטיוויזירן און געשטאַלטיקן בילדעריש, אָדער עמאָציאָנעל, אין אַזאַ פאָרם, וועלכע זאָל אויך אַנדערע איבערטראָגן אין דער זעלבער אַטמאָספער. דער פאַרלאַג האָט אַזוי אַרום אַ דאָפּלטע אויפגאַבע: דערמעגלעכן יעדן שרייבער, קומען אין דער עפנטלעכקייט דערוויל, וואָס אַן אמת, מיט אַ קליינער, דאָך גאַנצער ליטעראַרישער שאַפונג און, צווייטנס, אַרויסהייבן ווי ווייט מעגלעך, נייע יונגע קרעפטן. דאָס איז אַן ערנסטע אַרבעט, וועלכע פאָדערט נישט נאָר פיל מי און איבערגעגעבנקייט פון די אָנפירער פון פאַרלאַג, נאָר אויך, אַן אַטמאָספער פון פאַרשטענדעניש מצד די שרייבער און אַן אויפמערקזאַמע באַציִונג מצד דער געזעלשאַפט.

„פּאָלקס־שטימע״ *

די גרויסע ירושה וואָס די שארית־הפּליטה האָט איבערגענומען פון דעם דריי און אַ האַלבן מיליאָניקן יידישן ישוב פון דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן, זענען געווען די פּירקאָנטיקע יידישע אותיות. היטלער האָט צוגערויבט ביי די מענטשן זייער געזונט, זייערע נערוון, זייערע כוחות — גאַנצע משפּחות, אָבער מיט דעם כוח פון די פּירקאָנטיקע אותיות איז ער ניט געווען אימשטאַנד זיך צו פאַרמעסטן.

ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס יידן געקומענע פון די לאַגערן, פון די וועלדער, נישט זאַטע נאָך פון אַ געוויינלעך שטיקל ברויט, מיט פאַרטריקנטע ליפּן פון גישט עסן נאָך אַ וואַרעמען געקעכץ — האָבן געלעכצט נאָך די גייסטיקע שפּייז. נאָך אַ צייטונג, נאָך אַ בוך, בכלל נאָך דעם געדרוקטן וואָרט. דעם ביי־נאָמען „עם הספר״ האָבן זיי זיך ערלעך פאַרדינט.

ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז אויף די וועגדונגען פון רעדאַקציע פון דער פאָלקס־שטימע — צו שאַפן אַ „פּרעסע־פאָנד״ האָבן זיך גלייך אָפּגערופן יידן פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דעם גאַנצן לאַנד.

עס איז אָפּילו אָנגעגאַנגען אַ פאַרמעסט — און ווי עס גייט איבער די פאָקס־שטימע פון יוני 1946 האָבן זיך אויפן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט אין דער אַקציע די שטעט וראָצלאַוו און וולאָצלאַוועק.

אין משך פון דער פאַרלאָפענער צייט האָט די „פאָלקס־שטימע״ דורכגעמאַכט אַ באַשטימטע קוואַליפיקירטע אַנטוויקלונג. דאָס האָט געפונען הויפּטזאַכלעך אַן אויסדרוק אין ברייטן באַלויכטן סיי פון די פּראָבלעמען און סיי אין דער טעטיקייט פון יידישער געזעלשאַפט אין פּוילן. די „פאָלקס־שטימע״ האָט געטריי און סיסטע־מאַטיש פאַרגעצויגן אַלע פּראָבלעמען פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין פּוילן און — טיף פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

גלייכצייטיק, אין אַ ברייטער מאָס, האָט די צייטונג באַלויכטן פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט, אָננעמענדיק אַ דייטלעכע אַנשטעלונג צו די אַלע פּראָבלעמען, וועלכע

---

* הויפּט־רעדאַקטאָר הערש סמאָליאַר, זיין פאַרטרעטער: א. קיווייקאָ. נאָך קיווייקאָ האָט איבערגענומען זיין פּלאַץ י. גוטקאָוויטש.

די פרייוויליקע בריגאַדע ביים אָפרייניקן דעם יידישן
בית־הקברות אין וואַרשע. אויפן בילד: דער מחבר
ביי דער אַרבעט

געפינען זיך אין צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער יידישער מיינונג און גיבן גלייכצייטיק די מעגלעכקייט אַדורכצופירן אַ שטרייך צווישן די דעמאָקראַטישע כוחות פון דער יידישער געזעלשאַפט און צווישן דער יידישער פּאָליטישער רעאַקציע.

די אָנשווינגען, וועלכע די „פאָלקס־שטימע" פלעגט פאַרעפנטלעכן, פלעגן זיין אונטערשטיצט דורך פאַרגעשריטענע יידישע קרייזן אין פיל לענדער.

דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פוילן דאַרף זיכער ווערן טיפער און ברייטער באַלויכטן אין אונדזער צייטונג. דאָס איז נאָר מעגלעך ביי אַ סיסטעמאַטישער מיטאַרבעט פון גאַנצן אַקטיוו פון אונדזער געזעלשאַפט, וועלכע וועלן זיך טיילן, פאַרנעמען מיט פאַרשפרייטן זייערע געדאַנקען און פּראַקטישע דערפאַרונג און פאַרשידענע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן.

אונדזער לאָזונג איז: אַן אַקטיווער לייענער פון אונדזער „פאָלקס־שטימע" וואָס זאָגט: מער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג, מער קאָרעספּאָנדענטן, אומ־מיטלבאַרע פאַרבינדונג מיט שולן, פאַבריקן, אינסטיטוציעס.

אין די לעצטע יאָרן איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלער לאָקאַלער שפּאַלט אין אונדזער צייטונג — „וואַרשעווער פאָלקס־שטימע" און „וראָצלאַווער פאָלקס־שטימע".

אַזוי ווי דער שפּאַלט אין אונדזער צייטונג איז נישט געווען רעגולער, איז שווער אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון דעם. אין די לעצטע יאָרן האָט אונדזער צייטונג פיל דערגרייכט; נעמענדיק אין אַכט, אַז אַ באַשטימטע צאָל פון אונדזערע לייענער זענען אַרויסגעפאָרן פון פוילן — האָט די אויפלאַגע זיך נישט פאַרקלע־נערט.

עס זיינען צוגעקומען הונדערטער נייע אַבאָנענטן, מענטשן וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אונדזער צייטונג מיט אינטערעס. ווען עס האָט פּאַסירט ווען עס איז, אַז די צייטונג איז נישט אָנגעקומען, האָבן מענטשן זיך גלייך געווענדעט צו דער רעדאַקציע.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אין פיל שטעט איז נישטאָ קיין יידישע משפחה וואָס האָט נישט געלייענט אונדזער צייטונג.

בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע פון „פאָלקס־שטימע" און צו דער פּוילישער ביילאַגע „אונדזער שטימע" האָבן אויסגעדריקט טריישאַפט און אָנגעבונדנקייט סיי פון עלטערע, סיי פון יוגנט.

פון דער בינע פון אונדזער לאַנד־צוזאַמענפאָר זאָלן מיר זאָגן: אַז צו פאַר־שפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן אונדזער געדרוקט וואָרט, איז נייטיק די מיטאַרבעט — פאַרשפּרייטונג פון אונדזערע „מוכר ספרים", אונדזער פּרעסע און בוך־קאַמיסיע.

די יוגנט פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אויף אַ פלי־קורס
פון פאַראַשוטיסטן אין ריישער אַעראָקלוב

לייענער פון אונדזער צייטונג — זענען אָפּט די עלטערע מענטשן, גייען פון שטוב צו שטוב, פון שטאָק צו שטאָק און טיילן מיט נייעס און וויסנשאַפט, וואָס זיי האָבן געפונען אין אונדזער צייטונג.

אין נאָמען פון אונדז אַלע, דריקן מיר אויס דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג, צו די אַלע וואָס פאַרשפּרייטן אונדזער געדרוקט וואָרט.

נישט שטענדיק ווייזן מיר אַרויס גענוג אויפמערקזאַמקייט צו די יעניקע, וואָס נויטיקן זיך אין אָנווייזונגען און טיילן זיך מיט דערפאַרונג — ווי אַזוי צו קומען — נישט נאָר אַרויסצוגעבן אַ בוך, נאָר אויך ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן און קומען צום לייענער, צו אַלטע און יונגע, אין זייער היים און זייער אַרבעטס־פּלאַץ.

עס זענען פאַראַן נישט ווייניק יידן, וואָס זייער „מאַמע־לשון" איז יידיש, אָבער זיי זענען ווייט פון יידיש לייענען. מען דאַרף צו זיי קומען, אין זיי דער־וועקן דעם אינטערעס פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר די יידישע נייעס, פאַר דעם יידישן רעפּאָרטאַזש, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע מיר ברענגען זיי אַנטקעגן אין דער „פאָלקס־שטימע".

לויט דער גרויס פון דער אויפלאַגע, איז צו זען, אַז מען האָט זיך נישט גענוג באַמיט צו דערגרייכן אַבאָנענטן אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס איז פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט און אויסנוצן דעם פאַקטישן פּאָטענציאַל.

מען דאַרף מיט אָנערקענונג אָננעמען די פאַרמעסטונג צווישן די וורָאָצלאַווער און וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" און „יידישע שריפטן" ווי אויך דעם „יידיש בוך". די פאַרמעסטונג דאַרף ברענגען, אַז אַלע גרעסערע טיילן פון דער געזעל־שאַפט זאָלן גיין אין די וועגן פון די וואַרשעווער און וורָאָצלאַווער פאַרשפּרייטער. אַ געוויסע טייל פון דעם פאַרלאַג פון דער „פאָלקס־שטימע" ווערט געשיקט נאָך אויסלאַנד צו די אַבאָנענטן, וועלכע ווערן באַזאָרגט דורך זייערע קרובים און פריינט. דאָס איז זיכער אַ לעבעדיקער גרוס פון אונדז אַלע. דאָס בילד, וואָס דער לייענער באַקומט וועגן אונדזער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט, וועלכע די „פאָלקס־שטימע" פאַרשפּרייט אין איבער 20 לענדער אין דער גאַרער וועלט.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע" איז געווען אַ. קיווייקאָ. נאָך קיווייקאָ האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ י. גוטקאָוויטש. דער סעקרעטאַר איז געווען משה שקליאַר; רעד.־קאָלעגיע — שלמה בעליס.

מיטאַרבעטער: מ. טעמפּעל, ק. ליס, ק. סעגאַל, א. רייזמאַן, א. פישער, ס. קראַקאָווסקי, י. אָפּאַטשינסקי, מ. יעלין, ש. לובעצקי, א. גאַנטאַר, מ. לעוו, שלמה שטראָוס־מאַרקאָ, לילי בערגער, א. קוואַטערקאָ און אַנדערע.

די דעלעגאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד ביים
מאָנומענט פון די יידישע אָנפירער פון די געטאָ־העלדן

„נאַש גלאָס"*

מיט גרויס אָנערקענונג און סימפּאַטיע ביי דער יוגנט און דערוואַקסענע, וועלכע לייענען נישט יידיש, האָט זיך געפּרייט די וועכנטלעכע צוגאַבע פון דער „פאָלקס־שטימע" — „נאַש גלאָס". עס איז וויכטיק צו אונטערשטרייכן, אַז דער גרונט, לויט וועלכן די צוגאַבע איז געוואָרן רעדאַגירט: באַקענען די לייענער מיט דעם לעבן פון די יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, מיט דער יידישער געשיכטע, יידישע ליטעראַטור און דעם יידישן ליד. „אונדזער שטימע" העלפט אין אַ גרויסער מאָס דערציען די יידישע יוגנט אין פּאַטריאָטישן זין, אין זיין אָנגעבונדנקייט צום פאָלק, פאָטערלאַנד און זיין קולטור.

ליידער, איז ביז היינט צו טאָג נאָך נישט געוואָרן געלייזט די פראַגע פון באַפרידיקן די געברויכן פון דערוואַקסענע לייענער פון „אונדזער שטימע".

די גריפע יונגע שרייבער דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט דעם פּראָבלעם פון רעדאַגירן די צוגאַבע פון „נאַש גלאָס" און די פאָרם, ווי אַזוי די ציימונג צו ברענגען צום לייענער.

אַ וויכטיקע אויפגאַבע פון „אונדזער שטימע" איז צו אָרגאַניזירן אַ קורס פון דער יידישער שפּראַך פאַר שילער און סטודענטן — אַזוי ווי עס פירט זיך אין וואַרשע.

מיר מיינען, אַז מיר דריקן אויס דעם ווונטש פון אַלע דעלעגאַטן פון 5טן קאָנגרעס, אויב מיר זאָגן, אַז „אונדזער שטימע" דאַרף אָפטער דערשיינען.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „אונדזער שטימע" איז געווען שמואל טענענבלאַט; דאָס רעדאַקציע־קאָלעגיום באַשטייט פון די ח"ח: סאָבעלמאַן און וועב. די מיט־אַרבעטער זענען: י. פּאָסטמאַן, א. פישער, ש. ראַבינאָוויטש, י. מינקאָווסקי, ב. באַרג, ש. גרובער, ר. שניידמאַן, לילי בערגער, שלמה שטראַוס־מאַרקאָ, ראָנאַלד סלוצקי, אַדאַם גילערט, משה שקליאַר און אַנדערע.

---

* הויפּט־רעדאַקטאָר שמואל טענענבלאַט. רעד.־קאָליגיום: סאָבעלמאַן און וועב.

די דעלעגאַציע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פוילן ביים מאָנומענט פון די
יידישע אָנפירער פון די געטאָ־העלדן

דער פאַרלאַג „יידיש־בוך״*

דאָס יאָר 1957 איז דורך די פירער פון „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן״ געוואָרן באַצייכנט אַלס דאָס „שווערע איבערגאַנגס־יאָר״. נישט בלויז די איבער צוואַנציק טויזנט פוילישע יידן, וועלכע זענען געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד מיט דער צווייטער רעפּאַטריאַציע האָבן נישט געטראַכט צו בלייבן אין פוילן, נאָר אויך צענדליקער טויזנטער איינגעזעסענע יידן פון פריער האָבן אין רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטישע געשעענישן אין אַ גאַנצע ריי פוילישע שטעט און באַזונדערס אין רעזולטאַט פון די אויפגעדעקטע פאַרברעכנס לגבי די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן. אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז ביז אַ מינימום געפאַלן דער אינטערעס צו דער יידישער פּרעסע און צום יידישן בוך, וועמענס טיראַזש איז געפאַלן פון קנאַפּע 5.000 אויף עטלעכע הונדערט. עס האָט געמוזט דויערן אַ פּאָר יאָר ביז דאָס יידישע לעבן אין פוילן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ ביסל צו סטאַביליזירן, און די וועלכע האָבן באַשלאָסן צו בלייבן, פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, די יידישע צייטונג, איינאָרדענען שפּעריִשע אָוונטן א.ד.גל.

וועגן דעם דאָזיקן צושטאַנד שרייבט אין אַרטיקל א.ג. „ערב דער פּרעסע־ און בוך־קאָנפערענץ״, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרקומען דעם 25טן יאַנואַר 1959, דער דירעקטאָר פון פאַרלאַג „יידיש־בוך״ לייב דאָמב־טרעפּער:

„נאָך אַן איבעררייס פון צוויי יאָר וועט דעם 25טן ד.ח. צונויפגערופן ווערן אין וואַרשע די טראַדיציאָנעלע יערלעכע בוך־ און פּרעסע־קאָנפערענץ... דער פאַקט גופא פון צונויפרופן די קאָנפערענץ זאָגט עדות וועגן טיפע קוואַליטאַטיווע ענדערונגען, וואָס זענען פאַר דער לעצטער צייט פאַרגעקומען אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט... מיט רעכט האָט די אָנפירונג פון פאַרבאַנד באַטראַכט פאַר פאַרבייגייענדיקע די דערשיינונגען פון אַפּאַטיע, אַפּשוואַכונג, פאַרקלענערונג פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט... וועלכע זענען אין יענער צייט אויפגעקומען און האָבן אין שייכות מיט דער צאָלמעסיקער באַפעלקערונג פון יידישן ישוב אין פוילן געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן זיין עצם־עקזיסטענץ״.

אָבער די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע קאָנסאָלידאַציע אין לאַנד האָט זיך שטאַרק אויסגעווירקט אויף דער יידישער סביבה און מיטגעהאָלפן דעם פּראָצעס

---

* 25.1.1959 — דער מחבר — אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ.

פון סטאַביליזאַציע פונעם ישוב אין פוילן, „וועלכע קומט בולט צום אויסדרוק אין דעם פאַקט, וואָס פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר (1958) האָט זיך מער ווי פאַרטאָפּלט די צאָל שטענדיקע אַבאָנענטן פון דער „פאָלקס־שטימע"... בלויז אין פאַרגלייך מיטן לעצטן קוואַרטל פון 1958 איז די צאָל אַבאָנענטן געוואָרן פאַרגרעסערט מיט איבער 600. עס האָט זיך פאַרדרייפאַכט די צאָל אַבאָנענטן פון דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „יידישע שריפטן", וואָס דערמעגלעכט זיך שוין שטעלן די אויפגאַבע „צו דערגרייכן אין 1959 די צאָל פון 2.000 דאָס גלייכן נאָך דעם שטילשטאַנד פון 1957 זענען אין אַ קורצער צייט געשאַפן געוואָרן 1.500 יערלעכע אַבאָנענטן פאַרן „יידישן בוך" און דער טיראַזש פון זיינע אויסגאַבעס איז פאַרן יאָר 1958 אויסגעוואַקסן פון 1.000—1.500 פון יעדער פּאָזיציע ביז 2.500—3.000..."

אין זעלבן גייסט פון האָפערדיקייט און עטוואָס מאַסקירטער פאַראורטיילונג פון די „דעפּעטיסטישע שטימונגען" פון פריִערדיקע יאָרן, טרעטן איצט אויף בעל־פה ובכתב די אַנדערע פירער פון פאַרבאַנד. די דאָזיקע האָפערדיקייט באַקומט באַזונדערס מער אויסדרוק און באַרעכטיקונג אין דער פייערלעכער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, דעם 2טן מערץ 1959 און אין ענלעכע פייערונגען אין גאַנצן לאַנד לכבוד דעם 100טן געבוירן־טאָג פון שלום־עליכם. דער אָנטייל אין דער דאָזיקער שלום־עליכם־פייערונג פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער שלום־באַוועגונג, ווי אומבערטאָ פּראַנדיני, אָסטאַפּ דלוסקי, טאַדעוש שטשאַלקאָווסקי, פון די מיטאַרבעטער פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע בראש מיטן אַמבאַסאַדאָר רחבעם עמיר און פון אַ גרעסערער גרופּע פוילישע שרייבער, די אַרויסטריטן פון פאַרזיצער פון פוילישן שרייבער־פאַראיין, דעם באַקאַנטן פּאָעט, דראַמאַטורג און פּראָזאַיִקער יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש און פון די שרייבער ב. מאַרק און ד. ספּאַרד, די אומפאַרגעסלעכע אָריגינעלע אינטערפּרעטאַציע פון שלום־עליכמס שאַפונגען דורך דעם באַרימטן פוילישן שוישפּילער יאַצעק וואָשטשעראָוויטש — אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן דעם איינדרוק פון אַן אָפּטימיסטישן סיום פון אַ קריטישן פּעריאָד, נאָך וועלכן עס וועט זיך אָנהייבן צוריק אַן אויפשטייג.

דער דירעקטאָר פון פאַרלאַג „יידיש־בוך" לייב דאָמב גיט אָן אין זיין רעפעראַט אויף דער זעלבער קאָנפערענץ די פאָלגנדיקע ציפערן: אין משך פון די 15 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער פאַרלאַג „יידיש־בוך" אַרויסגעגעבן 86 אָריגינעלע פּראָזע־ווערק, 16 לידער־זאַמלונגען; 61 געשיכטע־ביכער, 15 ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן, 27 ביכער אויף געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעמעס און 9 פאַרשידענע — צוזאַמען 265 ביכער מיט אַ טיראַזש פון 1 מיליאָן 300 טויזנט עקזעמפּליאַרן. דער רעדנער דערציילט אויך וועגן די קאָנטאַקטן פון „יידיש־בוך"

מיט 22 לענדער, ווי ראַטנפאַרבאַנד, אַמעריקע, ישראל, אַרגענטינע, סקאַנדינאַ־ווישע לענדער, רומעניע, פראַנקרייך ענגלאַנד א״אַ.

פיל שאַפונגען, וועלכע זענען דערשינען אין די לעצטע יאָרן, וועלן אַריינגיין אין דעם יידישן פאַרגעשריטענעם ליטעראַרישן אוצר.

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אין משך פון דער צייט זענען דערשינען 2 בענדער „שריפטן פון וואַרשעווער געטאָ״, געשריבן פון ד״ר רינגעלבלום. די שריפטן זענען אַן אייביקער דאָקומענט וועגן די גרוילעכע היטלעריסטישע פאַר־ברעכן.

עס איז אויך געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך פּראָפ. ב. מאַרק שריפטן וועגן אויפ־שטאַנד אין געטאָ־וואַרשע און פיל אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן גע־ראַנגל און פּיין פון מיליאָנען יידן.

פון פּרץ מאַרקישן איז דערשינען „פון דור צו דור״ אין 2 בענדער; שאַפונ־גען פון אונדזערע קלאַסיקער י.ל. פּרץ, שלום־עליכם, א. רייזען, שלום אַש, אפרים קאַגאַנאָווסקי. שאַפונגען פון אַלע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן געלעבט אין פּוילן: דוד ספּאַרד, קלמן סעגאַל, טעמפּעל, אליהו רייזמאַן, משה שקליאַר, פּ. ציי־בולסקי, שלמה שטראַוס־מאַרקאַ, לילי בערגער, שלמה בעליס, ג. מייזעל, י. דרוקער און אַנדערע. אין די לעצטע יאָרן האָט דאָס „יידיש בוך״ אַריינ־געפירט אַן אינטערעסאַנטע נייעס: אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט ענלעכע פאַר־לאַגן אין אַנדערע לענדער. אין יאָר 1965 האָט דאָס „יידיש־בוך״ — צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע „נאָוואָסטי״ אַרויסגעגעבן דעם טאָג־בוך פון מאַשע ראָלניק „איך מוז דערציילן״. צוזאַמען מיטן פאַרלאַג „ייקוף״ אין ניו־יאָרק זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ רייע יידיש־אַמעריקאַנער פּובליקאַציעס און לעצטנס איז דערשינען אין פאַריזער „אויפסניי״ אַ זאַמלונג פון דאָראַ טייטעלבוים „דעם מענטש אַנטקעגן״.

וועגן דער פּאָפּולאַריטעט פון אונדזער פאַרלאַג, וועלכע גרייכט ווייט אין דער ווייטער וועלט, איז דער פאַקט, אַז אין 24 לענדער אין דער גאַרער וועלט, זענען פאַרשפּרייט דאָקומענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע דערציילן וועגן די נעאָ־נאַצישע מיליטערלייט, די אַרטיקלען: „מיר וואַרענען״, „טרעבלינקאַ״, „גלאָבקע״ — זענען דערשינען אין צענדליקער־טויזנטער עקזעמפּליאַרן און פאַר־שפּרייט צווישן די וויכטיקסטע קהילה׳ס אויף דער גאַנצער וועלט.

נעמענדיק אין אַכט די דערגרייכונגען, דאַרף מען אויך געדענקען די פעלערן און די נישט־דערגרייכונגען אין די פּלענער פון דעם פאַרלאַג. ביז איצט איז איר נאָך נישט געלונגען אין פולער מאָס געבן אַן אויסדרוק פון לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויך האָט זי נישט דערגרייכט צו קומען צו די יוגנטלעכע און קינדער מיט אירע ליטעראַרישע שאַפונגען.

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז די טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאַרלאַג־וועזן איז מעגלעך גאָר אַ דאַנק די שטענדיקע אַבאָנענטן. לעצטנס האָט זיך אַפּילו אין אַ געוויסער מאָס פאַרגרעסערט די צאָל, וועלכע איז אַ דאַנק דער אַרבעט פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיסיע פאַר בוך און פרעסע.

גלייכצייטיק האָבן פוילישע אויפלאַגעס אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער אין דער פוילישער שפּראַך, וועגן יידישע טעמאַטיק.

יידישע שריפטן*

אין די יאָרן נעמט איבער די לייטונג פון די „יידישע שריפטן" דער ד"ר דוד ספּאַרד אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר. אין דעם רעד.־קאָלעגיום גייען אַריין: ש. הור־וויטש, ב. נאַדעל, מ. טעמפּעל, משה שקליאַר. די מיטאַרבעטער זענען: אליהו רייזמאַן, קלמן סעגאַל, בערל מאַרק, י. וואַסערשטרום, שלמה שטראַוס־מאַרקאַ, סטאַניסלאַוו באַנק, ז. זינרייך, א. קוואַטערקאַ, ר. כוואָלעס, אַרנאָלד סלוצקי, י. גאַרדאַן, יצחק אלחנן ראָנטש, פּסח בינעצקי, סטאַניסלאַוו וויגאַדזקי, י. פּינער, יוליאַן סטריקאָווסקי, י. קאַראַ, לייב דאָמב, הערשל סמאָליאַר, י. פּעלהענדלער, ע. רייבער, י. דאַגים, שלום שטערן, אַברהם ביק, ב. ציבולסקי, פּראָפ. שמואל אייזנשטאַדט, אידאַ קאַמינסקאַ, יעקב ראָטבוים, י. קאַרמאַן, משה שולשטיין, אסתּר פּאַדהאַביצער־סאַנדעל, י. פּאַרבער, ל. לאָזאָווסקי, אַלעקסאַנדער פּען, ד"ר א. בער־מאַן, סטאַניסלאַוו־יעזשי לעץ, דאָראַ טייטלבוים, קלאַראַ מירסקי, שלמה בעליס, הירש בלאָושטיין, זלמן גאָסטינסקי, יודל פּלאַץ, לילי בערגער, הירש גליק.

יידיש־סאָוויעטישע שרייבער: מאיר כאַראַץ, מאַרק ראַזומני, לעוו גינצבורג, שירי גאַרשמאַן, דינה ראַמאַנאָווע, חיים אָסטריצקי, חיים לויצקער, ברוך האַלפּערן, שלום זירמאַן, הירש אָשעראָוויטש, לעאָן קזשעמיעניצקי, יוסף קערלער, י. פאַלי־אַנקער, י. ריוועס, נאַדיעזשדאַ אַבראַמאָוויטש, חיים מאַלטינסקי, לעאָ לעווי, מאָטל גרוביאַן, י. ראַבין, א. רויטמאַן, יאָסל לערנער, א. פּלאָטנער, זיאָמע טעליעסין, לייב קוויטקאָ, ז. וווענדראָף, י. קיפּניס.

עס וועט אַמאָל דאַרפן קומען אַ קינסטלער מיט אַ גרויסן טאַלאַנט צו באַ־שרייבן דעם ווונדערבאַרן פאַרמעסט און די געוואַלדיקע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע באַדייטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און קאַמף, וואָס די יידישע פּאָליטישע פירער, געזעלשאַפטלעכע און פּאַרטייאישע עסקנים אין פּוילן האָבן באַלד נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געפירט פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג און פאַר אַנהייבן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע.

עס וועלן דאַרפן באַשריבן ווערן די יסורים פון די אָפּגעראַטעוועטע געזעל־שאַפטלעכע און פּאַרטייאישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אין אַנבליק פון מוראדיקן חורבן געדאַרפט באַפרייען זיך און אַנדערע פונעם טעמפן ווינקל,

---

* געזאַמלט אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט אין יאָר 1972.
* דער מחבר איז אַנוועזנד געווען אויף דער קאָנפערענץ.

וווהין עס האָט אונדז פאַרטריבן די יידישע טראַגעדיע; אַרויסרייסן זיך פון פינצ־טערן קאַשמאַר, באַזיגן דעם יאָמער, פאַרצווייפלונג און פאַריתומטקייט און מיט לייב און לעבן אַריינוואַרפן זיך אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווערן די שארית הפליטה צו אַ ניי לעבן, פירן אַ ברייטע אויפקלערונג און דערציִערישע אַרבעט, וועקן די שעפערישע כוחות אין יידישן לעבן און צופאַסן זייערע אַקטיווי־טעטן צו דער נייער לאַגע.

אין ערשטן נומער „יידישע שריפטן" פון נאָוועמבער 1946, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין לאָדזש, ווערט דערציילט, אַז אַ קליינע גרופע שרייבער און זשורנאַליסטן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט דעם 23טן אָקטאָבער 1944 אין שטוב פון שרייבער לייב ראָכמאַן אין לובלין און אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום צום פוילישן „קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג". צומאָרגנס איז אַוועק אַ דעלע־גאַציע אין באַשטאַנד פון יאָנאַס טורקאָוו, גזשעגאָזש יאַשונסקי און מיכאל האָפמאַן צום פרעזעס פון פ.ק.וו.נ., וועלכער האָט אַסיגנירט די ערשטע הונדערט טויזנט זל. אויף אַ „פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן".

די אויפגאַבעס, וועלכע דער פאַראיין האָט אויף זיך געשטעלט, זענען געווען פאָלגנדיקע: א) איינאָרדענען אווידיציעס פאַר אויסלאַנד, ב) גרינדן אַ יידישע פרעסע־אַגענטור און ג) שאַפן אַ קאָמיסיע צו זאַמלען היסטאָרישע מאַטעריאַלן, פון וועלכער ס'איז שפּעטער אויסגעוואַקסן „די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן" און דערנאָך „דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט".

אין יאַנואַר 1945 איז דער פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַ־ליסטן אַריבער קיין לאָדזש. דעם 24טן מערץ 1945 האָט דער צייטווייליקער צ.ק. פון די יידן אין פוילן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג א.נ. „דאָס נייע לעבן") וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַלס וואָכנצייטונג דעם 19טן אַפּריל 1945, און איר ערשטע רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: ד"ר א. בערמאַן (לינקע פּ. צ.), ד"ר ע. זאָמערשטיין (אַלגעמיינע ציוניסטן), יאָנאַס טורקאָוו (שרייבער־פאַראיין), ג. יאַשונסקי („בונד"), מ. מירסקי (פּ.פּ.ר.) און ד"ר סאַק (רעכטע פּ. צ.).

כאַראַקטעריסטיש זיינען די אַרטיקלען פון דעם ערשטן נומער — ד"ר ע. זאָמערשטיין — „מיר ווילן און ווען לעבן"; מ. מירסקי — „פאַר אַ ניי לעבן"; ד"ר מ. בערמאַן — „מיר בויען ווידער"; ד"ר פיליפּ פרידמאַן — „אונדזער היס־טאָרישע אויפגאַבע" א.אַ.וו.

אין די דאָזיקע ערשטע טראַגישע און פאַריתומטע טעג האָבן נאָך אַלע יידישע פּאַרטייען געוווינט אונטער איין דאַך. די עטלעכע על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועטע

די דעלעגאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן ביים מאָנומענט
פון די יידישע אָנפירער פון די געטאָ־העלדן. פון רעכטס: דער מחבר, רפאל כוואָלעס,
דוד ספאַרד, מאַרק ראַקאָווסקי, משה שקליאַר, יאַנקל גודקאָוויטש

שרייבער, אַקטיאָרן, זשורנאַליסטן, היסטאָריקער האָבן געשאַפן איין מנין. דער פּאַנאַנדערטייל אויף באַזונדערע געביטן האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיטן קומען פון גרעסערע גרופּעס יידן פון ראַטנפאַרבאַנד און, באַזונדערס, נאָך דער ערשטער רעפּאַטריאַציע פון פוילישע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך געענדיקט אין יוני 1946 און מיט וועלכער עס זיינען געקומען גרופּעס קינסטלער פון אַלע געביטן.

פון די יידישע שרייבער האָבן זיך צוריקגעקערט לייב אָליצקי, מאַטעס אָליצקי, ישראל אַשענדאָרף, י. אָקרוטני, וו.ה. איוואַן, מרדכי אַלעי, נחום באָמזע, פּסח בינעצקי, ש. בערלינסקי, נתן בלומענטאַל, חיים גראַדע, משה גראָסמאַן, יצחק גוטערמאַן, בינעם העלער, ד. האָפנונג, אלחנן וואָגלער, מ. וואַלדמאַן, יוסף וואָלף, אברהם זאַק, רייזל שיזכלינסקי, י. זאַנשיין, מ. זאַלצמאַן, יצחק טורקאָוו־גרודבערג, יצחק יאַנאַסאָוויטש, ש. לאַסטיק, בערל מאַרק, ל. מאָרגנטוי, מ. מירסקי, מענדל מאַן, ב. מאָסענזשניק, מ. נודעלמאַן, אברהם סוצקעווער, הערשל סמאָליאַר, דוד ספּאַרד, קלמן סעגאַל, יוסף סאַנדעל, יהודה עלבערג, ל. פינקעלשטיין, יצחק פּערלאָוו, ח. ש. פוקס, פּ. פריד, אפרים קאַגאַנאָווסקי, רחל קאָרן, י. קייטלמאַן, משה קנאַפּהייס, לייבל קופּערשמידט, שמערקע קאַטשערגינסקי, ב. קוטשער, נחמן ראַפּ, הדסה רובין, א. רייזמאַן, יוסף רובינשטיין, משה שקליאַר, ד״ר קערמיש, לייב האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט רחל אויערבאַך, יאָנאַס טורקאָוו, ד״ר קערמיש, לייב ראָכמאַן, ישעיהו שפּיגעל, א. שעדלעצקי.

די מיינונג פון די שרייבער וועגן דעם וויטערדיקן המשך פון אַ יידישן ישוב אין פוילן, נאָך דעם ווי ס'איז געוואָרן באַוווּסט דער קאַשמאַרער אומקום פון פוילישן יידנטום דורך די נאַציס און די פּאַסיווע און אַקטיווע מיטהילף פון די פּאָליאַקן — איז געווען פולשטענדיק געטיילט. די מערהיים איז געווען ביי דער מיינונג פון דעם רוב יידן, אַז מען קען מער נישט בויען קיין יידישן ישוב אויף דער ערד, וועלכע איז דורכגעזאַפּט מיט יידישע בלוט, און צווישן אַ באַפעלקע־רונג, וואָס אַ גרויסער טייל פון איר האָט זיך צוגעקוקט צו די גרויליקע רציחות מיט באַוויליקונג און אַ קליינער טייל האָט זיך אַפילו אין זיי דירעקט באַטייליקט.

די דאָזיקע מערהייט איז געוואָרן אַן אָנהענגערין פון דעם פּאָפּולערן לאָזונג אין יענער צייט: פון „יציאת פוילן״, אָדער אַפילו פון „יציאת אייראָפּע״. פון צווישן די שרייבער האָט אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע דיכטער און פּראָזאַיקער טאַקע גלייך פאַרלאָזט פוילן, ווי מענדל מאַן, חיים גראַדע, אברהם סוצקעווער, שמערקע קאַטשערגינסקי, י. קייטלמאַן, לייב ראָכמאַן, נחמן ראַפּ, א. שעדלעצקי און נאָך אַנדערע ווידער, זייענדיק אין פּרינציפּ מסכים מיט די ערשטע, האָבן דאָך אָפּגע־וואַרט נאָך אַ פּאָר יאָר און זייער אַרויספאָר איז פאָרגעקומען אין פּעריאָד פון דער

צוויטער גרויסער אויסוואַנדערונג פון די יידן פון פוילן אין סוף פון די פערציקער יאָרן, צו וועלכע עס האָט גורם געווען דירעקט די ליקווידאַציע פון נישט קאָמוניסטישע יידישע פאַרטייען.*

אויסער די צוויי גרופּעס איז נאָך געווען אַ דריטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון שרייבער, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געהערט צו דער „לינקער שרייבער־גרופּע", אָדער זיך גערעכנט פאַר אירע סימפּאַטיקער.

די דאָזיקע גרופּע איז געווען ביי דער מיינונג, אַז ביי די געענדערטע באַדינגונגען אין פוילן, ווען די נייע סאָציאַליסטישע רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג זיך אויסצולעבן נאַציאָנאַל און גלייכצייטיק זיין אַבסאָלוט גלייכבארעכטיקטע בירגער אין פּאָליטישן און אין עקאָנאָמישן זין, איז נישט נאָר פאַראַן די מעגלעכקייט, נאָר עס איז אַפילו אַ נאַציאָנאַלער חוב צוריק אויפצושטעלן אַ יידישן ישוב אין פוילן. אַזאַ ישוב וועט דינען אַלס דער בעסטער ענטפער אַלע אַנטיסעמיטן, אַז ביי זייער גרעסטער בעסטיאַלישקייט וועט זיך נישט איינגעבן צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק און אַפילו נישט קיין איין יידישן ישוב פון דעם פאַרנעם וואָס פוילן.

די דאָזיקע לעצטע מיינונג האָט אַנטשפּראָכן אין יענעם פּעריאָד דער אָפּיציעלער שטעלונג, וועלכע האָט מכמה טעמים געוואָלט געווינען די סימפּאַטיע פון דער מערב־וועלט.

מיטן אָנקומען פון קנאַפּע 200 טויזנט פוילישע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיך געשאַפן צוויי צענטערס פון יידישער קולטור־שאַפונג: לאָדזש און ווראָצלאַוו.

אין לאָדזש האָבן זיך קאָנצענטרירט די צייטשריפטן פון אַלע ריכטונגען, דער „פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן", דער „אַרטיסטן־פאַראיין", „די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע", און אין 1947 אויך דער פאַרלאַג „יידיש־בוך", די ליטעראַרישע חודש־שריפט „יידישע שריפטן", דאָס פּרעזידיום פון דער „קולטור־געזעלשאַפט", דאָס זיך־אַרט פון יידישן טעאַטער.

אין נידערשלעזיען, אין דזיערזשאָניאָוו (ריכבאַך) איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין סוף 1945 „די יידישע געזעלשאַפט פאַר קולטור און קונסט", וועלכע איז איבערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דעם נידערשלעזישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט קיין ווראָצלאַוו, דאָס נידערשלעזישע יידישע טעאַטער (פון דעצעמבער 1946 ביז 1949), אַ צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק מיט 32 אָפּטיילונגען, אַ יידישער פאַרלאַג מיט

* דער קאָמוניקאַט וועגן ליקווידירן אַלע פּאָליטישע ריכטונגען אין דער יידישער סביבה איז דערשינען אין נאָוועמבער 1949.

אַן אייגענער דרוקעריי, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ צוויי־וועכנטלעכע צייטונג אין דער יידישער שפּראַך א.ג. „נידערשלעזיע" און אין דער פּוילישער שפּראַך „נאָווע זשיציע" מיט אַ טיראַזש פון 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אין וראָצלאַוו איז אויך פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1946 די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ, פאַר וועלכער עס זיינען פאָרגעקומען 130 פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון 25 טויזנט יידן און אויף וועלכע עס זיינען אָנוועזנד געווען 400 דעלעגאַטן פון נידערשלעזיע גופא, אויסער געסט פון אַלע גרעסערע שטעט אין פּוילן.

אין וואַרשע האָט זיך געפונען צו יענער צייט בלויז דאָס פּרעזידיום פון „צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן", וועלכער האָט אויסגעקליבן זיין זיץ־אָרט אין חרובן וואַרשע סיי צוליב פּראַקטישע טעמים, כדי צו זיין נאָענט פון די דעציזירנדיקע מלוכהשע פאַקטאָרן, סיי צוליב פּרעסטיזש־דעמאָנסטראַטיווע טעמים.

ווען מען זאָל זיך אָבער שאַפן אַ בילד וועגן דעם יידישן לעבן אין פּוילן אין די ערשטע פאָר יאָר נאָך דער באַפרייונג אויפן סמך פון דער סטאַטיסטיק, וועלכע מיר געפינען אין דער דעמאָלטיקער פּרעסע, וועגן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע,ווירטשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די גרע־סערע שטעט פון קאָנגרעס־פּוילן, באַזונדערס אין לאָדזש, ווי אויך אין נידער־ און אויבער־שלעזיע, וואָלט דאָס געווען אַ געפעלשט בילד. די דעציזירנדיקע און כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון יענע יאָרן — די יאָרן פון קעלצער און קראָ־קעווער פּאָגראָמען און פון אומאויפהערלעכע רציחות איבער יידן טאָג־טעגלעך אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון פּוילן — זיינען געווען נישט דאָס אויפקומען פון אַזעלכע אָדער אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי די יידישע קאָמיטעטן, אָפּטיילונגען פון „אָרט", „טאָז" דזשאָינט", קינדער־ און זקנים־הייזער, שפּיטאָלן, קיכן, שולן, דראַמקרייזן, כאָרן און דג"ל, נאָך דעם קורצע לעבן פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען נאָך געציילטע טעג אָדער חדשים פאַרשוווּנדן גע־וואָרן מחמת דעם גרויסן און אומאויפהערלעכן שטראָם פון אויסוואַנדערער, וועלכע זיינען די נעכט אויסגעזעסן מיט צעפּלאָנטערטע און דערשראָקענע הערצער אויף די פּעקלעך, און אין די טעג געצויגן אין די טויזנטער צו די גרענעצן. פּוילן איז געווען ווי אַן איבערוואַנדערונגס־פּונקט, אויף וועלכן יעדן טאָג באַווייזן זיך ניי׳ע פּנימער, און די פאַרהעלטנישמעסיק קליינע גרופּע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער, וועלכע זיינען געווען אָריענטירט צו בלייבן, האָבן אויסגעזען ווי באַאַמטע אויף אַ וואָקזאַל.

אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז דער גייסטיקער מצב פון די שרייבער און קולטור־טוער געווען אַ טיף־טראַגישער, כמעט אַן אויסוועגלאָזער. פון די חורבות

און בערג מיט ציגל האָבן זיי נאָכגעקוקט זעקס מיליאָן אויסגעשאָכטענע יידן, און זיי האָבן נישט געהאַט אַפילו וועמען צו זאָגן: זיי געטרייסט, מיין פאָלק, ווייל ס'איז מער קיין פאָלק נישט געווען. די טויזנטער יידן, וועלכע זיינען טאָג־טעגלעך געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד, פון באַהעלטענישן, פון מיליטער, צי פון די פּאַרטי־זאַנער, האָבן נאָך נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום אָרגאַניזירטן ציבור. דאָס זיינען געווען עלנטע רעשטן פון אַן אויסגעהרגעט פאָלק.

די דאָזיקע שטימונגען זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף דער פאַרזאַמלונג פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לאָדזש דעם 10טן מערץ 1946.

„די ערשטע גרויסע דיסקוסיע איז געווען קודם־כל אַ זוכעניש פון דעם הויפּט־טראַקט, פון דער אָריענטיר־ליכט, — שרייבט ב. מאַרק, — וואָס זיינען יידן — אַ גייסטיק פאַראייניקטע גרופּע פון שבטים, אָפּגעטיילט דורך גרענעץ־ און שפּראַך־מחיצות, צי אַ וועלט־פאָלק. ווו געפינען זיך אַצינד, נאָך דער שוידער־לעכער קאַטאַסטראָפע פון פוילישן יידנטום, די העגעמאָנישע צענטערן פון יידישן לעבן — אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל, אין ראַטנפאַרבאַנד? וווהין האַלט עס ביי אונדז מיטן געדאַנק פון מלכות־ישראל, און צי האָט די יידישע קולטור אַ צוקונפט אין דעם אָדער יענעם לאַנד פון אונדזער היסטאָרישן וואַנדער?...״

געוויסע אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע האָבן געפּרוווט זוכן אַ מיסיע פאַרן באַשיידענעם יידישן קיבוץ אין פוילן. בעסער געזאָגט — פאַר דער יידיש־פּוילי־שער ליטעראַטור. אַנדערע — צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון דער שארית־הפליטה דורך אַ היים — צענטער אין מדינת־ישראל. טייל דיסקוטאַנטן האָבן באַטאָנט, אַז איינס שליסט אויס דאָס צווייטע, טייל — אַז דאָס זיינען צוויי אויסשטראַלונגען פון איין זעלבסט־דערהאַלטונג־באַגער פון דעם יידישן וועלט־פאָלק. פון דעם, צי עס איז ריכטיק די ערשטע הנחה, צי די צווייטע, דרינגען אַרויס די גרונט־אויפ־גאַבן פון אונדזער ליטעראַטור אין נייעם פוילן...

„פאַר די שרייבער שטייט די ריזיקע אויפגאַבע — פאַראייביקן די יידישע געשטאַלטן און טיפן, וועלכע זיינען אַוועק אויף שטענדיק, אויפלעבן אין דער ליטעראַטור אַ ישוב, פון וועלכן עס איז אַפילו קיין באַרג אַש ניט געבליבן; אויסזינגען סיי דאָס געוויין, וואָס דאַרף אָפּהילכן אויף אַ מהלך פון אַ סך ווייטאָק־דיקע דורות, סיי דעם גרויסן עפּאָס פון ווידערשטאַנד אין זיין טיפער טראַגיק און ביישפּיללאָזער העראָיק; געבן אַ בילד פון די וועגן פון יידישן וואַנדער אין משך פון די זעקס יאָר און אויסזוכן די שטריכן, די קאָנטורן, און די טענדענצן פון דעם באַנייטן ישוב אויף די חורבות פון פוילן״.

ווי עס איז צו זען פון דער דאָזיקער אסייאיסטישער רעלאַציע פון ב. מאַרק,



צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן צו דער פינפטער לאַנד-קאָנפערענץ דעם 6.3.1966
אינדערמיט שטייען : דער מחבר, אידאַ קאַמינסקאַ און יואל לאזעבניק

האָט די קליינע גרופּע יידישע שרייבער אָפּגעשפּיגלט דעם געדאַנקען־גאַנג, פאַר־אינטערעסירונגען און מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וועלכע האָבן געהערשט צו יענער צייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשידנהייטן האָבן אויך אַנטשפּראָכן די פּערזענלעכע האַנדלונגען פון די שרייבער, פון וועלכע אַ גרויסע טייל האָט איינגיכן פאַרלאָזט פוילן אויף שטענדיק, אַ צווייטער איז נאָך געבליבן אויף דערווייל, און אַ דריטער האָט אויפריכטיק געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון המשך, דערמוטיקט דורך די דעמלטיקע מלוכהשע דעקלאַראַציעס וועגן דער אַלזייטיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידישע בירגער אין אַלע געביטן און אין אַלע הינזיכטן. די דאָזיקע לעצטע גרופּע שרייבער האָט אָנגעהויבן אַנט־וויקלען אַן אינטענסיוו קולטור־שעפעריש לעבן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אייניקע גרונט־הנחות און גרונט־אויפגאַבן. נעמליך: אַז קיין שום יידישער קיבוץ אויף דער גאָרער וועלט האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ טיף פאַרוואָרצלטע און גייסטיק רייכע יידיש־שעפערישע קולטור־טראַדיציע, אַז אויף דער פּוילישער ערד איז פאַרגעקומען דער העראָישער געטאָ־אויפשטאַנד, וועלכער דאַרף געפינען זיין גע־שטאַלטיקונג אין דער ליטעראַטור און קונסט, און אַז עס פאָדערן פאַראייביקן זייער אָנדענק די מיליאָנען אומגעקומענע יידן.

פון אַ ווייטערער פּערספּעקטיוו פאַרלירן די אויבן דערמאָנטע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן די שרייבער זייער דעמלטיקע חשיבות. די נאַציאָנאַלע אויפגאָבן פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען איבער אָרט און צייט. ווי פאַר־שיידן עס זאָלן נישט האָבן געווען די מיינונגען און סטילן פון דער רעשט אָפּגע־ראַטעוועטע יידישע שרייבער אין יענע בראשיתדיקע טעג נאָכן מבול און ווי קעגנזעצלעך זאָלן נישט האָבן זיך פונאַנדערגעגאַנגען זייערע וועגן, זיינען זיי דאָך אַלע פאַרבליבן אין פאַרכישופטן קרייז פון זייער פאָלק. מיט וואָס פאַר אַ שטראָם און אין וועלכער ריכטונג אַ פיש זאָל נישט שווימען, בלייבט ער אַלץ אינעם טייך.

אָנהויב 1947 איז ביים פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן" געשאַפן געוואָרן „די קליינע ביבליאָטעק", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסגעבן פּראָזע, פּאָעזיע און קריטיק אין קליינע העפטן פון צוויי ביז דריי בויגן. און שוין אין ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, אין יאָר 1947, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן 7 העפטן, נאָר אין הסכם מיטן פּלאַן — קליינע אויסגאַבן, אַלע צוזאַמען 35 בויגן. אין 1948 גיט אַרויס דער פאַרלאַג נאָר 6 העפטן, אָבער פיל גרעסערע — צוזאַמען 44 בויגן. אין יאָר 1949 האָט „די קליינע ביבליאָטעק" זיך פאַרוואַנדלט אין דעם זעלבשטענדיקן פאַרלאַג „יידיש־בוך", וועלכער האָט די אַרויסגעבערישע טעטיקייט אויסגעברייטערט אויף פיר סעקטאָרן: אָריגינעלע שאַפונגען (פּאָעזיע, פּראָזע און קריטיק), שאַפונגען פון שרייבער אין געטאָ, געשיכטע און איבערזעצונגען. די

אַנטוויקלונג פון פאַרלאַג איז געגאַנגען בהדרגהדיק פאָרויס. שוין אין 1949 דער־שיינען 9 העפטן און אין 1950 — 11 העפטן.

אָבער גראָד אין דעם יאָר האָט דאָז יידישע שאַפן אין פוילן דורכגעמאַכט צוויי ערנסטע קריזיסן, וועלכע האָבן געהאַט זייער ווירקונג ביז אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן. איינער איז געווען פון אַ ריין מאַטעריעלן כאַראַקטער, דער פלוצעם פאַרקלענערטער טיראַזש מחמת דעם מאַסן־אַרויספאָר פון מער ווי אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, דער עיקר — קיין ישראל. דער צווייטער האָט געטראָגן אַ ריין אידעיש־פּאָליטישן כאַראַקטער, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם באַהערשן צו דער דאָזיקער צייט דורך דעם סטאַליניזם דאָס גאַנצע לעבן אין פוילן — דאָס פּאַרטייאישע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און די קולטור אין אַלע אירע זשאַנערן אין דער ליטעראַטור, קונסט, וועלכער ס׳איז געגעבן געוואָרן אין פוילן ביז דעמלט אַ געוויסע פרייהייט אין זין פון מעטאָדיק און ריכטונג, האָט אָנגעהויבן פאַרפליכטן דער וווּלגאַרער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, ווי ער איז גע־קומען צום אויסדרוק אין דעם רעפעראַט פון זשדאַנאָוון אויפן פּאַרטייאישן אַקטיוו בעתן שרייבער־צוזאַמענפאָר אין לענינגראַד אין 1946. די דעקרעטירונג וועגן סכעמאַטישן און מעכאַנישן אַריבערטראָגן די יסודות פון דער דעמלטיקער סטאַ־לינישער פּאַרטייאישער פּאָליטיק אויף דעם געביט פון קינסטלערישן שאַפן איז נישט בלויז געווען אַן־און־פאַר זיך עפּעס קעגנזעצלעכעס צום וועזן פון קונסט. עס איז אויך נישט געווען אין איינקלאַנג מיט די שטימונגען אין דער סביבה פון די יידישע שרייבער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די מאַסן־שחיטה פון יידישן פאָלק דורך היטלערן און נישט ווייניק מיטהעלפער אויך פון אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבן שוין געהאַט הינטער זיך צענדליקער יאָרן פון סאָוויעטישער דער־ציונג, האָט זיך נישט געלאָזט אויסטייטשן מיט די סכעמאַטישע פאָרמולעס פון קלאַסנקאַמף. עס האָט זיך געפילט די נויטווענדיקייט צו באַטראַכטן דאָס גאַנצע אַזוי גערופענע יידן־פּראָבלעם פונסניי — גאָר פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט און גאָר אויף אַנדערע יסודות.

די יידישע שרייבער פון פוילן, וועלכע האָבן זיך אָפגעראַטעוועט אין ראַטנ־פאַרבאַנד און וועלכע האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט די סאָוויע־טיש־יידישע גרויסע פּראָזאַיקער און דיכטער אין מינסק, לעמבערג, ביאַליסטאָק און אין די לעצטע יאָרן פון דער מלחמה — אויך אין מאָסקווע, זיינען נישט בלויז נישט געווען באַווירקט פון זיי אין דער ריכטונג פון דערשטיקן זייער מיטגע־בראַכטע פון פוילן יידישקייט, נאָר פאַרקערט — זיי איינצוהיטן און פלעגן. מען קען זיך פאָרשטעלן די פּסיכישע צעטומלונג פון דער קליינער גרופּע, וועלכע איז פון די דאָזיקע שרייבער נאָך פאַרבליבן אין פוילן, ווען צוזאַמען מיט דער איבער־

בשורה וועגן דעם אַרעסט פון די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין מאָסקווע האָבן זיי נאָך, אין הסכם מיט דער נייער קולטור־פּאָליטיק פון סוף פערציקער יאָרן אין פוילן, געמוזט זייערע טרויער־לידער נאָך דעם אומקום פון פּוילישן יידנטום זאָגן אין נוסח פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם לויטן זשדאַנאָווישן שולחן־ערוך.

אַ גרויסער טייל פון די אַנגעזעענסטע שרייבער האָבן דעריבער אין די יאָרן פאַרלאָזט פוילן צוזאַמען מיט די טויזנטער מיטגלידער פון פאַרשיידענע ציוניס־טישע ריכטונגען און פון „בונד" — אויפן סמך פון רשימות פון זייערע אָרגאַני־זאַציעס איז זיי דערלויבט געוואָרן אויסצוואַנדערן.

דאָס זענען געווען אַזעלכע שרייבער, ווי ישראל אַשנדאָרף, י. אָקרוטני, נחום באָמזע, משה גראָסמאַן, גוטע גוטערמאַן, יצחק גוטערמאַן, אלחנן וואָגלער, מ. וואַלדמאַן, אַברהם זאַק, רייזל זשיכלינסקי, יצחק יאַנאַסאָוויטש, ח. ש. פוקס, אפרים קאַגאַנאָווסקי, י. קוטשער, נחמן ראַפּ, ישעיהו שפּיגל און פיל אַנדערע.

די מערהייט פון די שרייבער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט זייערע שאַ־פונגען אין „יידיש־בוך" — לידער און פּראָזע — אין וועלכע זיי האָבן געבראַכט צום אויסדרוק זייערע שווערע איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער מלחמה. די דאָזיקע שאַפונגען זענען געווען, פאַרשטייט זיך, פון פאַרשיידענער קוואַליטעט, אָבער אין אַ גלייכער מאָס דורכגענומען פון דעם גרויסן אומגליק פון זייער פאָלק און פון אַ טיף נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס זיך געווערט האָט קעגן יעדער גלייכשאַל־טונג.

פאַרבליבן זענען דעמאָלט אין פוילן דער עיקר די, וואָס האָבן געהערט צו דער פאַרמלחמהדיקער לינקער שרייבער־גרופּע, אָדער צו אירע סימפּאַטיקער. דאָס זענען געווען די שרייבער בינעם העלער, יצחק טורקאָוו־גרודבערג, בערל מאַרק, מ. מירסקי, הערשל סמאָליאַר, ד. ספּאַרד, הדסה רובין, משה שקליאַר, דוד רויטענבערג, ווי אויך ל. אָליצקי, י. זאַנשין, מ. זאַלצמאַן, ש. לאַסטיק, קלמן סעגאַל, יוסף סאַנדעל, לייב קופּערשמידט און א. רייזמאַן. שפּעטער זענען צו די דאָזיקע שרייבער נאָך צוגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד ש. בעליס, מ. טעמפּל און י. גוטקאָוויטש און צוויי שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו זיין ליטעראַריש אַקטיוו שוין אין נייעם פוילן — דער דיכטער פּ. ציבולסקי און פּראָזאַיקער ש.. שטראַוס־מאַרקאָ. די שווערע איבערלעבונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, אָפט נישט בלויז פון מאַטעריעלן כאַראַקטער, האָט אַ טייל פון די שרייבער זיך באַמיט אויס־צוטייטשן מיט די שווערקייטן פון מלחמה, כאָטש אונטער די אויסטייטשונגען האָבן שוין געריזלט קאַלטע שטראָמען פון ספקות. אַ טייל פון די דאָזיקע שרייבער האָבן זיך באַמיט פון דעסטוועגן די פּרינציפּן פון סאָצרעאַליזם אַריבער־

צוטראָגן אויך אין דער יידישער שעפערישער סביבה און אויסגערוואָרפן זיי די יידישע ספּעציפישע טעמאַטיק פון נאָך דעם היטלער־חורבן. (אַנדערע זענען דער־צו געווען געצווונגען, אויב זיי האָבן געוואָלט זייערע שאַפונגען פּובליצירן.

די אידעאָלאָגישע יסודות פון קינסטלערישן שאַפן ווערן צו יענער צייט דעפינירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

ערשטע פונקציע — „זיי דאַרפן העלפן אין פאַרשאַרפן קלאַסנקאַמף איבער־געשטאַלטיקן אונדזער היינטיקע פּוילישעווירקלעכקייט אין אַ סאָציאַליסטישער", ד.ה. אַז „דאָס קולטור־שאַפן דאַרף אינטעגראַל דורכגענומען ווערן מיט דער קעמ־פערישער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט, דאַרף ברעכן יעדן פּרווו איינצוהאַלטן אויפן קולטור־ און קונסט־געביט די פאַרמלחמהדיקע און נאָכמלחמהדיקע איינ־פלוסן פון בורזשואַזן אָדער קליינבירגערלעכן כאַראַקטער. סימנים פון דעם אָנהויב פון דער קולטור־אָפענסיווע אין מלוכהשן מאַסשטאַב זעען מיר צווישן אַנדערן אין די לעצטע דריי צונויפגעפאָרן פון די פּוילישע קולטור־שעפער: דראַמאַטורגן, פּלאַסטיקער און מוזיקער. אויף די דאָזיקע צונויפגעפאָרן איז דייטלעך און קלאָר געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע פון איבעראָריענטירן זיך אויפן מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

„אַלזאָ רעאַליזירן די אידעאָלאָגישע פונקציעס פון דער דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט איז אויך די אוממיטלבאַרע אויפגאַבע פון דער יידישער געזעלשאַפט אין איר טעאָרעטישער און פּראַקטישער טעטיקייט".

די צווייטע פונקציע דאַרף באַשטיין אין דעם, וואָס „ביים פאַרסירן דעם רפּאָצעס פון דער קולטור־רעוואָלוציע ביי אונדז אין פּוילן דאַרף די סאָציאַליס־טישע קולטור פון ראַטנפאַרבאַנד זיין דער מאָדעל, פון וועלכע מען דאַרף זיך כסדר לערנען, וועלכע דאַרף געלייגט ווערן אין יסוד פון דער קולטור־בויונג ביי אונדז אין לאַנד, ווייל די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע קולטור איז דער העכסטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פון אונדזער עפּאָכע".

די דריטע פונקציע דאַרף זיין „דער רעוואָלוציאָניזירנדיקער כאַראַקטער פון אונדזער קולטור־שאַפונג וועלכע דרינגט אַרויס פון די אויפגאַבן צו רעאַליזירן די אידעאָלאָגישע פונקציעס פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".*

* באַריכט פון לאַנדצונויפפאָר פון דער ייד. קולטור־געזעלש. אין פּוילן. פאַרלאַג „יידיש־בוך" 1949.

אויך אין באַריכטס־רעפעראַט אויף דעם זעלבן צוזאַמענפאָר ווערט אונטער־געשטראָכן „דער פולשטענדיקער איבערברוך אין דער טעטיקייט פון דער קולטור־געזעלשאַפט אונטער דער ווירקונג פון דער אַלזייטיקער פּאַרטיפּטער דיסקוסיע אויף די פּלענומס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פּאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי פון 6טן און 7טן יולי און פון 31טן אויגוסט ביז דעם 3טן סעפּ־טעמבער 1948 וועגן דעם רעכט־אַנציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן אַ קלאָרקייט אין דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער אָנווענ־דונג פון די גרונט־יסודות פון מאַרקסיזם־לעניניזם אויף אַלע געביטן“.

דער ענין מיטן רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג, וועלכע האָט אין פּוילן, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע סאָטעליטן־לענדער פון מאָסקווע, געהאַט די אויפגאַבע צו סטאַליניזירן דאָס גאַנצע לעבן אין לאַנד, האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפעה אויף דער יידישער קולטור־טעטיקייט, ענדערנדיק אירע פאָרמען און אינהאַלט אויף אַלע געביטן.

אויף דעם געביט פון ליטעראַטור האָט דער דאָזיקער פּראָצעס געווירקט סיי אויף דער טעמאַטיק, סיי אויף דעם אידעיש־קינסטלערישן צוגאַנג.

וואָס איז שייך דער טעמאַטיק האָבן — אַנשטאָט די שאַפונגען וועגן אומקום און גבורה, ווי אויך באַשרייבונגען און זכרונות, וועלכע האָבן דערמאָנט אין דעם טראַגיש פאַרשניטענעם לעבן פון אַמאָל — אָנגעהויבן נעמען די אויבערהאַנט שאַפונגען, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָפּשפּיגלען „די פריידיקע ווירקלעכקייט פון היינט“, רעוואָלוציאָנערע טעמאַטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט, איבערזעצונגען פון דער סאָוועטישער סאָצרעאַליסטישער ליטעראַטור און... די יידישע קלאַסיק, צו וועלכער — נאָך דעם אַרעסט און מאָרד פון די סאָוויעטישע יידישע שעפער — עס האָט זיך איינגעשרומפּן כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור.

וואָס אַנבאַלאַנגט ווידער דער געענדערטער אידעיש־קינסטלערישער איינ־שטעלונג, האָט זי אין דער יידישער סביבה זיך אויסגעדריקט קודם־כל אין באַקאַנטן פּרינציפּ פון דער סאָצרעאַליסטישער טעאָריע וועגן קריטישן צוגאַנג צו ירושהדיקייט. דאָס האָט באַטייט נישט בלויז סעלעקציע לגבי קינסטלערישע און בכלל קולטור־ווערטן פון דער פאַרגאַנגענהייט אין הסכם מיטן פּרינציפּ פון קלאַסנקאַמף, נאָר אויך געהעריקע קאָמענטאַרן צו פיל פון די דאָזיקע ווערטן, וועלכע האָבן געענדערט זייער תוך אין דער באַגערטער און צוועקמעסיקער ריכטונג. עס האָט געהייסן: באַנעמען די פאַרגאַנגענהייט אין ליכט פון דער קעגנ־וואַרט. וואָס איז אַן־און־פאַר זיך דיסקוטאַבל, אָבער ווען זי ווערט נאָך דערצו קינסטלעך פאַרגוואַלדיקט דורך אַ פון פאָרויס באַשטימטער פּאָליטישער טענדענץ, דאַן איז עס מסוגל צו פאַרקריפּלען דעם ערשטיקן אָריגינעלן אינהאַלט. דער

דאָזיקער מעטאָד איז אָנגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין דער קונסט און אין דער געשיכטע. ער האָט זיך באַדינט מיט דער הילף פון פאַר־שיידענע פאַרטייטשונגען, אויסטייטשונגען, אַריינטייטשונגען, מאָנטאַזשן פון די ווערק פון איין שעפער, אָדער פון עטלעכע און מיט ציטאַטן.

די „ציטאַטאָלאָגיע" איז געוואָרן איינער פון די קונסט — און קונץ־קענ־שאַפטן, ספּעציעל ציטאַטן פון אָנערקענטע אויטאָריטעטן. זיי האָבן נישט בלויז געשאַפן דעם איינדרוק פון וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג, נאָר דער עיקר — זיי האָבן אָפּגענומען יעדע מעגלעכקייט פון אָפּאָנירן, פון קעגנשטעלן זיך. מחמת אויב אַזאַ און אַזאַ אויטאָריטעט האָט אַרויסגעזאָגט אַזאַ און אַזאַ מיינונג מעג דאָס זיין אויף אַ געביט, אויף וועלכן דער דאָזיקער אויטאָריטעט האָט נישט די מינדסטע אַנונג — איז ווער וועט וואַגן צו זאָגן אַנדערש.

מיט דעם דאָזיקן „מעטאָד פון קריטישן צוגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט" זיינען געוואָרן באַלויכטן פאַרשיידענע געשטאַלטן פון דער קלאַסיק און געזאַמלטע שאַפונגען, פאַרטושנדיק מיט אַלע מעגלעכע מיטלען דאָס קאָנקרעט־יידישע, און נאָך מער, דאָס געמיינזאַם־יידישע, אַרויסהייבנדיק באַזונדערס דאָס אַבסטראַקט־אַלגעמיינע און קלאַסן־אַנטאַגאָניסטישע, ווי די העכסטע ראַנג פון מענטשלעכקייט.

דער דאָזיקער מצב האָט זיך געצויגן אין אַ שטייגנדיקער ליניע פון 49טן יאָר ביז אין דעם 57טן. ער איז בולט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין דער טעמאַטיק פון די דערשינענע ביכער און אין די שרייב־מעטאָדן, באַזונדערס אין די קריטישע אָפּהאַנדלונגען פון יענער צייט, וועלכע זיינען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דער „פאָלקס שטימע", „אין „די יידישע שריפטן" אָדער אין בוך־פאַרמאַט. דער אויבערפלעכלעכסטער אַריינבליק אין די דאָזיקע אויסגאַבן, אָדער אין דער רשימה פון די אַרויסגעגעבענע ביכער אין יענע יאָרן וועט גלייך באַשטעטיקן דאָס אויבן געזאָגטע.

אַזוי, למשל, וואָס איז שייך דער טעמאַטיק, זיינען ביז 1949 דערשינען 13 ביכער און פון זיי האָבן אַן ערך 9 זיך פאַרנומען מיט דער געטאָ־טעמאַטיק — סיי אין ליד סיי אין פּראָזע. פון 1949 דערשינען שוין דער עיקר ווערק פון דער יידישער קלאַסיק, וועלכע זיינען כשר לכל הדעות, איבערזעצונגען פון דער סאָוויע־טישער ליטעראַטור, וועלכע איז צו יענער צייט געווען מערסטנטייל אַ סאָצרעאַ־ליסטישע, אויסער קליינע אויסנאַמען, און אייניקע שאַפונגען פון די פּויליש־יידישע שרייבער אויף אַקטועלער טעמאַטיק, ווי „פרילינג אין פּוילן" פון בינעם העלער, „ביי דער אַרבעט קלינגט דאָס ליד" פון ל. מאָרגענטוי, „פעלדער גרינען" פון א. רייזמאַן און ד. גל. עס דערשיינען אויך אין די יאָרן ווערק אויף רעוואָלו־ציאָנערער טעמאַטיק, אָדער אַזעלכע, וועלכע זיינען אין גייסט פון אַ קריטישן

צוגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווי „אַ פשוטער זעלנער" פון ה. סמאָליאַר, „שרייבער און ביכער" און „שטודיען און סקיצן" פון ד. ספאַרד, „מיטן פּנים צום מאָרגן" פון ש. לאַסטיק, „פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קריטיק" פון מ. מירסקי, „אַפּקלייב", „דאָדיע קאָוואַל" פון ל. אָליצקי און ד. גל.

דעם 9טן אַפּריל 1951 איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג פון פּרעזידיום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד מיט די יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן און קולטור־טוער, אויף וועלכע אַ סך אָנטיילנעמער האָבן געשטראָפט די יידישע ליטעראַטור פאַר איר נישט האַלטן טראַט מיט דער נייער ווירקלעכקייט, אויך אַ טייל שרייבער גופא, וועלכע האָבן די ליטעראַטור געשאַפן. אייניקע פון די אָנטיילנעמער פאַרגלייכן די יידישע ליטעראַטור פון דער לעצטער צייט אין פוילן (פאַרשטייט זיך, אַז בלויז לויט איר ריכטונג און טעמאַטיק) מיט דער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד און מיט דער פוילישער ליטעראַטור, און ווייזן אָן, אַז דאָרט קומט פאָר „פּאַראַלעל מיטן שילדערן די העראָיק פון קאַמף בעת דער אָקופּאַציע־צייט, אויך אָן אויפשטייגן אין דער ליטעראַטור מיט אַ היינטצייטיקער טעמאַטיק", אין דער צייט, ווען דער יידישער שרייבער „שפּיגלט ניט אָפּ אין זיין שאַפן די היסטאָרישע ענדערונגען אין אונדזער געזעלשאַפט, איבעם לעבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע".

אַנדערע שטעלן פעסט, אַז „די לעצטנס דערשינענע יידישע ביכער אַנטשפּרעכן נאָך נישט פולשטענדיק אונדזער היינטצייטיקייט". אין זעלבן גייסט זאָגן זיך אַרויס כמעט אַלע שרייבער, אַ טייל גייט נאָך ווייטער, האַלטנדיק, אַז דאָס דערגרייכן זיך צו דער נייער ווירקלעכקייט איז נאָך וויניק, מען דאַרף אוממיטלבאַר אָנטיילנעמען אין איר, „שטיין אויף די פּאָזיציעס פון קאַמף", וואָס הייסט ביים היינטיקן טאָג, שטיין אויף די פּאָזיציעס פון בויונג, און אַז שרייבן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט האָט אַ זין נאָר דעמלט, ווען עס איז אַזוי געשריבן, „אַז עס סטימולירט די טעטיקייט פון היינט, אויב נישט האָט אַזאַ שרייבן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט נישט קיין ווערט", און אַז „אַפילו שוואַכערע לידער, דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן פון דער היינטצייטיקייט זענען פיל וויכטיקער איידער די אַבסטראַקטע ווערק וועגן נעכטן". עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין זייערע אויפטריטן זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט אַלגעמיינע עצות די שרייבער, נאָר אַפילו געגעבן קאָנקרעטע טעמעס.

דער לאָזונג, מיט וועלכן מען איז אומאויפהערלעך געקומען צו אַלע קינסטלער, איז געווען „מיטן פּנים צו אונדזער נייער ווירקלעכקייט", אָדער „צו אונדזער נייער גרויסער ווירקלעכקייט".

אין נומער 145 פון „דאָס נייע לעבן" פון 1952 איז אָפּגעדרוקט אַ באַריכט

צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן צו דער פינפטער לאַנד־קאָנפערענץ, דעם 6.3.966
עס זיצן פון רעכטס: סאַלאָ פישגרונט, רות גוטקאָווסקאַ, דער מחבר
און דער שרייבער מענדל טעמפל

פון אַ לאַנד־באַראַטונג פון יידישע שרייבער, אויף וועלכער דער רעפערענט שטעלט קלאָרע אויפגאַבן פאַרן יידישן שרייבער. „עס גייט אין דעם, אַז דער שרייבער זאָל אויפנעמען און פאַרשטיין דעם גרונט־פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג, וואָס עס מאַכט דורך אונדזער לאַנד אויפן וועג צו אַ שענער און בעסער לעבן". אַנשפּאַרנדיק זיך אַליין אויף אַ רעפעראַט פון ביערוטן אויף אַ פּלענום פון דער פּאַרטיי, זאָגט דער רעדנער, „אַז דער גרונט־געדאַנק פון ביערוטס רעפעראַט וואָלט מען געקענט פאָרמולירן אין געציילטע ווערטער. „אין די נייע באַדינגונגען — אַרבעטן אויף אַ נייעם אופן". שילדערן דאָס לעבן פון אַרבעטער און פּויערים, זייער טרויעריקן נעכטן און גליקלעכן היינט... אין אונדזער לעבן — זאָגט ווייטער דער רעדנער — נעכטיקן נאָך אַלטע געוווינהייטן, טראַדיציעס, איבערלעבענישן פון דער אַלטער וועלט, אַ סך פון אונדז, וואָס פאַררעכענען זיך שוין צו דעם באַוווּסטזיניקן טייל פון דער געזעלשאַפט טראָגן נאָך אין זיך די דאָזיקע איבער־לעבענישן פון נעכטן. באַקעמפן זיי, אויסקאָרטשעווען אונדזערע שלעכטע געוווינ־הייטן און דעמאַסקירן דעם בורזשוי־פּאַראַזיט, אַרויסברענגען זיין העסלעכקייט און גייציקייט — איז די אויפגאַבע פון שרייבער".

מער ווייניקער אין דעם גייסט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אַלע אָנטיילנעמער אין דער באַראַטונג. די ראָל פון דער קונסט איז געוואָרן רעדוצירט צו אַ דינערן פון דער פּאָליטיק, פּונקט ווי די פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער לגבי דער טעאָלאָגיע, און דאָס אַ דינערין פון אַ באַשטימטער פּאָליטיק, וועלכע האָט אויסגעשלאָסן קאַטעגאָריש אַלע אַנדערע. אָפּהענגיק דערפון האָט זיך אַלץ מער רעדוצירט די ראָל פון די כשרע שעפער און אַפילו פון כשרע טעמעס. שרייבן האָט מען פאַר־שטייט זיך געקענט וועגן אַלץ, אָבער יעדער סיוזשעט האָט שוין אַנטהאַלטן אין זיך דעם אופן פון זיין באַהאַנדלונג.

דער דאָזיקער מצב האָט דאָך נישט באַווירקט דעם פאַרשפּרייט. דער טיראַזש פון יידישן בוך איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, דערגרייכנדיק אין יאָר 1953 צו דער ריזיקער, אין פאַרגלייך מיט דער יידישער באַפעלקערונג, צאָל פון 5314 יערלעכע אַבאָנענטן (אין 1952 — 4500). עס איז אויך אומאויפהערלעך געשטיגן די צאָל געדרוקטע ביכער און בויגנס. אַזוי, למשל, איז אין 1947 דערשינען 7 ביכער, 560 זייטן; אין 1948 — 6 ביכער, 690 זייטן; 1949 — 9 ביכער, 1128 זייטן; אין 1950 — 11 ביכער, 1498 זייטן; אין 1951 — 19 ביכער, 3590 זייטן; אין 1952 — 14 ביכער, 3248 זייטן; אין 1953 — 15 ביכער, 3228 זייטן.

די סיבות פון דעם ריזיקן טיראַזש אין פּראָפּאָרץ צו דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען פאַרשיידענע. איינע פון זיי איז בלי ספק געווען די ענערגישע ווערבירונגס־אַקציע פון אַבאָנענטן פאַרן יידישן בוך יעדעס

יאָר, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט שיעור נישט אין אַ פאָלקס־קאָמפּאַניע. אַזוי, למשל, זיינען בעת דער בוך־ווערבירונג פון 1953 דורכגעפירט געוואָרן אין 33 שטעט 110 קאָנפערענצן און 32 אָוונטן מיטן אָנטייל פון יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנוועזנדיק העכער 10 טויזנט מענטשן *.

די צווייטע סיבה איז געווען די אויסגעהונגערטקייט פון די פוילישע יידן נאָך אַ יידיש וואָרט. די קוואַדראַט־אותיות, אומאָפּהענגיק פון זייער אינהאַלט, האָבן געוועקט ווייטיקלעכע רעמיניסצענצן פאַרבונדענע מיט די טייערע געשטאַלטן, וועלכע זיינען אויף אַזאַ טראַגישן אופן פאַרשוווּנדן.

און די דריטע סיבה איז די צוציונגס־קראַפט, די קינסטלערישע און נאַציאָנאַלע, פון די יידישע קלאַסיקער.

דער דאָזיקער מצב סיי אין קינסטלעריש־אידעאָלאָגישן זין, סיי אין אָרגאַניזאַציאָנעלן, האָט אָנגעהאַלטן ביז דער העלפט פון די 50־ער יאָרן, ווען באַדייטנדיקע געשעענישן האָבן געענדערט אויף אַ וועזנטלעכן אופן סיי די אידעיש־קינסטלערישע איינשטעלונג, סיי דעם מאַסן־פאַרשפּרייט פון יידישן בוך. אויף דער ערשטער ענדערונג האָבן געווירקט די אויפגעדעקטע פאַרברעכנס פון סטאַלינען און דער אַזוי גערופענער „פוילישער אָקטאָבער". אויף דער צווייטער — די מאַסן־עמיגראַציע פון יידן, נאָר וואָס געקומענע קיין פוילן מיט דער צווייטער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד, צוזאַמען מיט די יידן, אַלטע תושבים. ווי דורך אַ כישוף זיינען פלוצעם אויפגעקומען נייע איינשטעלונגען און נייע פאָרמולירונגען אויף דעם געביט פון ליטעראַטור.

אויף דער פאַרזאַמלונג פון די יידישע שרייבער, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 20טן מאַי 1955 אין וואַרשע מיטן אָנטייל פון יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַזעלכע פראַגן ווי 1) אויסברייטערן די פאַרבינדונגען מיט אַלע צענטערס פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט; 2) טיפער גרייכן צו דעם געשיכטלעכן שורש פון יידישן פאָלק, און 3) אויסקלאָרן די פּערספּעקטיוון, וועלכע עפענען זיך אין שייכות מיטן גרויסן פּראָצעס פון דעמאָקראַטיזירן דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. אין באַריכט פון דער פאַרזאַמלונג („פאָלקס־שטימע" פון 26טן מאַי 1955, נומ. 85) קומען די אויבן דערמאָנטע פּראָבלעמען קלאָר און איינדרייטיק צום אויסדרוק.

---

* „פאָלקס־שטימע" נומ' 35 פון יאָר 1953.

„אויב עס גייט וועגן דער ערשטער פראַגע — זאָגט זיך אין דעם באַריכט — איז דאַכט זיך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז אין די יאָרן פון דער „קאַלטער מלחמה״ און אין דער אַטמאָספער פון חשד און אומצוטרוי צו אַלץ און אַלעמען, וואָס קומט פון מערב, פון פאַרלייקענען די קולטור־ווערטן, וואָס ווערן געשאַפן מחוץ דעם לאַגער פון סאָציאַליזם — אין דער דאָזיקער אַטמאָספער וואָס איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון די פאַרקריפּלונגען, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך דער פערזאָנען־קולט, איז אונדזער צאַלמעסיק נישט גרויסע יידישע שרייבער־גרופּע אין פוילן געווען כמעט ווי פאַראיינזאַמט״. אין זיין אַריינפיר־וואָרט האָט בער מאַרק צווישן אַנדערן געזאָגט אויף דער דאָזיקער טעמע: „פון איין זייט זיינען מיר אַ טייל פון דעם גרויסן פוילישן ליטעראַרישן לעבן, אָבער דאָס קען אונדז נישט גענוגענען. מיר קענען נישט עקזיסטירן אַלס ליטעראַרישע גרופּע אָן אַ ברייטער פאַרבינדונג מיט דער יידישער ליטעראַטור אויף דער וועלט״.

„קיינער פון די דיסקוטאַנטן — שרייבט זיך ווייטער אין דעם באַריכט — האָט נישט געפּרוּווט באַשטרייטן די נויטווענדיקייט פון אַ גרינטלעכן איבערברוך אין דער באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד״...

אַ וויכטיקן אָרט האָבן פאַרנומען אויף דער פאַרזאַמלונג די פּערספּעקטיוון אויף ווייטער אין פאַרבינדונג מיט די אויפדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנ־פאַרבאַנד. נישט אַלע יידישע שרייבער — האָט זיך געזאָגט אין דעם באַריכט — זיינען אין שטאַנד בייצוקומען דעם ווייטיק פון די דאָזיקע אויפדעקונגען, פיל האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זיך און ווילן מער גאָרנישט זען אַרום, אויסער אויסזיכט־לאָזיקייט. אַ פולשטענדיקער צוריקטריט פון אַלע ביז איצטיקע פּאָזיציעס.

אין זין פון אָט דעם צוריקטריט ווערן געשריבן אין אַן אַרטיקל א.ג. „אייניקע באַטראַכטונגען״ * פאָלגנדיקע שורות:

„די סאַמע קאָמפּליצירטע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען, איינגעוואָרצלטע פון דור־דורות, זיינען טראַקטאַירט געוואָרן טיילמאָל מעכאַניש און קלאַסיפיצירט געוואָרן ווי טויטע אָביעקטן, וועלכע לאָזן זיך אַנגעבן אַזאַ אָדער אַנדערע סוביעקטיווע פאָרם, קענען איבערגעפאַרבט ווערן אויף אַזאַ אָדער אַנדער קאָליר, לויט דער פּרימיטיווער לאָגיק פון אַזאַ אָדער אַנדער אויטאָריטעט. די באַקאַנטע פאָרמול, אַז קולטור דאַרף זיין נאַציאָנאַל אין דער פאָרם און סאָציאַליסטיש אין איר

* „פאָלקס־שטימע״ פון 4־16 מאַי 1957.

אינהאַלט, האָט זיך פאַרוואַנדלט גאַנץ אָפט אין אַן אומאויפהערלעכן ווילקיר. דער אונטערשייד צווישן די קולטורן פון פעלקער, וואָס איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע פון זייער אייגנאַרטיקער עקזיסטענץ, איז דורך אייניקע פאַרשטאַנען געוואָרן אין דעם איינפאַכן זין, ווי כלים פון פאַרשיידענער פאָרם און קאָליר, אין וועלכע מען גיסט אַריין איינע און די זעלבע פליסיקייט. דאָס טראַגישע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די דאָזיקע „אייניקע" זיינען געוואָרן די הערשער נישט בלויז איבער גופים... צי איז מעגלעך געווען, אַז אונדזער פּראָפּאָרציאָנעל קליינער אָפּשניט פון יידישער שאַפונג אין פוילן זאָל נישט ווערן אָנגערירט פון דער דאָזיקער קרענק? אַזוינס איז נישט מעגלעך געווען. מיר האָבן נישט איבערגעשניטן אַלע פעדים מיט דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרקערט, מיר האָבן זיך ביי פיל זייער פעסט געהאַלטן און ווייטער געשפּינט מיט זייער הילף דאָס געוועב פון אונדזער קולטור. אָבער אויך פיל וועזנטלעכס האָבן מיר אַרויסגעלאָזט פון אונדזערע הענט, נישט באַמערקנדיק, ווי טייער זיי זיינען דעם יידישן מענטשן און ווי נאָענט זיי זיינען צו זיין געפיל. דאָס האָט אַ שייכות צו אַ סך עלעמענטן פון דער יידישער געשיכטע, צו דעם טיף איינגעוואָרצלטן פאָלקס-שטייגער פון יידישע ימים-טובים, צו דער באַציונג פון גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק צו ישראל ווי צו אַ יידישער מלוכה, צו דער וועזנטלעכער באַדייטונג פון העברעיִשן עלעמענט אין דער יידישער שפּראַך און צו פיל אַנדערע. צי האָט דאָס אַלץ געקאָנט נישט ווירקן אויף דעם כאַראַקטער פון אונדזער גאַנצער קולטור-שאַפונג, אויף אונדזער שיינער ליטעראַטור, אויף אונדזער פּרעסע, אויף דער טעטיקייט פון אונדזערע וויסנשאַפטלער, אויף אונדזער פּעדאַגאָגישן סיסטעם?"

דאָס דאָזיקע, אין אַ געוויסער מאָס נאָך דיסקרעטע, צוריקציִען זיך פון די סקעפּטישע און „אַפּיקורסישע" געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען, פאַראורזאַכטע דורך די אויפגעדעקטע פאַרברעכנס אין ראַטנפאַרבאַנד און אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין לאַנד גופא, איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דעם נייעם אָנגריף אויף אַלע וואַקלענדיקע עלעמענטן מצד דער פּאַרטיי. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז דער אָנגריף פון דער צענטראַלער פּאַרטיי-צייטונג „טריבונאַ לודו" פון 2טן יאַנואַר 1959 אויף דעם וראָצלאַווער צוזאַמענפאָר פון אַלפּוילישן ליטעראַטן-פאַראיין, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1958 און וועלכער האָט אויסגעדריקט די „באַוואָרענישן לגבי דעם אידעיִשן פּראָגראַם פון דער קינסטלערישער אַרבעט און קולטורעלער טעטיקייט און די מורא פאַרן צוריקקער צו דער שלעכטער פּראַקטיק... „פון דיקטירן די שעפער אייגזייטיקע און פאַראיינפאַכטע סכעמעס".

אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקגאַנג פון דעם אַזוי גערופענעם

„פוילישן אָקטאָבער״, וועלכער האָט גראָד די שרייבער געהאָט צו פאַרדאַנקען זייער אַ סך פון זיין זיג.

דאָס האָבן די שרייבער די ערשטע אים פּראָקלאַמירט, אַרויסגעטראָגן אין דער עפנטלעכקייט און מוטיק אונטערשטיצט. אָבער די נייע הערשנדיקע קליקע מיט גאָמולקאָן בראש, קומענדיק צו דער מאַכט, האָט גלייך טאָקע פון די זעלבע שרייבער זיך דערפּילט באַדראָט נישט דערפּאַר, וואָס די שרייבער האָבן מכלו־מרשט „פאַרגעסן״, ווי עס האָט געשריבן די „טריבונאַ לודו״, נאָר גראָד דערפאַר, וואָס זיי האָבן דעם „אָקטאָבער״ פּראָקלאַמירט און אונטערשטיצט.

מיט דער סטאַביליזירונג אין דער פּאַרטייאישער סביבה האָבן די זעלבע מענטשן אָנגעהויבן רעדן מיט זייער פריַערדיקער שפּראַך. דאָס גלייכן אין דער יידישער סביבה. דעם ליבעראַליזם פון 57סטן יאָר האָט אָנגעהויבן אַרויפּציַען אויף זיך אַן אַלץ מער שטייפערע הויט, ביז ער האָט אין גאַנצן איינגעטריקנט.

דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ פון די פריינד און פאַרשפּרייטער פון יידישן בוך און פרעסע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יוני 1961. אין באַריכטס־רעפעראַט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז געוואָרן באַ־רירט צווישן אַנדערן דאָס פּראָבלעם פון די יעניקע שעפער, „וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע מיט אירע אינער־לעכע ווידערשפּרוכן, אַז טראָץ די זיגזאַגן, וואָס זי מאַכט אָפּט מאָל, גייט זי דאָך דיאַלעקטיש פאָרויס״. די כאַראַקטעריסטישע אידעיִשע איינשטעלונג פון דער פּאַרטיי אין די פראַגן פון קונסט האָט צוריק געוווּנען איר גלייכגעוויכט און אָנגעגריפן די שרייבערישע נייגונגען צו אַבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק, וועלכע איז איין און איינציק אין שטאַנד צו דערמעגלעכן יעדן שעפער דערפילן זיינע געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע אויפגאַבן. אויך די פּאַרטיי האָט גערעדט וועגן קינסטלערישע פרייהייט, אָבער דאָס איז געווען אַ פרייהייט אַ דעטערמיניסטישע, אַ פון פאָרויס רעגולירטע אין באַשטימטע ראַמען, אַ פריי־הייט פון „דערקענטער נויטווענדיקייט״ לויט דער טערמינאָלאָגיע פון דער מאַטע־ריאַליסטישער דיאַלעקטיק.

עס ווערן אויך אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן געשאַפן כמעט אין אַלע אָפּטיילונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד לייענער־קרייזן, וועלכע האָבן אַלע איין און דעם זעלבן ציל — פּאָפּולאַריזירן די קינסטלערישע ליטעראַטור, כאָטש די מעטאָדן און די פאָרמען פון דער אַרבעט זיינען אין פאַרשיידענע שטעט פאַרשיידן. אויף דער לאַנד־באַראַטונג פון די פאַרשטייער פון די יידישע לייענער־קרייזן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מערץ פון יאָר 1962, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אייניקע לייענער־קרייזן, ווי אין וואַרשע, האָבן נישט קיין סטאַבילן באַשטאַנד

און זיי פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן, באַגעגענישן מיט די שרייבער, וועלכע לייענען זייערע שאַפונגען. נאָך דעם לייענען קומט פאַר אַ מיינונגס־אויסטויש. דאָקעגן אַנדערע קרייזן, ווי אין לאָדזש, למשל, האַלטן אײַן אַ סטאַבילע צאָל מיטגלידער, באַהאַנדלען ביכער זעלבשטענדיק, אָן דעם אָנטייל פון שרייבער. זיי באַשטימען אַליין דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל, לייענען אים פאַר אין קרייז און דערנאָך אַנאַליזירן זיי אים קאָלעקטיוו.

אָנשטרענגונגען פון די אָנפירנדיקע טוער צו שטאַרקן די קולטור־אַרבעט נאָך דעם ערנסטן קריזיס, האָבן געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וועלכע האָבן זיך רעאַליזירט סיי אין נאָרמאַלן און סיסטעמאַטישן דערשיינען פון די ביכער, סיי אין דער מער ווייניקער אָנטשפּרעכנדיקער פון פאָרויס פאַרפּלאַנירטער אַרויסגעבע־רישער פּאָליטיק.

אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ געווידמעט „20 יאָר פון יידישן געדרוקטן וואָרט" ווערט די דאָזיקע פּאָליטיק דעפינירט אין איינציקע הויפּט־רעפעראַטן. „אונדזער אַרויסגעבערישע פּאָליטיק — האָט זיך געזאָגט אין איינעם פון זיי — האָט אָנטשפּראָכן דער קאָנצעפּציע וועלכע מיר האָבן זיך פון דער ערשטער מינוט באַוווּסטזיניק געשאַפן וועגן דעם יידישן ישוב אין נייעם פּוילן. דאָס איז, ערשטנס, די פאַרבינדונג מיט דער יידישער פאַרגעשריטענער טראַדיציע דורך פאַרעפנט־לעכן סיסטעמאַטיש ווערק פון אונדזער אַלטן אוצר. צווייטנס, וואָס בולטער און קלאָרער און אַלזייטיקער אַרויסברענגען די פּיין און גבורה פון די פּוילישע יידן בעת דער אָקופּאַציע. דריטנס, געפינען אונדזער אייגנאַרטיק אָרט אין דער נייער ווירקלעכקייט*.

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין פּוילן האָט זיך באַמיט צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע צילן. די הויפּט־אָפּטיילן פון פאַרלאַג „יידיש־בוך" זיינען געווען: די יידישע קלאַסיק, די שאַפונגען פון דער צייט פון דער אָקופּאַציע און אָריגינעלע בעלעטריסטיק פון די הייַנטצייטיקע פּויליש־יידישע שרייבער.

אין יאָר 1967 האָט דער פאַרלאַג „יידיש־בוך" אָפּגעצייכנט זיין צוואַנציק־יעריקע עקזיסטענץ, ווי אויך די צוואַנציק־יעריקע עקזיסטענץ פון ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „יידישע שריפטן".

די פייערונג איז פאַרגעקומען דעם 3טן און 4טן יוני 1967 אין וראָצלאַוו, ערב דעם אויסברוך פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. די אַטמאָספער אַרום איז שוין געווען עלעקטריזירט, אָנגעלאָדן מיט פּולווער און די הערצער פון אַלע יידן

---

* „פאָלקס־שטימע", 30.12.1964.

זיינען געווען פול מיט גרויסן פחד און ציטער פאַר ישראל, פאַר די יידן, וועלכע געפינען זיך דאָרט. די דאָזיקע שטימונג האָט זיך געפילט אין זאַל צווישן די עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן, זי איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין הויפּט־רעפעראַט פון דער פייערונג. אין יענע טעג האָט די פוילישע פרעסע נאָך איינגעהיט אַ נייטראַלע באַציונג, באַמיט זיך צו אינפאָרמירן אָביעקטיוו וואָס עס קומט פאָר אין מיטעלן מזרח. אָבער ווען די באַריכטן פון דער פייערונג האָבן זיך באַוויזן אין דער פרעסע, דעם 21טן יוני, האָט די פוילישע רעגירונג זיך שוין געהאַט געשטעלט אין גאַנצן אויף דער זייט פון די אַראַבער און די פּרעסע האָט איבערגעגעבן אויסשליסלעך די אינפאָרמאַציע פון קאַיר. דעריבער זיינען אַלע פריינדלעכע ווערטער פאַר ישראל אין דעם הויפּט־רעפעראַט, ווי אויך אין די אַרויסטרעטונגען פון די דעלעגאַטן געוואָרן דורך דער צענזור אויסגעמעקט און עס זיינען געבליבן בלויז צייטן פון געדאַנקען וועלכע גיבן איבער די שטימונגען פון יענער צייט.

דאָס איז געווען די לעצטע פייערונג פון יידישן געדרוקטן וואָרט אין פוילן, און עס זעט אויס איצט ממש ווי סימבאָליש, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן, וועלכע האָט איינגעהיט אַ נאַציאָנאַל געפיל און געטראָגן אין זיך די שליחות פון המשך אויף צוריק און אויף פאָרויס, האָט איר לעצטן נסיון פאַרענדיקט מיט אידענטיפיצירן זיך מיטן גאַנצן יידישן פאָלק און מיט דער יידישער מדינה. באַלד נאָך דער פייערונג איז געקומען די גזירה, וועלכע האָט פאַקטיש נישט דערמעגלעכט מער די עקזיסטענץ פון יידישן געדרוקטן וואָרט אין פוילן. דאָס איז געווען די גזירה פון צושטעלן דער צענזור אַן איבערזעצונג פון אַלץ, וואָס ווערט געשריבן אין יידיש. אַ גזירה, וועלכע האָט נישט עקזיסטירט אין די סאַמע רעאַקציאָנערסטע פוילישע רעזשימען. עס איז נישט געווען בלויז קיין פראַגע פון פרעסטיזש. עס איז פשוט נישט געווען מעגלעך צו רעאַליזירן — נישט פיזיש נישט פינאַנסיעל. עס איז געווען אַ כיטרער וואַריאַנט פון אַן אָפיציעלן פאַרבאָט. און ערשט נישט לאַנג, מיט עטלעכ וואָכן פריער, האָט צו דער פייערונג פון דער צוואַנציק־יעריקער עקזיסטענץ פון פאַרלאַג ציגעשיקט זיין באַגריסונג דער מיניסטער פאַר קולטור און קונסט לוציאַן מאָטיקאַ אין פאַלגנדיקע ווערטער:

„אַמטלעכע ענינים דערמעגלעכן מיר נישט צו נעמען אָנטייל אין אייער יובילייַ. איך שיק איבער אַלע מיטאַרבעטער פון פאַרלאַג מיין באַגריסונג אין שייכות מיט אייער פרעכטיקן יובילייַ און ווינטש ווייטערדיקע פרוכטבאַרע אַרבעט און דערפאָלג אין פערזענלעכן לעבן״. און דער שפּעטער טרויעריק־באַקאַנטער וויצע־מיניסטער פאַר קולטור און קונסט, קאַזשימיעזש רושינעק, האָט געשריבן:
„באַגריסונגען און האַרציקע ווונטשן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון

פאַרלאַג״; און דער דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר פון קולטור־מיניסטעריום, דער קולטורעלער און נאָבעלער טשעסלאַוו קאַלושני האָט אין אויפריכטיקע ווערטער געשריבן „אין שייכות מיטן 20סטן יאָרטאָג פון פאַרלאַג „יידיש־בוך״ און דער צייטשריפט „יידישע שריפטן״ וויל איך אויך אויסדריקן די גרעסטע אָנערקענונג פאַר די ביז איצטיקע דערגרייכונגען ביים פאַרשפּרייטן די יידישע ליטעראַטור, ווי אויך ווונטשן פון ווייטערדיקע דערפאָלגן אין דעם דאָזיקן געביט. גלייכצייטיק שיק איך איבער די בעסטע ווונטשן די אַלע, וואָס האָבן מיטגעווירקט צו דער אַנטוויקלונג פון פאַרלאַג „יידיש־בוך״ און דער צייטשריפט „יידישע שריפטן״. נעמט צו דעם אויסדרוק פון טיפער אַכטונג״.

פאַר פיל רעגירונגס־באַאַמטע, אַפילו אויף הויכע פּאָסטנס, איז די דאָזיקע גזירה, וועלכע האָט סימבאַליזירט מיט זיך דעם פּסק פון ליקווידירן די יידישע קולטורט־טעיקייט ווי אַ זעלבסטשטענדיקן, שעפערישן און אייגנאַרטיק־נאַציאָנאַלן געביט, געווען אַן איבעררעשונג. אָבער פאַר די טוער פון דער פּאַרטיי און פאַר די באַאַמטע פון אינערן־מיניסטעריום איז עס געווען אַ נאַטירלעכער סוף פון אַ לאַנג פאַרטראַכטער פּאָליטיק, כאָטש דער קריזיס האָט אויסגעבראָכן כלומרשט צוליב דעם קעגנשטעלן זיך און אָפּשלעפּן מצד דעם פּרעזידיום פון ק.ג.פּ. די הסכמה צו דער איינזייטיקער אומגערעכטער פּאָליטיק פון דער רעגירונג אין ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. די טוער פון דער פּאַרטיי און די באַאַמטע פון אינערן־מיניסטעריום האָבן אָנהייבנדיק פון די פופציקער יאָרן געקוקט מיט אַ שלעכט אויג אויף דער דאָזיקער טעטיקייט, וואָס איז לויט זייער מיינונג געפירט געוואָרן, ווי אויף להכעיס דעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט זי שוין פון לאַנג ליקווידירט. דאָס נאַטירלעכע נאַציאָנאַלע געפיל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן נאָך דער מלחמה, נאָך דעם פאַרברעכן און דערשטיקן 90 פּראָצענט פון זייערע ברידער, שוועסטער, עלטערן און קינדער, האָבן זיי באַצייכנט אַלס שאָוויניזם, וועלכן מען האָט נאָך נישט געהאַט דיי דרייסטקייט אָנצוגרייפן דירעקט, און דעריבער זיך באַמיט צו באַגרענעצן מיט הונדערטער תירוצים „רעוואָלוציאָנערע״, „מאַרקסיסטישע״ און „אינטערנאַציאָנאַליסטישע״. דאָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער יידישער קולטור און ליטעראַטור. צו זייער קולטור און ליטעראַטור האָט יענע ניהיליסטישע באַציונג באַדייט קאָסמאָפּאָליטיזם און אימפּעריאַליזם.

פאַר גאָמולקאָס קומען צו דער מאַכט אין 1956 האָט די דאָזיקע שטעלונג לגבי יידישער קולטור געדראָט מיט אַ פּלוצעמדיקער קאַטאַסטראָפע, לויט דעם ראַטנפאַרבאַנדישן מוסטער. עס האָט זיך געפילט אין אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור די טענדענץ פון איינשרומפּן, פון לאָקאַליזירן, פון אָפּרייסן די אָרטיקע קולטור־טעטיקייטן פון דער צענטראַלער יידישער אָנפירונג און זיי פאַרבינדן

מיט די שטאָט־ראַטן, וואָס באַדאַרפט הייסן — געבן זיי בעסערע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג. אָבער וואָס אין דער אמתן האָט עס געצילט איבערצונעמען די יידישע קלובן פריער אין שותפות מיט דער פוילישער קולטור־אַרבעט און שפּע־טער אַ ביסל — אין פולן באַזיץ. די דאָזיקע קולטור־פּאָליטיק האָט פולשטענדיק אַנטשפּרעכן די פּאָליטישע טענדענצן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

די פוילישע קאָמוניסטן פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אפילו נישט געקענט איינגיין אויף דער לייזונג פון דעם יידן־פּראָבלעם ביי זיך אין לאַנד דורך אַסימילאַציע צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, האָט דער עם־קשה־עורף קיין מאָל זיך נישט אַסימילירט ביזן סוף. שטענדיק איז פאַרבליבן אַ קלענערע אָדער גרעסערע צאָל יידן, וואָס האָט אָדער לכתחילה נישט מסכים געווען צו אַזאַ לייזונג, אָדער האַלטנדיק שוין ביים ראַנד פון אַסימילירן זיך, פּלוצעם זיך צוריק־געקערט צוליב אַזאַ אָדער אַנדער סיבה צו יידישקייט. צווייטנס, האָט די פוילישע רעגירונג נישט אַנגענומען קיין מאָל די דאָזיקע לייזונג, און נאָך מער איצט נישט. צום יידן, וואָס האָט געענדערט זיין נאָמען און זיין טאַטנס נאָמען, כדי אויסצו־מעקן יעדן שפּור פון זיין אָפּשטאַם, האָט די פוילישע געזעלשאַפט, אַפילו די קאָמוניסטישע, געהאַט אַ פיל ערגערע און טייל מאָל אויך אַ פאַראַכטנדיקע באַ־ציונג. איז אויב נישט קיין זעלבסטשטענדיק נאַציאָנאַל לעבן און נישט קיין אַסי־מילאַציע — איז וואָס פאַר אַ פאַרשלאָג האָבן געקענט די קאָמוניסטישע רעזשימען פאַרלייגן „זייערע" יידן? זיי האָבן געקענט פאַרלייגן צוויי פאַרשלאָגן, וועלכע ווערן אייגנאַרטיק פּראַקטיצירט אין דער לעצטער צייט אין פאַרשידענע פאָרמען, האַרבע און מילדע, אין די קאָמוניסטישע און פאָלקס דעמאָקראַטישע לענדער: אָדער בלייבן אַ שטענדיק פאַרדעכטיקטע עטנישע גרופּע פון דער צווייטער קאַטעגאָריע לגבי די זכויות פון אַלע בירגער, אָדער — אַרויספאָרן.

די שרייבער, וואָס זייער באַגאַבונג און פּראָפעסיע קענען נישט הויזן צוזאַמען מיט נאַציאָנאַלער דערנידעריקונגען און ווירדעלאָזיקייט, האָבן אויסגעקליבן דאָס צווייטע. אין משך פון די 25 יאָר האָבן זיי באַוויזן זייער מעגלעכקייט ווידער אָנצו־הייבן ציִען די „גאָלדענע קייט", כאָטש יעדער דור איז אַ רינג פון אַן אַנדער קאָליר און פון אַן אַנדער קאָליר און פון אַן אַנדער גרייס. די מפּלה פון זייער האָפענונג און אָנשטרענג, איז די מפּלה פון די מענטשן, וועלכע האָבן דערצו דערפירט. זייער מי איז אָבער נישט געגאַנגען לאיבוד. זייערע שאַפונגען און דערפאַרונגען וועלן ווערן באַוויליקט דורך דעם שׂר פון דער יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע שאַפונגען זיינען גאַרנישט אַזוי ווייניק, פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָל, צו דער צאָל פון זייערע אָפּנעמער און צו די ספּעציפישע באַדינגונגען און שווע־ריקייטן פון די יאָרן.

פוילישע שרייבער וועגן יידן *

אַ סך אַקטיוויסטן פון די יידישע שרייבער האָבן געלעבט מיטן טרוים פון נעכטן, געווען צופרידן מיט דער הייַנטיקערווירקלעכקייט, זיי האָבן זיכער נישט פאַרויסגעזען דעם מאָרגן.

אמת, מ׳האָט געזען אַ דערמוטיקונג, וואָס האָבן געגעבן אַ גרויסער טייל פוילישע שרייבער מיט זייערע שאַפונגען, ווי אין קיין שום לאַנד און שום ליטע־ראַטור האָט די יידישע טראַגעדיע און דער יידישער ווידערשטאַנד און קאַמף נישט באַקומען אַזאַ פאַרנעם און אָפּשאַצונג, הן אין דער צאָל ווערק ווי אין דער שאַרפער טאַדלונג פון דעם דייטשן נאַציזם — ווי אין די שאַפונגען פון די נאָך־מלחמהדיקע פוילישע שרייבער. דער גרעסטער טייל פוילישע שרייבער האָבן געפילט ממש פאַר זייער חוב — צו מאָנען, צו וואָרענען, צו ברענגען צום אויס־דרוק זייער צאָרן ווי מיטלייד אין אַ לירישער, בעלעטריסטישער אָדער פובלי־ציסטישער פאָרם.

1. וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי

זייער וואָרעם האָבן יידן אויפגענומען די לידער פון איינעם פון די גרעסטע פוילישע דיכטער פון דער צייט, וואָס האָבן יעדן גערירט ביז אין דער טיפעניש פון דער נשמה — „מיינע ווערטער ווייך איך אין בלוט און דאָס האַרץ אין ריזיקן געוויין” וואָס מיר לייענען אין דער שאַפונג פון וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי „פאַר די פוילישע יידן”. אָט דער פוילישער לעגיאָניסט, וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקן, באַזינגט די יידישע העלדישקייט — „פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך הערט מען נישט קיין געשריי פון פאַרצווייפלונג, עס זענען געפאַלן ווי אַ קעמפערישע גרופּע די וואַרשעווער באַשיצער פון געטאָ”...

2. סטעפאַן אָטווינאָווסקי

איך מוז דאָ דערמאָנען דעם מחבר פון „אין היימישן שטעטל” — דעם מאָנער פון יידישע עוולות... אָדער זיין דראַמע „וויעלקאַנאָץ” וועלכע איז געשריבן אונ־טערן איינדרוק פון ברענענדיקן וואַרשעווער געטאָ...

---

* באַאַרבעט פון שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

3. וואַיטשעך זשוקראָווסקי

דער מחבר פון דעם ווערק „אונטערן שניי" — וועלכער ברענגט אַרויס אין אַ שטראָפּערישער פאָרם די בילדער פון די נאַצישע גרויל־טאַטן אין באַצוג צו יידן.

4. יעזשי אַנדזשעיעווסקי

מיר הערן אויך די שטימע פון דעם גרויסן פוילישן שרייבער י. אַ. אין דער דערציילונג „די גרויסע וואָך", ווו ער שילדערט די יידישע ליידן אין דער צייט פון דער ברוינער ממשלה... די דערציילונג איז איינע פון די שטאַרקסטע קינסט־לערישע ווערק אויף דער טעמע פון דער יידישער טראַגעדיע.

דער געוועזענער ענדעק רופט צו דערטיילן הילף יידן פאַרפאָלגטע דורך די נאַציס... אין זיין עסיי „די פּראָבלעמען פון פוילישן אַנטיסעמיטיזם" איז אַנדזשע־יעווסקי זייער שטרענג אין זיין אורטייל קעגן אַלע שולדיקע...

5. ד"ר יאַן־נעפּאָמוצען מילער

דער באַקאַנטער שרייבער נ. מ. וועלכער גייט מיט מיר און מיין פרוי דעמאָנסטראַטיוו אין שול אַריין יום־כיפור צו כל נדרי — כדי דערמיט אַרויס־צווייזן זיין פריינדלעכע שטעלונג צו יידן...

6. יעזשי בראָשקעוויטש

דער מחבר פון דעם בוך „דערוואַרטונג", ווו ער באַשרייבט אַ טראַגעדיע פון יידישן לעבן אין לעמבערג — פאַר וועלכן ראָמאַן ער האָט באַקומען דעם פּרייז פון „דער קראָקעווער ערד".

7. ב. מ. דלוגאָשעווסקי

דער מחבר פון דער נאָוועלע „דער אומגויטיקער לעפל", אין וועלכער ער שילדערט די טראַגעדיע פונעם יידישן קינד אין אָשוויענטשים...

8. יוסטאַ קריסטינאַ

די אויטאָרין פון „זומפּ אין שטייך", ווו זי ברענגט אַרויס אין אירע קורצע אָשוויענטשים־דערציילונגען דעם מוט און העלדישקייט פון יידישע טעכטער און איינע פון זיי מיט איר געוואַגטן שריט כדי צו ראַטעווען דעם יידישן כבוד...

9. סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ

די אויטאָרין פון אַ רייע באַקאַנטע פּראָזע־ווערק, צייכנט זיך זיכער אויס מיט איר בוך „רויכן איבער בירקענאַו", ווו זי דערציילט אונדז וועגן יידישן ווידערשטאַנד און איר אַליאַרם־רוף — מער נישט קיין אָשוויענטשים...

10. יעזשי פּיצאָווסקי

דער באַקאַנטער דיכטער — דער געוועזענער זעלנער פון א.ק. וועקט גרויס אַכטונג צו זיך מיט זיין פּראָ־יידישער שטעלונג. ער האָט אויך חתונה מיט אַ יידיש מיידל און ווערט שפּעטער אַ מיטגליד פון ק.ג.פּ. פון יידן אין פּוילן... זיינע לידער זענען דורכגענומען מיט ווייטיק און פּיין צו די אויסגעמאָרדעטע יידישע קינדער. פּיצאָווסקי געהערט אויך צו דער גרופּע פּוילישע דיכטער, וועלכע האָבן איבערגעזעצט אויף פּויליש די אַנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע. צום באַדויערן האָט מען דאָס נישט צוגעלאָזט צום דרוק (דאָס איז געווען אין דער טרויעריקער צייט פון יאָר 1967־68.

11. וולאַדיסלאַוו סמולסקי

אין זיין בוך „פאַרשאָלטענע יאָרן" שילדערט אונדז דער שרייבער מיט אַזוי פיל ווייטיק דעם יידישן אומגליק אין פּוילן, זייער לעבן אין דער פאַרשאָלטענער וועלט. גלייכצייטיק טוט ער שאַרף טאַדלען די פּאָליאַקן, וועלכע ער רופט אָן „מיסט", אַנגעהעצטע דורכן אָקופּאַנט, רודפן יידן...

12. סאָווינסקאַ סטאַניסלאַוואַ — „באַרבאַראַ"

„יאָרן פון קאַמף" אַ בוך מיט דאָקומענטן און בילדער אין וועלכן זי באַשרייבט די שחיטה אין וואַרשעווער געטאָ... דעם אונטערערדישן קאַמף און די תליות אויף די וואַרשעווער גאַסן...

13. וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ

וועגן דער באַרימטער פּוילישער שרייבערין וואָלט מען געקאָנט אַ סך דער־ציילן וועגן איר שטעלונג בכלל צום מענטש און הויפּטזאַכלעך צום ייד, וועלכע אין אַלע אירע שאַפונגען ווייזט זי אַרויס זיין גבורה, מוט, הן אין קאַמף הן אין זיין פּריוואַטן לעבן. איר באַציונג צום יידישן לעבן, פּראָבלעמען פון די יידישע מענטשן, צו די יידישע שמידן, פישער, יידן פון די פּאַלעסיער בלאָטעס — וואַסילעווסקאַ געפינט אין זיי טיף מענטשלעכע מידות, הילפסגרייטקייט, גאַסט־פריינטלעכקייט, וואָס צייכנט זיך באַזונדערס אויס אין דער צייט פון דער מלחמה מיט דעם דייטשן שונא...

14. לעאָן קרושקאָווסקי

דער באַשולדיקער פון דייטשן פאַשיזם, וועלכער פאַרנעמט דעם אַמט פון וויצע־מיניסטער פון קולטור און קונסט, שפּעטער דער פאָרזיצער פון פּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין, אויסגעצייכנט מיט די העכסטע מלוכה־פּרייזן פאַר זיינע גרויסע ליטעראַרישע שאַפונגען — באַווייזט זיך פאַר אונדז מיט זיין דראַמע

„די דייטשן", ווו ער ברענגט אונדז דאָס פּראָבלעם פון אַ דייטשער משפחה, דעם חורבן וואָס דער היטלעריזם האָט אַריינגעבראַכט אין דעם לעבן פון די דייטשע מענטשן, דאָס וועקן אין זיי די נידעריקסטע אינסטינקטן און דערפירן צו פעלקער־מאָרד. און שוין ביז גאָר — דאָס וויזן אונדז דאָס בילד, ווי דער דייטשער זשאַנ־דאַרם דערשיסט אַ יידיש יינגל, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. די סצענע שרייט ביז צום זיבעטן הימל, וועגן דעם גרויסן דייטשן פאַרברעכן...

15. דער דיכטער יאַן קאָט

מיט זיין ליד „די פּאַרטיידיקער פון געטאָ", וועלכער איז שטאַרק פאַרביטערט אויף דער פוילישער „אונטערערד", וואָס האָלט גאָר גישט פאַרנויטיק אויפצו־נעמען דעם קאַמף...

16. טשעסלאַוו מילאָש

דער נאָבל־פּרייז־טרעגער, אויטאָר פון אַ ריי וויכטיקע ווערק, האָט צוו. אַנד. געזאָגט וועגן יידישן אויפשטאַנד אין געטאָ אין זיין ליד „קאַמפּאָ דעל פיאָרי", אַז ער זעט אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד נישט נאָר אַ קאַמף פאַר באַפרייונג פון יידן, נאָר אַ העלדישן קאַמף פאַר באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט.

17. טאַדעוש סאַרנעצקי

איינער פון דער גרופּע פון דער פוילישער אונטערערד, וואָס האָט אַרויסגע־געבן די זאַמלונג „ז אַטכלאַני", „פון כף הקלע", איינע פון די שטאַרקסטע פוילישע פּאָעמעס פון דער דאָזיקער צייט; שרייבער פון דער אומלעגאַלער באַוועגונג, וואָס מאַכט אַ תל צו דער לעגענדע וועגן יידישער פחדנות — דאָס איז די פּאָעמע פון סאַרנעצקי'ן „וועגן יידישן קאַמף", וועגן דעם מאַרטירערטום און אייביקער ראַפּסאָדיע...

מיר באַקומען די ברייטע ליטעראַרישע אָפּשאַצונג וועגן די געטאָ־אויפ־שטענדלער, אין וועלכע שאַפונגען די פוילישע שרייבער מאַכן צו נישט די אַנטי־סעמיטישע טעאָריע און איינרעדעניש וועגן יידישער פחדנות, ווייזנדיק זייער גבורה אין דעם אומגלייכן קאַמף מיט דער היטלעריסטישער בעסטיע.

18. לעך פּיעטשאַק

אין דער דערציילונג „די שטאָט ברענט" ווייזט ער בלויז אַ קליינעם אָפּשניט פון ברענענדיקן געטאָ, בלויז עטלעכע יידישע אויפשטענדלער. עס דאָמינירט דאָ די קריטיק זיינע פאַר שטיין מיט דער ביקס ביים פוס און וואַרטן, נישט דער־טיילינקדיק קיין הילף די, וואָס קעמפן קעגן שונא און ווירדיק צו שטאַרבן...

19. זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ

אין יאָר 1946 דערשיינט אירס אַ באַנד נאָוועלן און סקיצן, געווידמעט דער יידישער טראַגעדיע אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. די גרויסע פּוילישע שרייבערין שילדערט די גרויזאַמקייט פון די עקספּערימענטן, וואָס האָבן געמאַכט די דייטשע „וויסנשאַפטלער" איבער די יידישע העפטלינגער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מיר הערן איר שאַרפן פּראָטעסט קעגן די אַלע, וואָס זענען שולדיק אין דעם מאָרד...

20. לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי

אין דער דערציילונג „ביינאַכט" וויזט ער דאָס לעבן פון יידישע פּאַרטיזאַנער און באַזונדערס די טראַגעדיע פון דעם יידישן קינד, אַ שטאָטישער עלעמענט, וועלכן ס'איז נישט לייכט דאָס לעבן אין די רויע באַדינגונגען אין וואַלד. אָבער דער קאַמפּס־ווילן איז אַלץ גובר און ער ווערט אַ פאַרביסענער קעמפער.

21. יוזעף מאָרטאַן

דער פּויערים־שרייבער אין זיין דערציילונג „זשעשקאָ" שילדערט אַ קריטישן מאָמענט אין לעבן פון יידישע פּאַרטיזאַנער. אויך אין אַנדערע דערציילונגען דעקט ער אויף דעם חיהשן פּרצוף פון דעם רייכן פּויער, וועלכער ווערט רייך אויפן אומגליק פון די יידן.

22. לוציאַן רודניצקי

עס איז נישט קיין וווּנדער די יידן־פריינטלעכע שטעלונג פון דעם אַלטן פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער, געוועזענעם מיטגליד פון דער ס.ד.ק.פּ.ל., וועלכער איז יאָרן לאַנג געזעסן אין תּפיסות מיט יידן.

אין זיין גרויסן ווערק „סטאַרע אי נאָווע", וועלכעס איז דערשינען נאָך אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, גיט רודניצקי אַ רייך בילד פון יידישן שטעטל, פון יידישע האַרעפּאַשניקעס, פריידענקער אָדער רעליגיעזע. זיי זענען אים אַלע גלייך נאָענט, ווי ברידער. זיי אַלע שטעלט רודניצקי אַ דענקמאָל פון וויטיק און בענקשאַפט...

און נאָך אַ סך צענדליקער פּוילישע פּראָזאַיקער, דיכטער און זשורנאַליסטן, וועלכע זיי האָבן אויסגעדריקט זייער מיטלייד און וויטיק צו די פאַרפייניקטע יידישע מענטשן און זייער צאָרן און האַס צו דעם דייטשן אַכזר און זיינע גרויל־טאַטן.

דאָס האָט געגעבן אַ כּוח דעם ייד פון דעם ישוב אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פּוילן, אויף דאָס ניי צו נעמען בויען דאָ זיין היים, זיין לעבן.

דאָס רוב אַקטיוויסטן האָבן אָבער נישט פאָרויסגעזען און אפשר נישט גע־קאָנט פאָרויסזען די פּאָליטישע קאָמבינאַציעס פון מאָסקווע, וועלכע וועלן דערפירן צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון דעם יידישן ישוב אין יאָר 1968...

נאָך דעם מאָרד איבער די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַ גרויסער טייל פוילישע יידן — צווישן זיי שרייבער, גענומען פאַרלאָזן פוילן, ווי דעם סאַטעליט פון רוסלאַנד.

אָבער קיינעם איז אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק און אויך נישט אינעם שרעקלעכסטן חלום, אַז דאָס זעלבע קאָן געשען אין פוילן...

די פוילישע פרעסע וועגן דעם
יידישן ישוב אין נידערשלעזיע

אַ נייע וואָכנצייטונג אין נידערשלעזיע*

„עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער נומער פון דער וואָכן־צייטונג „נאָווע זשיסטשע" (אָרגאַן פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין ווראָצלאַוו), אַ צייטונג וואָס איז געווידמעט די יידישע פּראָבלעמען אין נידערשלעזיע. די פוילישע יידן אין נידערשלעזיע שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָרגאַנזאַציאָנעלע גרופּע וועלכע האָט באַלד פון ערשטן טאָג פון אונדזער אומאָפּהענגיקייט געגעבן אַ גרויסן צושטייער אין דער אַרבעט און אין דער אָרגאַניזאַציע פון פוילישן לעבן אויף די געביטן. די יידן, וועלכע זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די פּילצאָליקע היטלערישע קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן אין נידערשלעזיע, זענען באַלד נאָך דער באַפרייונג פון די געביטן, צוגעטראָטן צו פאַרזיכערן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האָבן צוגעהאָלפן אָרגאַניזירן די מלוכה־אַדמיניסטראַציע.

די יידן אין נידערשלעזיע זענען אַ שעפערישער עלעמענט, וועלכער אַרבעט גוט און מיט אייפער אין די פאַבריקן, ווי אויך אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אין די קוילן־גרובן אין וואַלבזשיך אַרבעטן 800 יידן, אין דער מעטאַל־אינדוסטריע — 350 און אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע — 1.500.

מיר באַגריסן דעם ערשטן נומער פון דער וואָכנצייטונג „נאָווע זשיטשע", וועלכע וועט אינפאָרמירן וועגן דעם לעבן פון די יידן אין נידערשלעזיע, באַלייכטן זייער אַנטוויקלונג, פּערספּעקטיוון, באַדערפענישן, פעלערן און דערגרייכונגען".

---

* „טריבונאַ דאָלנאָשלאָנסקאַ", נר. 122, 17.7.1946.

„יידן ביי דער אַרבעט אין נידערשלעזיע״ *

„אין דער ווראָצלאַווער וואַגאָנען־פאַבריק. לאַנגע הונדערטער מעטער פון אומעטיקער פאַרניכטונג. די קאָלאָסאַלע אייזן־בעטאָן קאָנסטרוקציעס זענען צע־קוועטשט און צעלעכערט. פאַנאַנדערגעוואָרפענע געביידעס און שמאָלע סטעזשקעס פון ענדגילטיק צעמאָלענע הויפנס ציגל שטעלט מיט זיך פאָר דער וועג צו דער ווראָצלאַווער וואַגאָנען־פאַבריק, אין וועלכער עס אַרבעטן צווישן אַנדערע הונ־דערטער יידישע אַרבעטער. זייערע הענט מיט די אָנגעצויגענע מוסקולן ווי זוילן, מיט וועלכע די יידישע אַרבעטער זענען געקומען פון די אוראַלער שמידרייען, הענט וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון די שווערע מלחמה־יאָרן נישט געוווסט פון קיין אָפּרו, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען מוראדיק די קעלט פון די נישט־באַהייצטע וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר קיין שום אַרבעט. אַזעלכע קאָן מען היינט זען ביי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע זענען געקומען פון מיטל־אַזיע און אוקראַינע, ווו זיי האָבן צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע אַרבעטער אויסגעשמידט דעם זיג.

אַן ערך 100 שלאָסער, שווייסער, עלעקטריקער און טאָקער זענען גלייך פון דעם טראַנספּאָרט, וואָס איז געקומען פון ניזשני טאַגיל, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אין דער וואַגאָנען־פאַבריק. צוזאַמען מיט זיי האָט אין דער פאַבריק אַריינגעשטראָמט אַ פרישער קוואַל פון ענערגיע. עס האָבן זיך אויפסניי נאָך אַ געוויסן אָפּרו פאַרצויגן די מוסקולן, עס האָבן זיך אויפסניי אין זייערע הענט צעשפּילט די האַמערס. מיט גרויס אַכטונג הערט זיך צו די אַדמיניסטראַציע פון דער פאַבריק צו דער נייער סימפאָניע פון אַרבעט. מיט אָנערקענונג דריקן די אַרבעטער די הענט פון זייערע יידישע קאָלעגן. ניזשני טאַגיל האָט אויסגעלערנט, דאָס זעט מען אין יעדן דעטאַל, אין יעדער באַוועגונג״...

---

* „טריבונאַ דאָלנאָשלאָנסקאַ״, נומ. 131, 21־22.7.1946.

„יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט"*

„דאָס באַזעצן זיך פון יידן אויף דער לאַנדווירטשאַפט אין נידערשלעזיע האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם, ווי מען האָט אַרויסגעיאָגט די היטלעריסטן פון דעם געביט. מען קאָן דרייסט פעסטשטעלן, אַז די יידן האָבן געהערט צו די פּיאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד באַלד נאָך דער באַפרייונג. די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַקט, וואָס די באַפרייטע יידן פון די לאַגערן האָבן פאַרנומען די לאַנדווירטשאַפטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף די ערטער, ווו עס האָבן עקזיסטירט די לאַגערן... מערסטנטייל איז דאָס געווען אין דער געגנט פון דזשערזשאָניוו (ריכבאַך), ווו די באַפרייטע יידן האָבן איבערגענומען די לאַנדווירטשאַפטן נאָך די פון דאָרט אַנטלאָפענע דייטשן.

צוזאַמען מיט די באַפרייטע יידן פון די לאַגערן האָבן זיך אויך באַזעצט אויף דער לאַנדווירטשאַפט אַ טייל דעמאָביליזירטע יידישע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די ערשטע געשאַפן דעם קערן פון די יידישע לאַנדווירטן אין נידערשלעזיע.

מיטן אָנקומען פון די רעאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַ סך יידישע לאַנדווירטן זיך באַזעצט אויף דער לאַנדווירטשאַפט אַ טייל דעמאָביליזירטע יידישע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די ערשטע געשאַפן דעם קערן פון די יידישע לאַנדווירטן אין נידערשלעזיע.

מיטן אָנקומען פון די רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַ סך יידישע לאַנדווירטן זיך באַזעצט און באַאַרבעט קאָלעקטיוו גרעסערע לאַנדווירטשאַפטן, וועלכע עס האָט זיי צוגעטיילט די פּוילישע מאַכט".

* „טריבונאַ דאָלנאָשלאָנסקאַ", נומ. 160, פון 27.8.1946.

„די יידישע קאָאָפּעראַציע אין נידערשלעזיע"*

„די אידעע פון קאָאָפּעראַציע און איבערהויפּט די אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע האָט געפונען אַ געהעריקע און גרויסע פאַראינטערעסירונג צווישן די יידישע רעפּאַטריאַנטן, ביי האַנדווערקער פון פאַרשידענע צווייגן אין נידערשלעזיע. צום בעסטן ווערט דאָס באַשטעטיקט דורך דער צאָל יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג (רעפעראַט פאַר קאָאָפּעראַטיוו־וועזן) ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע פון יאַנואַר ביז אָקטאָבער 1946. לויטן צושטאַנד פון 1טן אָקטאָבער זענען אין נידערשלעזיע אָרגאַניזירט געוואָרן 81 אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון. דערפון:

26 שניידער־קאָאָפּעראַטיוון, 17 שוסטער, 1 שוסטער און שניידער, 2 בוי, 3 שלאָסער־מעכאַנישע, 3 פריזירער, 3 טריקאָטאַזש־טעקסטיל; 4 טראַנספּאָרט, 2 פלייש־קאָאָפּעראַטיוון, 2 בעקער, 3 סטאָליער, 3 בערשטער־חזיר־האָר, 8 פאַרשידענע (לעדער־גאַלאַנטעריע, פאַרלאַג און אַנדערע).

דערביי דאַרף מען בעמען אין אַכט, אַז אויפן געביט פון נידערשלעזיע זענען פאַראַן 119 אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון און אַז 67 פּראָצענט פון זיי זענען יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון.

אַ וויכטיקע ראָל ביים פינאַנסירן די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע האָט אויסגעפירט די אָפּטיילונג פון דער קאַסע צו העלפן פּראָדוקטיוויזירן די יידן, וואָס געפינט זיך אין וואַרשע. לויטן צושטאַנד פון 1טן אָקטאָבער 1946 האָט די קאַסע צוגעטיילט פאַר די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע באַדייטנדיקע הלוואות אויף אינוועסטיציע־צוועקן. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט וועט די קאַסע אויך צוטיילן פאַר די קאָאָפּעראַטיוון אומזאָץ־הלוואות.

די יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אַנטוויקלט זיך כסדר פאָרויס און באַקומט וואָס אַ מאָל מער אַנהענגער".

---

* „טריבונאַ דאָלנאָשלאָנסקאַ", נומ. 189, פון 29־30.9.1946.

אַן אויסשטעלונג פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע אין ווראָצלאַוו *

אין פאַרבינדונג מיט דעם „טאָג פון דער קאָאָפּעראַציע" און לאַנד־צוזאַמענ־פאַר פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכער איז פאַרגעקומען אין ווראָצלאַוו, האָבן די נידערשלעזישע יידישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון אָרגאַניזירט אַן אויס־שטעלונג פון זייערע אויסאַרבעטונגען, וועלכע איז געווען אַ פּרעכטיקער באַווייז פון די אַרבעטס־דערגרייכונגען פון די יידישע אַרבעטער און האַנטווערקער אין די קאָאָפּעראַטיוון, זייער צושטייער אין דער צוריקאויפבויונג פון פאָלקס־פּוילן.

די בינע פון דעם טעאַטער־זאַל פון יידישן קאָמיטעט איז דעקאָרירט מיטן מלוכה־הערב און די פּאָרטרעטן פון פּרעזידענט און פּרעמיער. אויפן זאַל אַ גאַנצע ריי קינסטלעריש־אויסגעפּירטע סטענדן, וועלכע רעפּרעזענטירן פאַרשידענע אָפּ־צווייגן פון דער פּראָדוקציע פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע.

אין דער באַגלייטונג פונעם העפלעכן דיזשורנע פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט באַזוכן מיר לויט דער ריי אַלע סטענדן, באַוואונדערנדיק די אויסאַרבע־טונגען פון די פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון. ווי אַ קאָלירפולער רעגנבויגן וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונדזערע אויגן אַ פעכער פון טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען פון זדראַיאַוויעץ. די ווייטערדיקע צוויי סטענדן רעפּרעזענטירן די שוסטער־קאָאָפּע־ראַטיוון. די שיינע דאַמען־שיך פון דעם קאָאָפּעראַטיוו „איינהייט" אין ווראָצלאַוו און פון דעם שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו אין כאָינאַוו רופן אַרויס אַ פאַרוואונדערונג ביי די פרויען.

די דערנעבנדיקע סטענדן פאַרנעמען די קאָאָפּעראַטיוון „נאָדל" אין וואַלב־זשיך, „אַטעליע מאָדי" אין קלאָדזק, ווי אויך דער קאָאָפּעראַטיוו „אייניקייט" אין ליגניץ.

דאָ באַמערקט מען מענער־אַנצוגן און אויבערמאַנטלען.

„איך האָב באַצאָלט פאַר אויפנייען אַן אַנצוג 5 טויזנט זל. — זאָגט איינער פון די באַזוכער — און דאָ קאָסט אַ פאַרטיקער אַנצוג 4.800 זל."

מיר דערנענטערן זיך צו די סטענדן פון די מעטאַל־אויסאַרבעטונגען. צוויי

---

* „טריבונאַ דאָלנאָשלאָנסקאַ" נומ. 192 פון 3.10.1946.

מיל־מאַשינען רעפּרעזענטירן די פאַבריק פון מיל־מאַשינען, וועלכע געפינט זיך אונטער דער אָנפירונג פון דער ווירטשאַפט־צענטראַלע „סאָלידאַרנאָשטש" אין וראָצלאַוו. איך בין נישט קיין פאַכמאַן, אָבער די מאַשינען זענען פּאַקטיש סאָליד און שיין אויסגעפּאַרטיקט.

פון אַפיש ווערן מיר געוווירר, אַז די פאַבריק האָט מעכאַנישע אָפּטיילונגען פון סטאָלעריי, מעטאַל און אַנדערע, וועלכע פּראָדוצירן פאַרשידענע דעטאַלן פאַרן מיל־וועזן. דערנעבן האָבן די קאָאָפּעראַטיוון „מעטאַלאָוויעץ" פון ביעלאַווע און „מלאָט" פון כאַינאַוו אויסגעשטעלט זייערע מעטאַל־אויסאַרבעטונגען: אַ מאָדעל פון אַ בראָנז און זייער שיין אויסגעאַרבעטע טיילן פון טעקסטיל־מאַשינען, ווי אויך צילינדערס פון מאָטאָרן. די צוויי סטענדן רופן ביי אונדז אַרויס צום מערסטן באַוווּנדערונג. די יידישע אַרבעטער האָבן צוריק אויפגעבויט די רויִנירטע וואַר־שטאַטן, זיי האָבן אויסגערעמאָנטירט די מאַשינען און פּראָדוצירן טיילן צו מאַשי־נען. דער סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו „מאָטאָר" אין סטשעגאָם האָט אויסגעשטעלט מאָדעלן פון טירן, פענצטער און מעבל. פונדערווייטנס באַמערקט מען די שיינע קאָלירן פון ווייַן אויף אַ סטענד. לעבן דעם ווייַן שטייען גלעזלעך און אונטן זעמל מיט ברויט. צי איז דאָס אַ בופעט? ניין, דאָס איז אַ סטענד פון דער אונטערנע־מונג פון פרוכטן־באַאַרבעטונג אין קלאָדזק און פון צוויי בעקער־קאָאָפּעראַטיוון: איינער פון וואַלבזשיך, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעמאָביליזירטע זעל־נער, דער צווייטער — פון דער דזשערזשאָניאָווער „פאָלקס־בעקעריי" ביי די פּראָפּאַראַיינען. מען באַמערקט נישט דאָ קיין פּרייזן פון די פּראָדוקטן. עס איז אַ שאָד, וואָס מען האָט דאָ נישט איינגעאָרדנט קיין דעטאַל־פאַרקויף פון די פּראָדוקטן.

אויפן שכנותדיקן סטענד — באַרשטן. דאָס זענען פּראָדוקטן פון דעם וראָצ־לאַווער קאָאָפּעראַטיוו „שטשאָטקאַזש" און דזשערזשאָניוווער קאָאָפּעראַטיוו „שטשעטשנאַ".

מיר פרעגן, צי עס זענען פאַראַן פענדזלען צום ראַזירן. נישטאָ. אַ שאָד.

דער לעצטער סטענד פון עק פאַרנעמט גאַלאַנטעריע. דאָס זענען אויסאַרבע־טונגען פון קאָאָפּעראַטיוו „טריקאָט" אין דזשערזשאָניוו, פון „טאַרעבקאַזש" אין וואַלבזשיך, פון „נאָווע זשיטשע" אין שווידניץ און אַנדערע. צום מערסטן ציען צו די אויפמערקזאַמקייט די לעדער־אויסאַרבעטונגען פון דזשערזשאָניאָווער קאָאָ־פּעראַטיוו „טאַרעבקאַזש": זייער גוטע סאָלידע מענער־פּאָרטפעלן, שילער־טעקעס און פאַרשידענע דאַמען־טאַשן.

אַ גאַנצע וואַנט פאַרנעמט די ווירטשאַפט־צענטראַלע „סאָלידאַרנאָשטש". דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אָן מיט די קאָאָפּעראַטיוון, שטעלט צו די קאָאָ־

פּעראַטיוון רווישטאָפּן און פאַרנעמט זיך מיטן פאַרקויף פון דער פּאַרטיקער פּראָדוקציע.

פון די שיינע טאַבעלן און דיאַגראַמען ווערן מיר געוווּיר, אַז זי באַדינט 20 שניידער־ און וועש־קאָאָפּעראַטיוון, ווי אויך 16 שוסטער־ און לעדער־קאָאָפּעראַטיוון. אין אויגוסט היי־יאָר האָט דער ווערט פון דער פּראָדוקציע פון די קאָאָפּעראַטיוון באַטראָפן 7 מיליאָן 200 טויזנט זלאָטעס. די אויסגעשטעלטע סחורות זענען טאַקע די אויסאַרבעטונגען פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון. אַ שיינע פּראָדוקציע, איבערהויפּט די מענער־ און דאַמען־קאָפּעליושן, ווי אויך די טריקאָטאַזש־אויסאַרבעטונגען פון סטוזשעגאָם.

אָט זענען נאָך סטענדן פון שיך, אָנצוגן, אויבערמאַנטלען און וועש.

מיר גייען אַרויס פון דער אויסשטעלונג זייער צופרידענע. דאָס זענען די דערגרייכונגען פון די נידערשלעזישע יידן, אַ יאָר פון זייער אַרבעט. עס איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ נייער טיפּ ייד, אַ קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעטער, וועלכער אַרבעט און דערציט זיך אין אַ קאָלעקטיוו.

ביים אָפּרייניקן די חורבות אין וװראָצלאַװ *

„מיר געפינען זיך אויף עק אַדוואַלע מיקאַלאַיסקע. ס׳אַרבעט אַ גרופּע פון 60 מאַן פון יידישן קאָמיטעט. זיי שלעפּן שווערע בעטאָן־פּליטן אויף צו בויען אַ בריק איבער דער טראַסע.

יידן, וועלכע עס האָט אָרגאַניזירט דער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט, אַרבעטן היינט אין אַן אַלגעמיינער צאָל פון 120 מענטשן. צווישן זיי שול־יוגנט־לעכע אַרבעטן אויף דער מאַריאַן־גאַס, ווו מען גרייט צו אַן אייזנבאַן־ליניע. ס׳איז אַ שווערע אַרבעט, אָבער עס העלפט אַרויס דער יוגנטלעכער ברען, אייפער און שטאַרקער ווילן.

דער סעקרעטאַר פון דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַר באַזייטיקן די חורבות, ה׳ דאַראַווסקי, וועלכער גיט אונדז אייניקע אינפאָרמאַציעס שטרייכט אונטער, אַז פאַר די מיטגלידער פון יידישן קאָמיטעט איז היינט אויסגעפאַלן דער שווערסטער טייל אַרבעט. ביי זייער שווערע באַדינגונגען פון שטח, ביים אויס־גראָבן צעמענטענע חורבות. אויפן הויפּט־פּלאַץ און אויף דער פּראָמענאַדע האָבן זיי באַזייטיקט איבער 1.200 קובאָמעטער חורבות און ערד; אויף דער מאַריאַן־גאַס האָט די יידישע יוגנט באַזייטיקט 400 שטיק פּליטן צו 4 מעטער די ברייט.

דער אַלגעמיינער ווערט פון דער אַרבעט וואָס איז דעם טאָג אויסגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער באַפעלקערונג באַטרעפט 750.000 זל.

---

* „טריבונאַ דאָלנאָשלאָנסקאַ״ נומ. 264 פון אָקטאָבער 1947.

דערעפענונג פון יידישן טעאַטער אין וראַצלאַוו *

פון דער רעדע פונעם פאַרשטייער פון קולטור און קונסט־מיניסטעריום, דעפּאַרטאַמענט דירעקטאָר ריבאַרסקי בעת דער דערעפענונג פון טעאַטער־בנין אין וראַצלאַוו.

„דער דאָזיקער בנין, איינער פון די שענסטע פון דעם מין אויף די באַפרייטע געביטן, איז אַ באַווייז פון דער לעבהאַפטער קולטור־אַקטיווקייט פון די יידישע מאַסן. די פוילישע רעגירונג זעט אין דעם אַ שריט פאָרויס אין דער אַלגעמיינער קולטור־באַוועגונג, וואָס קומט פאָר אין גאַנצן לאַנד. דער קאַפּיטאַליזם האָט דאָס יידישע פאָלק געוואָלט אַראָפּשטופּן צו אַ נידעריקן קלאַס אין זיין קולטור, געוואָלט פאַרמשפּטן אויף אונטערגאַנג. אָבער דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם שאַפט די אויסגעצייכנטע פאָרם פון ברידערלעכקייט און צוזאַמענאַרבעט צווישן די יידישע און פוילישע מאַסן. ער שאַפט אויך דעם נייעם מענטש מיט זיינע אַלץ שטייגנדיקע קולטור־באַדערפענישן".

„...דער נייער סאָציאַליסטישער מענטש אין היינטיקן פוילן האָט פאַר די אויגן און שטרעבט נאָר צו אַזאַ קולטור, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די ליכטיקסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט, פריי פון שאָוויניזם און ראַסן־אַנטאַגאָניזמען. דער שונא פון ייד איז אויך דער שונא פון פוילישן פאָלקס־מענטש. ביז איצט האָט דאָס פוילישע קולטור־ און קונסט־מיניסטעריום מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון יידישן טעאַטער אין נייעם פוילן און מיט צופרידנקייט געזען זיין גיין אויפן וועג פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, די באַגייסטערונג פון די יידישע מאַסן פאַר זייער טעאַטער. מיר פאַרזיכערן אייך אונדזער זאָרג פאַר דעם ווייטערדיקן אויפבוי פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, פון פּראָגרעסיוון יידישן טעאַטער".

פון דער רעדע פונעם פאַרשטייער פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי — געללאַ, בעת דער דערעפענונג פונעם טעאַטער־בנין אין וראַצלאַוו.

„אין די פאַבריקן און די קוילן־גרובן, אויפן פעלד און ביים וואַרשטאַט, ביים בויען און שמידן דאָס פּנים פון דער נייער פוילישער ווירקלעכקייט, איז אויך אויסגעשמידט געוואָרן דער צוטרוי און ברידערלעכקייט צווישן פוילישן און

---

* „נידערשלעזיע", 30.4.1949.

יידישן אַרבעטער. מיט די גרויסע נצחונות פון יידישע אַרבעטער אין די פּראָדוק־ציע־פאַרמעסטן פרייען זיך אויך די פוילישע אַרבעטער, און צוזאַמען מיט דער באַגריסונג פון די פוילישע אַרבעטער צו אייער יום־טוב — דעם יום־טוב פון יידישן אַרבעטנדיקן מענטש, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל מי געהאָלפן אויפבויען דעם בנין, ברענג איך אייך זייער ווונטש, אַז די יידישע קולטור פון און פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטש, זאָל אַריינגעמען אַלע זייערע שטרעבונגען און פאַר־מעסטן. אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו און שיין זאָל ווערן אַ טייל פון אייער קולטורעל לעבן. פונקט ווי אויפן ווירטשאַפטלעכן זאָלט איר אויך אויפן געביט פון קולטור און קונסט שטיין אויף דער פלאַטפאָרם פון אויפבוי און קאַמף פאַר שלום״.

פון דער רעדע פון וורצלאַווער וואָיעוואָדע שלאַפּטשינסקי, דער שליח פון דער פוילישער רעגירונג צו דער דערעפענונג פון דעם טעאַטער־בנין.

„דער פוילישער פאָלקס־מענטש זעט אין דעם יידן אַ ברודער און געטרייען מיטקעמפער אויף אַלע געביטן פון ווירטשאַפט און קולטור. און דאָס דערעפענען דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע קולטור־הויז איז אַ יום־טוב אויך פאַרן פוילישן אַרבע־טער און אינטעליגענט, וועלכער זעט דערין דעם נצחון פון דער פאָלקס־דעמאָ־קראַטיע. אַלס פאָרשטייער פון דער פוילישער פאָלקס־רעגירונג ברענג איך אייך די פאַרזיכערונג, אַז פונקט ווי ביז איצט וועט איר אויך ווייטער באַקומען מצד דער פוילישער רעגירונג די ווייטגייענדיקסטע אונטערשטיצונג״.

פון דער רעדע פון אידאַ קאַמינסקאַ בעת דער דערעפענונג פונעם טעאַטער־בנין אין וורצלאַוו.

„בלויז אויף דעם גינסטיקן באָדן פון הייניטיקן פוילן האָט געקאָנט פאַרווירק־לעכט ווערן דער גרעסטער חלום פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ אַז די יידישע פאָלקס־מענטשן זאָלן אַליין בויען זייער טעאַטער. איצט האָב איך דאָס געפיל, אַז אסתר־רחל קאַמינסקאַ איז צווישן אונדז און פרייט זיך מיט דעם בנין, מיט דעם האַר־ציקן יידישן טעאַטער־עולם, וואָס באַרעכטיקט און פאַרזיכערט דעם קיום פון אַ יידיש פאָלקס־טעאַטער. דאָס איז געווען איר העכסטער ווונטש״.



דער מחבר מיט זיין זון צבי ביים „אוהל פרץ" אין וואַרשע

יידישע שרייבער, וועלכע זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון סטאַלינס האַק

סטאַלין האָט פּלאַנירט צו שאַפן אַ געטאָ פאַר די פּוילישע יידן אין ביאַליסטאָקער געגנט

דער פּאַראַנאָי יאָסיף דזשוגאַשווילי־סטאַלין האָט געגעבן אַ באַפעל דעם פּוילישן גענעראַל מאַטעיעווסקי, צו שאַפן אַ געטאָ פאַר די פּוילישע יידן. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז מאַטעיעווסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל.

איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אין יאָר 1946 בין איך געווען צוזאַמען מיט מאַטעיעווסקין אין דער שולע פון פּוילישן געהיים־דינסט אין לאָדזש. מאַטעיעווסקי — ווי איך האָב אים געקענט — איז געווען מיין פּערזענלע־כער חבר און די קאָנסעקווענצן פאַר נישט אויספירן סטאַלינס באַפעל זענען מיר נישט באַקאַנט.

אין יענער צייט האָט סטאַלין באַקומען אַ לייכטן בלוט־אויסגוס אין מוח און בעריאַ, וועלנדיק פאַרכאַפּן די מאַכט, האָט נישט דערמעגלעכט קוואַליפיצירטע דאָקטוירים צוטיילן סטאַלינען גיכע הילף, אונטערן פּרע־טעקסט, אַז סטאַלינס קרענק זאָל נישט דערגיין צו דער עפנטלעכקייט און דערמיט האָט ער פאַראורזאַכט דעם גיכן טויט פון סטאַלינען אין מערץ 1953.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מאַטעיעווסקי האָט זיך געקענט דערלויבן נישט אויסצופירן סטאַלינס באַפעל געפינענדיק זיך אין וואַרשע און נישט אין מאָסקווע, ווייל אין מאָסקווע וואָלט ער זיך שוין געפונען אין דער תפיסה אויף לוביאַנקע.



Data urodzenia	Imiona rodziców	Nr. leg.
23.9 1908 Warszawa	Mendel i Hinda	83
17/10 1906	Izydor Jute	84

	Nazwisko	Specjal-ność	Adres
35	Hofmany David Daniel	prozaik	Chorzów Kazimierza 5/8
36	Dr. Adolf Berman	Publicysta	Warszawa, [illegible] 4
37	Daniel Richter		

miejsce urodzenia	imiona rodziców	Nr legit.	Data wyd. leg.	FOTO
m. Łuków woj. Lubelskie	Szulem i Chaja	80	7.IV 1949.	
m. Kraków	Jakób i Sara	81	7.IV 1949 r.	
Równe	Samuel Brucha	82	7/4 1949	

L.P.	IMIĘ i NAZWISKO	SPECJAŁNOŚĆ	adres	Data urodzenia
72.	Lonsztajn Jakub	literat	Legnica Dziennikowska # 41	10. I 1914
73.	Gross Natan	tłumacz	Łódź ul. Kilińskiego 44/52	16. XI 1919
74	Iwański Izaak	[illegible]	Lw-w Konopnickiej 16/28	26/12 1919


27

78

Narod. 25/13 Brno (Czechosłowacja)

DATA URODZ.	MIEJSCE URODZENIA	IMIONA RODZICÓW	NR. LEGITYM.	DATA WYDANIA
5.V. 1905	Łańczypol, woj. Lubelskie	Lazar i Dina	79	7.IV.49r.

Wapman Gabriel

W.G. literat

Fr. Weintraub Maurycy

drzewiarz Łódź

L.p.	IMIĘ i NAZWISKO	SPECJALNOŚĆ	ADRES
71.	Diamant Samuel	literat	Łódź ul. Próchnika 12/29

Data urodz. | Miejsce urodz. | Imiona rodz. | Nr. leg. | Data wyd.

1908 25.I Warszawa Noech i Jacheba 73. 10.IV. 1948.

8, 10.VII 1905 Brom Lejzer Sobe 74.



Sienicbo, 14/XI 1912, Towje i Perel 75

21/5 1894 Baranowicze Abram-Sara 76

L.p.	Nazwisko i imię	Specjalność	Adres
65.	Heller Binem	Literat	Łódź. Piramowicza
66.	Morgentau Lajb	Literat	[illegible]
67	Iwan Józef Hersz	Literat	[illegible]
68.	Raszat Aron	Literat	Łódź, Pilsud. 107/1

107-51

Data urodz.	Miejsce urodz.	Imiona rodziców	Nr. Leg.	Data wyd.	Fotografia
14.V. 1910	Łódź	Szlama i Chaja Przybylska	70	24/XI 1947.	
7.II 1908	Nowy-Sącz	Henryk i Pola z Ty= L Zimetbaum	71	17.II 1948.	
21.VIII 195	Kutno	Icchak Jehuda i Frumetta z Bolesztajnów	72	6.III 1948	

L.p	Nazwisko i imię	Specjalność	Adres
62	Borzęłowski Tuwie (Tadeusz)	Dziennikarz	Al. 1-go Maja 18/4
63.	Ajzenbach Artur	Historyk	Warszawa Sienna 60
64.	Trunk Jeszaja	Historyk	Warszawa

data urodz.	miejsce urodz.	imiona rodziców	Nr. leg.	data wyd.	fotografia
			66	28/V 47.	
			67	28/V 47.	
4.V. 1892	w Siedlcach	Mojżesz Rachela Kaltstein	68	22/XI 1947.	
			69		

L.p.	Nazwisko i imię	Specjalność	Adres
58	Kuperszmidt Lajb	poeta	Zachodnia 66
59	Dr. Sfard Dawid	literat	Narutowicza 54
60.	Dua gerszon	literat	Warszawa Grottgera 2/38
61.	(Nachman Rap)		



data urodz.	imiona rodziców	miejsce urodz.	Nr. leg.	Data wyd. leg.
13. VIII 1907	Dawid i Chaja Bernsztajn	Wilno	62	26. V 1947
8. VII 1897	Tadeusz i Helena z Eszelós	Warsza-wa	63	9. VIII 1947
			64	8/X 1947
12. I 1906		Warszawa	65	15/X 47

L.p.	Nazwisko i imię	specjalność	adres
54.	Wogler Chonon (Różański)	poeta	Łódź, Trau=gutta 6.
55	Tabaczyński Stefan Alfred	dziennikarz	Warszawa Rozbrat 44
56.	Dr. Kermisz Józef	historyk	Łódź, Narutowicza 32
57.	Turkow Icchak (Grudberg)	dziennikarz	Wrocław



data urodz.	imiona rodziców	miejsce urodz.	data wyd. leg. Nr. Leg.	1947	fotografia
1912 13.V	Mates Estera	Łódź	58	18/III	
14.III 1907	Szyja Miszka	Aleksandria (wol.)	59	29/III	
16.III 1910	Mendel i Sara Tykocka	Białystok	60	21/V	
5.VII 1911	Abram i Bayla Hofman	Mogielnica	61	23/V	

L.p.	Nazwisko i imię	specjalność	adres
50.	Hercberg Fiszel	publicysta	Łódź. Środm. 32
51.	Łastik Szlama	literat	Łódź. Nowomiejska 6/40
52.	Binecki Pesach	literat	Wschodnia 72
53.	Guterman Guta	poetka	Kilińskiego 5

data urodzenia	imiona rodziców	miejsce urodz.	nr. leg.	data wydania	fotografia
14. II 1909 r.	Tobiasz i Helena	Warszawa	54	5/II.47	
23. III. 1910	Abram i Izka z Gelbartów	Ozorków	55		
			56		
1907 22.XII w Łodzi	Nachum i Perla	[illegible]	57	12/II 47	

L.p.	Nazwisko i imię	specjalność	adres
46.	Leneman Leon	dziennikarz	Warszawa Smulikowskiego 10/5
[illegible]	Waldman Mosze	literat	Łódź, Franciszk. 15
[illegible]	Guterman Izaak		Łódź, Pomorska 33
[illegible]	Gelbart [illegible]	dziennikarz	Łódź [illegible] 17
	Grüss Nachum	publicysta	



data urodz.	imiona rodziców	miejsce urodz.	data wyst. leg.	No leg.	Fotografie
12. V 1902	Lejb i Basia	Borszczów	49	30.I 46.	
30. III 1893 r.		Drohobycz	50		
23. XI 1890 r.	Paweł i Helena	Warszawa	51	20.I 1947 r.	
6.1.1918	Szymon i Rywka Gutkind	Mińsk-Mazow.	52	31.I 47	
1908 r	Hersz i Rachela Bluma	Łomża	8	19.XII 46.	
			53	26.II 47	

L. p.	Nazwisko i imię		Adres: ulica N° domu
41a.	Blumental Nachman	literat	Łódź ul. Narutowicza 32
42.	Wal Antoni	literat	Łódź, Jaracza
38.	dr. Hofer Jechiel (dr. Lewin)	publicysta	Łódź, Legionów 25 m. 2.
44.	Rochman Lejb	dziennikarz	Łódź, Narutowicza 32 m. 15.
45.	Mark Ber	dziennikarz-literat	Łódź, Piramowicza 8 m. 5
46.	Smoliar Hersz	literat	Warszawa Szeroka 10



data urodz.	imiona rodziców	miejsce urodz.	data wyst. leg.	Nr leg.
22. XII 1910	Borowicz		3. X 46.	12.
15. I 1898	Wolfa Hāringe	Podliski	3. X	11
19.09 r. 5. VI	Izaak i Toles	Mińsk-Mazowieck	22. X	10
1894 r.	Lejbus i Szymcha	Żelechów	24. X	9
18. IV 1908 r.	Izrael i Sara	Kołomyja	29. X	48

		Adres ulica Nr domu
er)	literat	Kraków Długa 38
37. Korn Rachel	poetka	Łódź Piramowicza 8/5
38. dr. Hofer Jechiel	literat	Łódź ul. Gdańska 31a
39. Cyperman Abram Wolf	dziennikarz	Łódź ([illegible])
40. dr. Kanter Izaak	literat	Łódź, Śródmiejska (Więckowskiego) 29



data urodz.	imiona rodziców	miejsce urodz.	data wyst. leg.	No. leg.
17. II 1893	Chaim i Sonia	Warszawa	11. IX 46	18.
8. V 1917	Salo i Sala	Wiedeń	11. IX 46.	17.
13. XII 1902 r.	Mordka i Złota	Łomża	16. IX 46 r.	16.
10. V 1909	Grabowiec	Fiszel i Frima	3. X 46	15.
25. 11. 1906	Henoch Ruchla	Kutno	3. X 46.	14.

Ł.	Nazwisko i imię		Adres ulica Nr domu
31.	Kaganowski Froim	literat	Łódź Piotrkowska 82
32.	Mgr. Tandmer Maksymilian	dzienni-karz	Łódź Żeromskiego 66/4
33.	Bornstein Izaak	dzien-nikarz	Warszawa-Grochów Czapelska 37
34.	Ajzen Abram	prozaik	Łódź Franciszkańska 15/99
35.	Turko Józef (Okrutny)	prozaik	Łódź, Jaracza 17



6

data urodzenia	miejsce urodzenia	imiona rodziców	data wystawienia legitymacji	No leg.
1. VI 1900 r.	Bereza-Kartuska	Mordchajz i Chaja	3. IX 46 r.	23
27. VII 1910	Sghiniec	Mordka i Dwojra	6. IX 46.	22
6. I 1922	Mińsk-Mazowiecki	Mone i Ester	10. IX 46 r.	21
15. V 1908			10. IX 46.	20
1903 r.	Skibel		10. IX 46.	33

L.	Nazwisko i imię		Adres ul. No domu
26.	Cofman Aron	dziennikarz	Łódź, Franciszkańska 15
27.	Żychlińska Rajzel	poetka	Łódź, Śródmiejska 29/6
28.	Siedlecki Froim	dziennikarz	Łódź, Narutowicza 39/15
29.	Elberg Jehuda	prozaik	Łódź, Sienkiewicza 27/27
30.	Rubinsztejn Josif	poeta	Łódź, Franciszkańska 15

5.

data urodzenia:	miejsce urodzenia:	imiona rodziców:	data wpisania	No legitymacji	
1919 15.VIII	Smorgon	Herc	19.VIII 46.	26.	
18.XII 1903 r.	Łanowce		27.VIII 46.	25.	
1906 r.	Sasów		27.VIII 46 r.	40.	
4.III 1909 r.	Mielnica	Aleksander i Sluwa	27.VIII 46 r.	24.	
24.XII 1912	Chemnitz	Szyja i Ettel Leja	29.VIII 46 r.	43.	

L. p.	Nazwisko i imię:		Adres: ul. No domu:
21.	Swekewer Abram	Poeta	Łódź, Lewadzka 12/11
22.	Auerbach Rachela	literatka	Łódź, Narutowicza 32/8
23.	Bomze	Poeta	Łódź, Piotrkowska 8/5
		Poeta	Łódź Franciszkańska 15/44 Kilińskiego
25.	Wulf Józef	literat	Kraków

4.

data urodzenia	miejsce urodzenia	imiona rodziców	data wystąpienia	No legitymacji
25.XII 1905 r.	Warszawa		17.VIII 46 r.	32
26.XII 1893 r.	Siemiatycze	Abram Chaja	17.VIII 46	30
			17.VIII 46 r.	29
1888	Turzysk	Nachman i Rejzu	19.VIII 46	28
1899	Wiślik		19.VIII 46	27



L.p.	Nazwisko i imię:		Adres: ul. No domu:
16.	Nudelman Marek	Dziennikarz	Łodź, Namtowicz 32
17.	Kuarer Berko	Dziennikarz	Łodź, Namtowicz 32
18.	Cymeymatus Aron	Dziennikarz	Łodź Lipowa
19.	Olicki Łajb	Połkoprowik	Łodź ~~Franciszkańska~~ Piramowicza 5 p
20.	Szlagen Ozjasz	Dziennikarz	Łodź, Sienkiewicza 37/17

83.

data urodzenia:	miejsce urodzenia:	imiona rodziców:	data wypłacenia:	Nr legitymacji
31.V 1896	Łódź	Icek Mojżer i Ruchla	14.VIII 46	37
1904 r.	Kurów	Jankow i Laja	14.VIII 46.	36
1909 r. 15.XII	Jeżów	Szlama i Chaja Ruchla	14.VIII 46	35
			14.VIII 46 r.	34
			17.VIII 46	33

Lp.	Nazwisko i imię:		Adres: ul. Nr. domu
11.	Fuks Chaim	Poeta. prozaik	Kilińskiego 47/15 Łódź
12.	Grosman Mosze	Prozaik	Łódź Piramowicza 8/5
13.	Jonasowicz Icchak	Poeta	~~Łódź. Franciszkańska 15~~ Piramowicza 8
14.	Szpund Szymon	Dziennikarz	
15.	Safrin Horacy	Dziennikarz poeta	Narutowicza 53/1



2.

data urodzenia:	miejsce urodzenia:	imiona rodziców:	data wystawienia legit.	No. legit.
8.XII 1906 r.	Grzymałów		23.VII 46 r.	45
1908	Wilno [illegible]		24.VII 46 r.	41
			27.VII 46 r.	[illegible]
			13.VIII 46	39
14.I 1906 r.	Łódź		14.VII 46	38

L.p.	Nazwisko i imię		Adres ulica N° domu
6.	Blic Nachman	Prozaik	Al. Kościuszki 98/5
7.	Kaczerginski Szmerke	Prozaik i poeta	Gdańska 35/3
8.	Knapheis Mosze		Sienkiewicza 37
9.	Dr. Zyneman Jakub	Dzienni-karz-historyk	
10.	Szpigel Szaja	Poeta	Gdańska 31a/4

data urodzenia	miejsce urodzenia	imiona rodziców	data wystawienia	No legitymacji	
26.V 1905 r.	Mielec		24.VII 46 r.	47	
9.XII 1916	Warszawa		24.VII 46 r.	46	
				42	
15.XII 1891	Indura	Jakub Chaja ur. Sergiej	26.VII 46 r.	44	
~~15.VIII 1919~~	~~Smorgon~~	~~Ilere~~	~~26.VII 46~~	~~43~~	

L. p.	Nazwisko i imię:		Adres: ulica: N: domu
1.	Kajtelman Chaskiel	Prozaik	Łódź, ul. Narutowicza 32/15
2.	Man Mendel	Poeta	Łódź Kilińskiego 64/20
3.	Grade Chaim	Poeta	Łódź Franciszkańska 15
4.	Żak Abraham	Poeta	Łódź Franciszkańska 15
~~5.~~	~~Suckewer Abram~~	~~Poeta~~	~~Łódź Zawadzka 12~~

Daniel (Dawid) Hefnung

ur. 23. 9. 1908 r. w Warszawie

syn Mendla i Hindy z domu ~~[illegible]~~ Zielonedrzewo; Adres: Chorzów, Karwiena 5/8

Miejsce pracy: Żyd. Tow. Kultury w Katowicach

Do grudnia 1941 roku przebywałem w getcie warszawskim. Potem, do wyzwolenia, w Warszawie na aryjskich papierach

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט
אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. ב. מאַרק *

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט וואָס ווירקט ביי דער פּוילישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע און ווערט דורך איר סובסידירט, געהערט צו די וויניקע אינסטיטוציעס פון דעם סאָרט אין דער וועלט. אין משך פון די יאָרן פון זיין קיום, ווענדט ער זיין גאַנצע ענערגיע אויף וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פון טראַגישן גורל פון די פּוילישע יידן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. אין תחום פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און דעמאַסקירן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס, איז דער פאַרדינסט פון יי.ה.אי. אַ ריזיקער.

וויכטיק זענען אויך די דערגרייכונגען פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אויפן געביט פון פאָרשונגען איבער דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. און אַזוי צום ביישפּיל, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער 100סטער יאָרצייט פון יאַנואַר־אויפשטאַנד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן יי.ה.אי. אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט א.ג. „דער אָנטייל פון יידן אין יאַנואַר־אויפשטאַנד". די מחברים אירע — א. אייזנבאַך, ד. פיינהאַוז, א. ווײַן זענען מיטאַרבעטער פון יי.ה.אי. צוזאַמען מיטן פּאַרטיי־געשיכטע־אינסטיטוט נעמט דער יי.ה.אי. אָנטייל אין זאַמלען מאַטעריאַלן אין שייכות מיטן אָנטייל פון יידן אין דער רעוואָלוציע אין 1905 און לעצטנס אויך פאָרשונגען וועגן אָנטייל פון יידן אין קאַמף פאַר דער רעפּובליק אין שפּאַניע.

ביי אַ קליינע אין דער צאָל גרופּע וויסנשאַפטלער האָט דער יי.ה.אי. באַוויזן צו לייגן אַכט הויפּטזעכלעך אויף דער פאָרשונג פון קאַמף און מאַרטיראָלאָגיע פון די פּוילישע יידן בעת דער אָקופּאַציע. אויסשטעלונגען, וואָס שטעלן פאָר דעם אָנטייל פון יידן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג זענען דורכן יי.ה.אי. אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ סך לענדער: אין פּאַריז, ווין, אַרגענטינע, ישראל, מזרח־בערלין א.אַ.וו.

אַ ספּעציעלע באַדייטונג האָבן די צונויפגעזאַמלטע דורכן אינסטיטוט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן ווי אויך אַ גענויע קאַרטאָטעקע בנוגע די היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכנס פאַר דער הויפּט־קאָמיסיע צום פאָרשן די היטלעריסטישע

---

* לויט דעם באַריכט פון פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד — לייב דאָמב־טרעפּער — דעם 6.3.1966.

די קינדער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן, אַלס ערנוואַך ביים „אוהל פרץ" אין וואַרשע

פאַרברעכנס אין פוילן. די אינסטיטוט־מיטאַרבעטער זענען אַרויסגעטראָטן ווי זאַכקענער אין פילע פּראָצעסן קעגן היטלעריסטישע פאַרברעכער אין פוילן, העלפנדיק — אויפן סמך פון גישט וועקנדיקע קיין ספק מאַטעריאַלן און דאָקו־מענטן — צום דערווייזן זייערע פאַרברעכנס, באַגאַנגענע אויף דער אָקופּירטער פוילישער ערד בעת דער 2טער וועלט־מלחמה און עקסטערמינאַציע און טאָטאַלע פאַרניכטונג פון יידן אין פוילן. די אינסטיטוט־מיטאַרבעטער זענען אַרויסגעטראָטן צוו. אַנד. אין אַזעלכע ערנסטע פּראָצעסן ווי: קעגן עס.עס.־לייט פון טויטן־לאַגער אין מאַידאַנעק, קאָמענדאַנט פון לאַגער אין פּלאַשאָוו אַמאָן געטאַ, קראָקעווער גאָוליטער, גרייזער שעף פון לאָדזשער געטאָ — ביבאָוו, קאָמענדאַנט פון לאַגער אין אָשוויענטשים — העס, גובערנאַטאָר פון וואַרשעווער דיסטריקט — פישער, פאַרטרעטער פון געג. גובערנאַטאָר פראַנק — בילער, קעגן גענעראַלן פון עס.עס. און פּאָליציי שטראָאָפּן און קאָנראַדן, עס.עס.־ און פּאָליציי־קאָמענדאַנטן בעקער און בלום (ראַדאָם), פּאָליציי־קאָמענדאַנטן פרידל און מאַכאָל, אין פּראָצעסן קעגן עס.עס.־לייט פון די לאַגערס אין טשענסטאָכאָוו און טרעבלינקע. פאַרשטייער פון אינסטיטוט האָבן אויך דערלאַנגט אַן עקספּערטיז וועגן דער סטרוקטור פון דער היטלעריסטישער ציווילער אַדמיניסטראַציע און פּאָליציי־אָרגאַנען אויף די אָקו־פּירטע געביטן.

אַ פאַרשטייער פון אינסטיטוט איז אויך אַריין אין צוזאַמענשטעל פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע אויפן פּראָצעס קעגן גלאָבקע׳ן אין בערלין אין יוני 1963.

כדאי צו דערמאָנען, אַז אויך אין פּראָצעסן קעגן יידישע, פּוילישע און אוקראַיִנישע קאָלאַבאָראַטאָרן האָבן פאַרשטייער פון אינסטיטוט געדינט מיט זייערע אויפקלערונגען.

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט האָט צוגעשטעלט פיל באַווייז־מאַטעריאַלן צום באַפולמעכטיקטן פון דער רעגירונג פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע צום פאַרפאָלגן היטלעריס־טישע קריגס־פאַרברעכנס. במשך פון די לעצטע יאָרן האָט דער אינסטיטוט צוגע־שטעלט — קודם־כל דורך דער הויפּט־קאָמיסיע צום פאָרשן די היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכנס — אַ סך מאַטעריאַלן וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון אַ סך הויכע באַאַמטע וועלכע געפינען זיך נאָך אַלץ אויף דער פרייהייט.

אויך איצט איז דער אינסטיטוט ממשיך זיין מיטאַרבעט מיט דער הויפּט־קאָמיסיע צום פאָרשן היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכנס — דערגענצנדיק די צענטראַלע קאַרטאָטעק פון היטלעריסטישע פאַרברעכער, טעטיקע אין פוילן.

די טעטיקייט פון אינסטיטוט אויפן געביט פון יאָגן די היטלעריסטישע פאַר־ברעכנס האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַ סך וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע

אַרבעטן, וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון די היטלעריסטן אין פוילן, און ספּעציעל בנוגע איבערווייזן זיי דעם פוילישן געריכטסוועזן. דער אַספּעקט איז גענומען געוואָרן אין אַכט אין די עקספּאָזיציעס אין לאַנד און אויסלאַנד, געווידמעטע דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און קאַמף.

דער אינסטיטוט־מוזעום פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעך ווערטפולע עקספּאָנאַטן. די לעצטע יאָרן ווערט דאָ געפירט אַן אינוועטאַריזאַציע פון אַלטערטימלעכקייטן פון דער יידישער קולטור אין פוילן.

די לעצטע יאָרן האָט מען צונויפגעזאַמלט איבער 4 טויזנט פאָטאָקאָפּיעס פון היסטאָרישע יידישע קונסטווערק. די אינסטיטוט־ביבליאָטעק וואָס ציילט 40 טויזנט ווערטפולע בענד, פאַרמאָגט אויך אַ סך ווערטפולע דרוק־זאַכן, כתב־ידן א״אַנד.

אַ ספּעציעלן אָנטייל נעמט דער היסטאָרישער אינסטיטוט אין די אַרבעטן פון ראַטן אָפּצוהיטן ערטער פון קאַמף און מאַרטירערשאַפט. דער אינסטיטוט האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַן יידישער אויסשטעלונג אין די ראַמען פון אַלגעמיינעם פוילישן פּאַוויליאָן אין אָשוויענטשים, וועלכער וועט דאָרט ווערן אופגעשטעלט אַ דאַנק די באַמיִונגען פון קולטור־מיניסטעריום.

די טעטיקייט פון אינסטיטוט איז אַ ברייטע, פילזייטיקע און ביז גאָר וויכטיקע. מיר דאַרפן אָבער פעסטשטעלן, אַז אונדזער געזעלשאַפט האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ריכטיקע זאָרג און אויפמערקזאַמקייט צום אינסטיטוט. עס איז נויטיק ענדלעך צוצוטרעטן צו דער רעאַליזאַציע פון דעם שוין פון לאַנג אָנגענומענעם באַשלוס פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, וועגן שאַפן אָרטיקע פאַרוואַלטונגען פון קרייזן פריינד פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, וועלכע וואָלטן געהאַט די אויפגאַבע צו פּאָפּולאַריזירן די טעטיקייט און דערגרייכונגען פון אינסטיטוט, העלפן אין זאַמלען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, קאַמפן און פאַרניכטונג פון פוילישן יידנטום, אָרגאַניזירן די פּאָפּולאַריזאַציע און פאַרשפּרייטונג פון אינסטיטוט־פּובליקאַציעס. אַ ספּעציעל וואָגיקע אויפגאַבע פון דער ניי־געוויילטער פאַרוואַלטונג דאַרף זיין די מיטאַרבעט אין דער ריכטונג פון צוגרייטן יונגע וויסנשאַפטלער קאַדרען פאַרן אינסטיטוט.

די יידישע קאָאָפּעראַטיוון
ביים קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד*

נעמענדיק אין אַכט די געברויכן פון די יידישע קרייזן, זענען געשאַפן געוואָרן 16 קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען אַ טייל פון אַלגעמיינעם פּוילישן קאָאָפּעראַטיוון־פאַרבאַנד. כאַראַקטעריסטיש פאַר די קאָאָפּעראַטיוון איז געווען, אַז 80% פון די באַשעפטיקטע האָבן געמוזט זיין מיטגלידער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַר־באַנד.

אין משך פון אַלע יאָרן האָט די הויפּט־פאַרוואַלטונג אַרויסגעוויזן פיל אויפ־מערקזאַמקייט און זאָרג פאַר זייער אַנטוויקלונג.

באַזונדערע שוועריקייטן זענען אָבער געווען ביים אויסשולן און אויך אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון די באַשעפטיקטע, ווייל אַ גרויסע צאָל פון דאָרט אַרבעטנדיקע יידן זענען געווען אין הויכן עלטער, אָפּגעשוואַכטע פון די איבער־לעבונגען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע.

אין מאָמענט פון באַריכט זענען אין די 16 קאָאָפּ. באַשעפטיקט 2.100 אַרבע־טער; פון דעם זענען 1459 באַשעפטיקט אויפן אָרט און מער ווייניקער 700 הויז־אַרבעטער. דער דורכשניט פון מאָנאַטלעכן פאַרדינסט איז געווען 2.000 זלאָטעס.

אין יאָר 1965 איז די ווערט פון דער פּראָדוקציע פון די קאָאָפּעראַטיוון געווען 300 מיליאָן זלאָטעס. פון דעם די ווערט פון לאַגער איז געווען 45 מיליאָן און די איינקונפטן פון די קאָאָפּעראַטיוון 27 מיליאָן זלאָטעס.

אויפן 4טן לאַנדעס־צוזאַמענפאָר איז קריטיקירט געוואָרן די גלייכגילטיקייט פון אַ גרויסער טייל פון די קאָאָפּעראַטיוון צו אונדזער קולטורעלער און געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט.

די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט אין די לעצטע 4 יאָר. סיי די אָנפּי־רער פון די קאָאָפּעראַטיוון ווי אויך די מיטאַרבעטער, נעמען אין דער לעצטער צייט מער אָנטייל אין דער פּילזייטיקער טעטיקייט פון אונדזער געזעלשאַפט. די צאָל פון די מיטגלידער אין דער אָנפירערשאַפט האָט זיך באַדייטנדיק פאַר־גרעסערט.

---

* באַריכט פון פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד דעם 6.3.1966.

מיט דער צושטימונג פון דער מלוכה טראָגן אַריין די קאָאָפּעראַטיוון אַ טייל פון זייער איינקונפט פאַרן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. יערלעך איז דאָס אַ סומע פון 1,700,000 זלאָטעס. דאָס האָט נישט נאָר אַ פינאַנסיעלע באַדייטונג פאַר דער טעטיקייט פון אונדזער געזעלשאַפט, נאָר דאָס איז אַן אויסדרוק פון וואַקסנדיקער פאַרשטענדעניש פון די קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער פאַר די געברויכן פון אונדזער געזעלשאַפט.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אַלע שוועריקייטן פון אונדזער קאָאָפּעראַטיוו זענען געוואָרן באַזייטיקט. די מערהייט פון די דאָרט באַשעפטיקטע יידן זענען עלטער געוואָרן און דערמיט פיזיש שוואַכער.

צוזאַמען מיט דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק איז געוואַקסן די נויטוועגדיקייט צו מעכאַניזירן און אויטאָמאַטיזירן די אַרבעט אין אונדזערע קאָאָפּעראַטיוון. דאָס פאַרלאַנגט אַ נייע איבערקוואַליפיצירונג פון די אַרבעטער.

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז אין געוויסע קאָאָפּעראַטיוון איז דער לוין צווישן די באַשעפטיקטע פאַרשידן. די גוטע און זאָרגפולע אַרבעט פון דער צענטראַל־קאָמיסיע לגבי די קאָאָפּעראַטיוון איז ווערט צו אונטערשטרייכן מיט גרויס צופרידנקייט.

דער פאַרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד גיט איבער, אַז די קאָאָפּעראַטיוון זענען געוואָרן אַן ערנסטער פאַקטאָר אין לעבן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט.

סטאַטיסטישער באַריכט פון פּאַרזיצער
פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד
פון די יידן אין פוילן*

אויף דעם פינפטן לאַנד־צוזאַמענפאָר 6.3.1966

.1	וואַרשע	6.200	פּערזאָן	.15	טשענסטאָכאָוו	350	״
.2	לאָדזש	3.300	״	.16	גלייוויץ	420	״
.3	ווראָצלאַוו	1.900	״	.17	לובלין	500	״
.4	שטשעטשין	1.950	״	.18	ריישע	380	״
.5	קראָקע	1.900	״	.19	ביעלסקאָ	520	״
.6	ביאַליסטאָק	600	״	.20	דזיערזשאָניוו	500	״
.7	שווידניץ	400	״	.21	וולאָצלאַוועק	400	״
.8	וואַלבזשיך	580	״	.22	קלאָדזק	340	״
.9	זשאַרי	560	״	.23	ביעלאַווע	450	״
.10	ליגניץ	590	״	.24	נאָוואָ רודאָ	310	״
.11	סאָסנאָוויעץ	390	״	.25	קאַטאָוויץ	450	״
.12	ביטאָם	350	״	.26	ביאַלי־קאַמיען	300	״
.13	גדאַנסק	520	״	.27	זאָמבקאָוויצע	250	״
.14	פּשעמישל	350	״		צוזאַמען :	24,760	״

* אויף דעם פינפטן לאַנד־צוזאַמענפאָר, 6.3.1966.

יידישע פאָלקס־קלובן — פאָרזיצער און אַקטיוויסטן

וואַרשע — יעקב דאַר, אייזיק וואָלפאָוויטש, מייער לעווינ, פוקס, שעל, י. גורוויץ, שלמה שטראוס־מאַרקאָ, איטקעס, שיף, מיכלע־ראָזענבאָום, גאַרבאַרסקי.

לאָדזש — ש. אייזנמאַן, שמואל וועב.

ווראָצלאַוו — בראַפמאַן, שאַפראַנעק.

שטשעטשין — האַמבורגער, ביאַלאָסטאָצקי.

קראָקע — ד״ר ווינער, רימפּעל.

ביאַליסטאָק — הלל עדעלמאַן.

שווידניץ — יעקב פיינער, מייעראָוויטש, בוכבינדער, בלאַנק, גורעצקי, ח׳טע יונגבאַך.

וואַלבזשיך — יאַקובאָוויטש, וו. זילבערבערג, ה. פייסער.

זשאַרי — משה קיילער.

ליגניץ — דוד רויטענבערג, לעיב.

סאָסנאָוויץ — שטולבערג.

ביטאָם — שמאי קראַמאַזש, שלמה דרייבאַנד.

גדאַנסק — וואָלקאָוויטש.

טשענסטאָכאָוו — שלום לאופער, משה לעדערמאַן, ד. אַלבערט.

גלייוויץ — בערנאַרד פראַטאָווסקי

לובלין — שניידמאַן, קליגער, מוניש איזראַלעוויטש.

ביעלסק — ע. קירשנבוים.

דזשערזשאָניוו — וויינטראַוב, מיכאַל לעדערמאַן.

וולאָצלאַוועק — פרץ שטולזאַפט, מ. לאַטניק, כ. טשאַרני.

קלאָצק — טענענבלאַט, וויסקאָף.

בליעלאַווע — בערל ווינריב, קאָפּפער.

נאָווא רודאָ — גאָלדבערג.

זאַמבקוביץ — בורשטין.

ביאַלי־קאַמיען — משה מילער.

קאַטאָוויץ — אַלעקסאַנדער סאַפיר, מג׳ר ראַסטאַל.

און אַנדערע קלענערע שטעטלעך.

חברים פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג
פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד
פון די יידן אין פוילן*

ליב דאַמב־טרעפּער (פאָרזיצער)

ד״ר דוד ספאַרד (וויצע־פאָרזיצער)

עדוואַרד רייבער (סעקרעטאַר)

בערל מאַרק

אידאַ קאַמינסקאַ

ר. גוטקאָווסקאַ

מיכאל מירסקי

הערש סמאָליאַר

סאַלאַ פישגרונד

י. פעלהענדלער

חיים עצשינסקי,

שמואל הורוויץ (אַדוואָקאַט)

יואל לאַזעבניק

יידל קאַרמאַן

אין באַזונדערע פאַלן אַדאָפּטירט מען חברים פון די קלובן.

---

* געזאַמלט ביי אַקטיוויסטן פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד: לעדערמאַן, וועבש שמואל, ביאַלאָסטאָצקי, גאָלדקאָרן, דוד רויטענבערג, אייזיק וואַלפּאָוויטש, פעלהענדלער — וועלכע לעבן אין ישראל.

דאָס יידישע טעאַטער*

אין שווערע באַדינגונגען האָט די נייע פאַרוואַלטונג פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן גענומען רעאַליזירן די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס עס האָט איר געשטעלט דער 23סטער אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר — דאָס שאַפן צוויי סטאַבילע טעאַטער־קאָלעקטיוון.

אַלץ וואָס דער יידישער אַקטיאָר האָט מיט עקשנותדיקער אַרבעט אויפגעבויט אין משך פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איז אָפּגעווישט, אָנהויבן דאַרף מען פון בראשית.

נישטאָ קיין יידישע טעאַטער־בנינים, נישטאָ קיין קאָסטיומען, נישטאָ קיין שום טעאַטער־רעקוויזיטן, נישטאָ קיין פּיעסן, קיין טעאַטער־וואַרשטאַט, ווו דער אַקטיאָר זאָל קאָנען אָנהויבן זיין טאָג־טעגלעכע צוגרייטונגס־אַרבעט. און נאָך מער — נישטאָ שוין צווישן אונדז דער רוב פון יענע אַקטיאָרן, וואָס פלעגן אָנצינדן אין אונדז דעם ענטוזיאַזם צו קאָלעקטיווער טעאַטער־אַרבעט.

און דאָך...

אַ קורצע צייט איז פאַרביי פון טאָג, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע פאַרשטעלונג פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין נאָכמלחמהדיקן פוילן. און מיט אַ געפיל פון פרייד קומט איצט שוין דער יידישער אַקטיאָר צום יידישן ישוב אין פוילן און מעלדעט: צוויי יידישע טעאַטערן, אָנגעפירט דורכן יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן שפּילן; איינער אין לאָדזש, דער צווייטער אין נידערשלעזיע.

דער יידישער אַקטיאָר, באַקומענדיק עפעקטיווע אונטערשטיצונג מצד די יידישע צענטראַלע הילפס־אינסטיטוציעס אין פוילן, האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די אחריות פון די פאָדערונגען, וואָס זענען איר געשטעלט געוואָרן.

דער אַרטיסטן־פאַראיין האָט די 50 פאַרבליבענע אַקטיאָרן אין פוילן איינגעטיילט אין צוויי טעאַטער־קאָלעקטיוון, וועלכע אַרבעטן שוין, און דאָס גאַר פלייסיק.

יידיש טעאַטער איז איצט מער ווי שטענדיק דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן.

קיינמאָל נאָך האָט זיך אַזוי נישט געפאָדערט פונעם טעאַטער די אוממיטלבאַרע באַווירקונג אויפן צושויער ווי איצט.

---

* מאַטעריאַל געזאַמלט אין אַרכיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט אין יאָר 1972.

דאָס יידישע טעאַטער אין פוילן האָט איצט פאַר זיך די דערהויבענע מיסיע צו טראָגן טרייסט און דערמוטיקונג אין יידישן געמיט.

נאָך דעם גאַרט איצט די שארית־הפליטה פון די יידן אין פוילן, דער וואַרע־מער געפיל אויף יעדער טעאַטער־פאָרשטעלונג איז דער גרעסטער באַווייז דערפון און כאָטש קליין איז איצט אין יאָר 1946 די צאָל יידן פון יידישן ישוב אין פוילן, זענען אָבער די טעאַטער־זאַלן אויף יעדער יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג כסדר איבערפולט. דער גרעסטער ווונטש פון די יידישע אַקטיאָרן אין איצטיקן מאָמענט איז, דערפירן די אָנגעהויבענע אַרבעט צו דער מדרגה, וואָס זאָל דער־מאָנען אין די גרויסע יידישע טעאַטער־אויפפירונגען און אין די הערלעכע טראַ־דיציעס פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער אין פוילן.

דאָס „יידישע מלוכה־טעאַטער"*

דאָס „יידישע מלוכה־טעאַטער", אונטער דער אָנפירונג פון אידאַ קאַמינסקאַ און מאיר מעלמאַן, איז געוואָרן סובסידירט פון דער פּוילישער מלוכה מיט דער סומע פון 3,5 מיליאָן זלאָטעס יערלעך. מיט דער צייט איז דער טעאַטער געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין פּוילן. אויפן 5טן לאַנד־צוזאַמענפאָר האָט מען געקאָנט פאַרברענגען זיינע וויכטיקע דער־גרייכונגען. אין דער צייט האָט דאָס טעאַטער געבראַכט פאַר זיינע ברייטע פאָלקס־מאַסן אַרום 100 פּרעמיערעס.

צווישן אַנדערע זענען אויסגעפירט געוואָרן אַ רייע שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער, ווי שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, מענדעלע מוכר ספרים, גאָרדין, גאָלד־פאַדען און אַפּאַטאָשו.

דאָס יידישע טעאַטער האָט אויך אויפגעפירט פּיעסן פון פּוילישע דראַמאַ־טורגן, ווי: „מאיר עזאָפאָוויטש", „פאַן יאָוויאַלסקי" און אַנדערע.

פון די מאָדערנע יידישע דראַמעס זענען אויסגעפירט געוואָרן: „ברוך שפּי־נאָזאַ", געשריבן פון חיים סלאָוועס; עס זענען אויך געוואָרן געבראַכט פאַר דעם ברייטן עולם דראַמאַטישע פאַרשטעלונגען געווידמעט דעם קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט.

אונדזער טעאַטער האָט אויך געפונען אָנערקענונג ווייט פון די פּוילישע גרע־נעצן. דאָס טעאַטער איז אויפגעטראָטן מיט גאַסטראָלן אין פיל לענדער, ווי: פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיע, עסטרייך, דייטשלאַנד; אין זיד־אַמעריקאַנער לענ־דער, ווי: בראַזיל, אַרגענטינע, אורוגוואַי און אויך אין ישראל. איבעראַל האָט אונדזער טעאַטער מיט כבוד רעפּרעזענטירט די יידישע געזעלשאַפט אין פאָלקס־פּוילן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, עס זענען פאַראַן פאַרשידענע פּראָבלעמען וועלכע זענען שווער צו לייזן און פאָדערן גרויסע אָנשטרענגונגען און שאַפונג. דאָס זענען די פּראָבלעמען פון רעפּערטואַר, אַרטיסטן, פון צוציִען יוגנט — צושויער און קומען צו די ברייטע צושויער־מאַסן, וואָס האָבן אינטערעס פאַר אונדזער טעאַטער.

* אַן אויסצוג פון רעפעראַט פון פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן אויפן 5טן לאַנד־צוזאַמענפאָר אין מערץ 1966.

די וויכטיקייט פון די פּראָבלעמען זענען נישט נאָר די מאַטעריעלע שוועריקייטן, וועלכע מען קאָן בייקומען. די וויכטיקייט ליגט ריכטיקער אין די אַרטיסטישע אידעיִשע־שטימונגען, אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

שאַפן צאָלרייכע און פאַרשידנאַרטיקע אָפּנעמער פון אונדזער קולטור, דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער טעטיקייט פון אונדזער געזעלשאַפט. דערפאַר דאַרף די אויפגאַבע פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער פּאָלעמיק פון אונדזער צוזאַמענפאָר.

די טויזנטער מיטגלידער פון אונדזער געזעלשאַפט דאַרפן נישט זיין נאָר פּאַסיווע צושויער פון אונדזערע אויספירונגען נאָר אויך זיך באַמיִען צו ווירקן אויף דער אַרטיסטישער און אידעיִשער אַנטוויקלונג.

מיר אַלע דאַרפן זאָרגן לטובת דעם יידישן מלוכה־טעאַטער. צום באַדויערן איז נאָך ביז היינט נישט געשאַפן געוואָרן קיין קרייז פון ליבהאָבער און פריינד פון יידישן טעאַטער. דאָס דאַרף זיין דער הויפּט־ציל פון אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן.

לאָמיר האָפן, אַז די באַשלוסן פון פּרעזידיום צוזאַמען מיט דער דירעקציע, וואָס שטרעבן צו שאַפן אַ דראַמאַטישע סטודיע צוצוגרייטן נייע קאַדרען, וועלן זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין איר ווייטערדיקער טעטיקייט.

נאָזשיקס שיל*

די שיל איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1809, דורך אַ ייד מיטן נאָמען קלמן נאָזשיק.

נאָזשיק, וועלכער איז געווען אַן אַלטער בחור — די פאַמיליע האָט זיך דער־פאַר נישט באַצויגן צו אים גוט — אָבער אויף דער עלטער האָט ער חתונה געהאַט.

קלמן נאָזשיק האָט געאַרבעט אין אַן אייזן־געשעפט (פלאַץ ביים אייזערנעם טויער). נאָך אַ שטיקל צייט האָט ער געקויפט אַ פלאַץ אויף דער טוואַרדע־גאַס נר. 6 און אויפגעבויט דריי הייזער: צוויי פאַר איינוווינער און דער מיטלסטער אַ שיל. די שיל איז איינע פון די ערשטע געביידעס געבויט פון בעטאָן און אייזן.

דאָס איז די באַוווסטע שיל, ווו אַלע גרויסע חזנים האָבן דאָ אָנגעהויבן זייער קאַריערע.

אין דער צוואה וואָס קלמן נאָזשיק האָט געלאָזט, איז זיין גאַנץ פאַרמעגן אוועק פאַר דער יידישער גמיניע אין וואַרשע. אָבער פון די פאַרדינסטן פון דער שול האָט ער איבערגעלאָזט די בחורים און די מיידלעך פון דער נאָזשיק פאַמיליע וועלכע זענען רעליגיעז, אַ סומע אויף דרשה־געשאַנק.

בן־ציון נוז׳יק, גבעתיים
9.8.1985

---

* לויט דער דערציילונג פון זיין קרוב בן־ציון נוזשיק, גבעתיים, 9.8.1985.

סטאַטוט*

אַרט. 28 צום טעטיקייטס־תחום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג — צווישן אַנדערע: פּרעלימינירן דעם בודזשעט פון פאַרבאַנד, אויספירן די קאָנטראָל איבער דער גאַנצער טעטיקייט פון דער קאָנגרעגאַציע;

אָנפירן מיט דער כאַריטאַטיווער טעטיקייט פון פאַרבאַנד און קאָנגרעגאַציע;

פאָרשטעלן דעם פאַרבאַנד אַ קאַנדידאַט אויף הויפּט־רב;

באַרופן און באַפרייען אָנגעשטעלטע;

אויסהאַלטן שילן (בתי־כנסת, בית־מדרשים), תלמוד־תורה׳ס, כשרע מקוות, בית־עלמינס און כשרע רעסטאָראַנען;

שעכט־הייזער פאַר עופות;

כשרע שחיטה, פאַרטיילונג פון פלייש און פלייש־אויסאַרבעטונגען;

פירן כאַריטאַטיווע טעטיקייט בכדי צו לייסטן מאָראַלע און מאַטעריעלע הילף אָרעמעלייט, אַלטע און קראַנקע מיטגלידער פון דער קאָנגרעגאַציע.

הויפּט־רב — (דער לעצטער איז געווען אשר זיבעס)

וואַרשע, 28.12.1966

אויפן סמך פון רעכט־אַרטיקל וועגן געזעלשאַפטן פון 27.10.1932, אַמט פאַר ענינים פון גלויבנס, באַשטעטיקט דערמיט דעם אויבן דערמאָנטן סטאַטוט פון רעליגיעזן פאַרבאַנד פון משה׳ס גלויבן אין דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק.

אין דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק זענען פאַראַן 20 קאָנגרעגאַציעס, שטעטישע און וואָיעוואָדישע. אין די 50־ער יאָרן איז דער הויפּט־רב געווען הרב נתנאל שמוקלער. יצחק פרענקעל, געוו. פאָרזיצער פון ועד הקהילות (קאָנגרעגאַציעס) אין פּוילן וווינט היינט אין נס־ציונה, ישראל.

די יידישע שרייבער פון נאָכמלחמהדיקן פוילן האָט געדראָט די זעלבע סכנה וואָס זייערע חברים אין ראַטנפאַרבאַנד

סטאַלין האָט געגרייט אַ שחיטה אויף זיי און פּלאַנירט צו שאַפן אַ יידישן געטאָ אין ביאַליסטאָקער געגנט *

אין דער זעלבער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט מען אויסגעמעקט יעדן זכר פון יידישקייט, פון דער יידישער קולטור און יעדן צייכן פון די פיר־קאַנטיקע אותיות, ווען מען האָט ליקווידירט די יידישע צייטונג, דאָס יידישע טעאַטער און אויסגעקוילעט כמעט אַלע יידישע שרייבער — האָט מען אין פוילן געהייסן שאַפן אַ יידישן ישוב און בויען אַ „יידישן קולטור־צענטער...״

אַ הייפּל ערלעכע מענטשן האָבן דאָס גענומען ערנסט, נישט ווויסנדיק, אַז גלייכצייטיק האָט שוין סטאַלין אויך אין פוילן גענומען גרייטן די שחיטה פון די יידישע שרייבער און שאַפן אַ געטאָ פון יידן אין ביאַליסטאָקער געגנט.

עס ליגט פאַר מיינע אויגן אַ טעקע פון 76 יידישע שרייבער פון פוילן — זייערע בילדער, נעמען, וווין־אָרט, געבורט, נעמען פון עלטערן און אַזוי ווייטער... די טעקע האָט מען אַרויסגענומען פונעם סטאַליניסטישן אַרכיוו און איז דורך אַן אָרנטלעכן פּאָלאַק איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ יידישער פרוי, וואָס האָט פאַרלאָזן פוילן און עס געבראַכט אַהער, כדי צו ווייזן דער וועלט וואָס סטאַלין האָט געגרייט אויך פאַר די פּוילישע יידן. צום גליק האָט דער „פאָטער פון די פעלקער״ נישט באַוויזן אויסצופירן אויך אָט די מאָרד־טאַטן.

פאַרוואָס האָט מען אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן פאַראָרדנט צו שאַפן אַ „יידישן קולטור־צענטער״ ?

כדי צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע מוז מען אויפמישן אַ בלעטל פון דער געשיכטע פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק מיט 27 יאָר צוריק. דאָס איז די צייט, ווען פוילן איז צוריק געוואָרן אַ כלומרשטע „זעלבשטענדיקע מדינה״.

שוין דעמאָלט, אין די גרענעצן פון דער פוילישער מלוכה, אין וועלכער ס׳האָבן זיך צוריקגעקערט די שארית־הפליטה פון דעם קרוב 4־מיליאָניקן יידישן ישוב — האָט מען גענומען טיילן די יידן אויף צוויי גרופּן — „גרויסע״ און

---

* „אילוסטרירטע וועלטוואָך״, אויגוסט 1974.

„קליינע", אויף פּאָליאַקן און יידן — ווי ס'איז שפּעטער אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, דער גרויסער רובינשטיין דער „פּאָליאַק" און דער קליינער רובינשטיין דער „ייד".

אמת, עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן אויף כוח זיך געוואָלט אַסימילירן, געוואָלט פּשוט אַנטלויפן פונעם יידישן פאָלק, אַ טייל נאָך מיט שרעק אין די אויגן פון דער היטלער־תּקופה, אַנדערע ווידער צוליב אַ טיטל אָדער קאַריערע.

אַ סך האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז זיי געלונגען — מען האָט איינגעפירט אין די היימען די פוילישע רעליגיעזע יום־טובים, פוילישע מנהגים, אַפילו געפירט די קינדער צו דער הייליקער קאָמוניע.

זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבן שוין אויף אייביק איבערגעריסן מיטן עבר און זיי זענען שוין ריינע פּאָליאַקן...

די פוילישע רעדל־פירער פון דער „זעלבשטענדיקער מלוכה" האָבן באַקומען אַ באַפעל פון „עלטערן ברודער" צו טאָלערירן און אַפילו העלפן אין דער אַסימי־לאַציע־קאָמעדיע, ווייל מען האָט זיך דעמאָלט דרינגענד גענויטיקט אין יידן מיט פוילישע נעמען, כדי צו מאַכן „געשיכטע" פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין וועלכער עס איז געווען איבער 60 פּראָצענט יידן. נישט וויניקער זענען יידן געווען פאַרטראָטן אין דער „פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי — „פּ.פּ.ר." און שפּעטער, אין דער „פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי" — פּ.ז.פּ.ר., אויף וועלכער די פּאָליאַקן האָבן געקוקט ווי אויף אַ בייז ווונדער און מיט גרעס־טער פאַראַכטונג.

אין יענער צייט האָבן זיך געפונען אין די פוילישע וועלדער קרוב פינף הונדערט גוט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געציילט צו פופציק, הונדערט און אַפילו גאַנצע קאָמפּאַניעס און באַטאַליאָנען, וועמענס ציל עס איז געווען אַראָפּצוואַרפן דעם קאָמוניסטישן רעזשים. די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער, וועמען די אָפיציעלע מלוכה־קרייזן האָבן גערופן „באַנדעס" און באַנדיטן, האָבן גענאָסן פון דער סימפּאַטיע פון גרעסטן טייל פון דער פוילישער אינטעליגענץ און פון דעם פאָלק בכלל.

דעריבער האָט מען דעמאָלט געדאַרפט די יידן, ווייל מען איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן נישט גיין צו די באַנדעס אין די וועלדער, ווי דאָס האָבן געטאָן אמתע פּאָליאַקן. הונדערטער פון זיי האָבן דעזערטירט פונעם מיליטער, און אַפילו גאַנצע קאָמפּאַניעס פון פוילישן מיליטער זענען אַריבער צו די אַזוי־גערופענע „וואַלד־מענטשן".

עס איז אויך באַקאַנט אַ פאַל, אַז אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פון די אינערלעכע באַוואָפנטע כוחות, פון זיכערהייטס־דינסט, האָט אַרויסמאַרשירט פון לאָדזש כלו־מרשט אויף איבונגען און זיך אָנגעשלאָסן צו די „וואַלד־מענטשן". יידישע אָפיצירן

פון אַט דער קאַמפּאַניע זענען אָבער דורך די „וואַלד־מענטשן" תיכף דערשאָסן געוואָרן.

יאָ. דעמאָלט האָט מען געדאַרפט יידן. מען האָט זיי געהייסן בייטן די נעמען און מיט זיי באַזעצט מלוכה־פּאָסטנס, פון קלענסטן אָנפירער און פאַכמאַן, ביז צום מיניסטער.

אַלס שילד האָבן די רוסן אַרויסגעשטעלט אַ פּאָליאַק, אָבער אין דער אמתן האָבן מיט דער פּוילישער מלוכה אָנגעפירט די דריי יידן: ראָמאַן זאַמבראָווסקי, יאַקוב בערמאַן און הילאַרי מינץ.

מאָסקווע האָט געוואָלט שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס: ערשטנס — מיט דער הילף פון יידן זיך פאַרזיכערן איר מאַכט אויף דער פּוילישער ערד, צווייטנס — ווען מען וועט דאַרפן — וועט זיין אויף וועמען צו וואַרפן די שולד און זיי שיקן לעזאזל.

דער ציניזם פון קרעמל איז געגאַנגען נאָך ווייטער מיט דער פאַראָרדענונג אויסצופירן די לעניניסטישע טעאָריע — אַז יעדעס פאָלק און נאַציאָנאַלע מינדערהייט זאָל זיך אויסלעבן אין זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך און קולטור.

די קולטור־טוער, וועלכע זענען געווען שוין פון אָנהייב פאַראורטיילט צום טויט, צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור אין פּוילן. האָבן גענומען ערנסט די שיינע סאָציאַליסטישע לאָזונגען פון סטאַלינס טריפהנעם מויל. מען איז צוגעטראָטן בויען אַ צענטער פון יידישער קולטור. גלייכצייטיק איז דאָס אויך געווען אַ קאַמף מיט היטלערס צוואה, אַז „פּוילן דאַרף בלייבן יודען־ריין".

דאָס הייפּעלע יידן, וואָס האָט אַרומגענומען אין גאַנצן לאַנד קוים 30 טויזנט נפשות האָבן געשאַפן: 26 אָפּטיילונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין אַלע גרעסערע שטעט פון לאַנד; מיט שיינע יידישע ביבליאָטעקן, 22 קלובן פאַר יוגנטלעכע, וועמענס ציל ס'איז צו באַקענען די יוגנט מיט דער יידישער ליטע־ראַטור, וועקן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און דערמיט אויך אָפּציִען פון אַסימילאַציע. מען האָט אויסגעבויט אַ יידיש טעאַטער אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ, דאָס איינציקע אין גאַנצן סאָציאַליסטישן לאַגער. געשאַפן אַ יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, 6 יידישע גרונט־שולן, 19 לייענער־קרייזן, אין וועלכע מען האָט באַקענט די יִידישע פאָלקס־מענטשן מיט די שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער, און ווערק פון יידישע שרייבער, עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן יידישע כאָרן, אַמאַטאָרן־קרייזן. מען האָט אַרויסגעגעבן די טאָג־צייטונג „פאָלקס־שטימע" און אַ פּוילישע אויסגאַבע פאַר יידן, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען יידיש. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל „יידישע שריפטן" און אַ יידי־שער פאַרלאַג „יידיש בוך".

דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד האָט אויך אָרגאַניזירט 16 יידישע קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט איבער 2000 יידישע מענטשן. עלטערע, אויסגעמאַטערטע פון די איבערלעבונגען אין דער אָקופּאַציע־צייט, וואָס האָבן נישט געקענט באַקומען קיין געהעריקע אַרבעט אין אַנדערע ערטער.

דער פאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט קורסן אונטער דער אָנפירונג פון „אָרט", ווו יידן האָבן געלערנט פאַרשידענע באַרופן און באַקומען דיפּלאָמען.

דאָס הייפעלע יידן האָט געפירט אַ גרויסע פאַרצווייגטע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון יידיש לעבן.

די דאָזיקע גראַנדיעזע קולטור־אַרבעט פון די יידן אין פוילן איז אָבער געווען שוין אַ ביסל צו פיל אין די אויגן פון די סאָוויעטן. איבערהויפּט, ווען דער מיניס־טער פאַר קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, פורצעוואַ, און דער אויסערן־מיניסטער אַנדריי גראָמיקאָ האָבן אַ סך מאָל זיך אָנגעטראָפן אויף פאַרשידענע טענות אין אויסלאַנד מצד יידישע פאַרשטייער, הלמאי אין דעם קליינעם פוילן גייט אָן אַזאַ גרויסע יידישע קולטורעלע אַרבעט, אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד לעבן איבער 4 מיליאָן יידן, וועמען עס איז פאַרבאָטן צו פירן אַן ענלעכע אַרבעט און האָבן אַפילו נישט קיין יידישע צייטונג.

די טעטיקייט פון יידן אין פוילן איז געוואָרן אַן אמתער דאָרן אין די אויגן פון מאָסקווע און מען האָט גענומען זוכן אַ געלעגנהייט ווי אַזוי דעם „דאָרן" אין פוילן צו באַזייטיקן. אַזאַ געלעגנהייט האָט מען געפונען בעת דער „זעקס־טאָגיקער מלחמה"...

גאָמולקאַ האָט באַקומען אַ באַפעל אָנצוהייבן דעם אָנגריף און שוין דעם 19טן יוני 1967 קלינגען די הילכערס פון פוילישן ראַדיאָ מיט זיין רעפעראַט וועגן דער „יידישער 5טער קאָלאָנע" און דעם 19טן מערץ 1968 דערוויסן מיר זיך אַז דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון יידן אין פוילן איז אַ נעסט פון דיווערסיע און די קולטור־אַרבעט איז ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועגן וועלכער די „לעמע־לעך" נעבעך פון אינערן־מיניסטעריום האָבן עטלעכע און צוואַנציק יאָר גאָרנישט געוווּסט.

איצט איז געקומען אויפן פייער דער פאַרלאַג „יידיש בוך" און אין דער ערשטער ריי די דריי בענדער פון מיין אַרבעט „יידישע פאַרטיזאַנער". וועלכע זענען שוין לאַנג געלעגן אין דער צענזור און מען האָט געזוכט אַן אויסרייד פאַרוואָס מען לאָזט זיי נישט אַרויסגעבן.

פאַרוואָס האָט מען נישט דערלויבט אַרויסצוגעבן אין פוילן מיינע 3 בענדער „יידישע פאַרטיזאַנער"*

דעם 23סטן נאָוועמבער 1964 האָב איך איבערגעשיקט אין פאַרלאַג "יידיש בוך" די פאַרטיקע שוין 3 בענדער „יידישע פאַרטיזאַנער", מיט 75 בילדער און דאָקומענטן.

דעם 26סטן דעצעמבער 1966 איז געוואָרן אונטערגעשריבן דער אָפיציעלער אָפּמאַך, כדי מ'זאָל קענען איבערשיקן די אַמטעריאַלן צו דער צענזור.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען דער פּרעזעס פון דער פוילישער צענזור, יוזעף סיעמעק, האָט מיר גלייך ביים אָנהייב געשטעלט אַ פראַגע — צי האָט איר אַ דערלויבעניש פון די פאַרטיזאַנער צו שרייבן וועגן זיי?

און ווען מיין ענטפער איז געווען, אַז די אַרבעט איז געבויט אויפן סמך פון אַן אינטערוויו מיט יעדן איינציקן פון זיי באַזונדער — האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו דעם קאַפּיטל וועגן זשעלעכאָווער ייד, וועלכן אַ פוילישער פויער האָט אויסבאַהאַלטן און ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעפּרעסט פון אים דאָס געלט, געוואָלט איבערגעבן צו די פאַרטיזאַנער פון ען.עס.זעט. זיי זאָלן אים דערהרגענען.

די פראַגע פון „יידישע פאַרטיזאַנער" האָב איך שפּעטער צוויי מאָל אָנגעקגע־שטעלט אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו פון דער פאַרטיי פון פוילישן ליטעראַטן־פאַראיין. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ דעלעגאַציע, מיטן צווייטן פאַרטיי־סעקרע־טאַר בראָש, צו דעם לייטער פון קולטור־אָפּטיילונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי ווינצענטי קראַשקאָ (היינט מיניסטער פאַר קולטור).

ווען מען האָט באַפוילן מיר אויסצוצאָלן דעם גאַנצן האָנאָראַר, האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז די „יידישע פאַרטיזאַנער" וועלן אין פוילן שוין נישט דערשיינען.

אפשר מיינט איר אַז איך האָב דאָרט עפּעס עגשריבן קעגן מאָסקווע, אָדער עפּעס אַ קאָנטררעוואָלוציע — חס־וחלילה. נאָר וואָס דען? דער ענטפער איז אַ קלאָרער. מען איז צוגעטראָטן צו ליקווידירן די גאַנצע יידישע קולטור און איבער־הויפּט האָבן די אָנפירער פון דער פוילישער קולטור ניט געקענט באַגיין אַזאַ

---

*„אילוסטרירטע וועלטוואָך", אויגוסט 1974.

„פאַרברעכן" ווי צו וויזן דעם פוילישן פאָלק און גלייכצייטיק דער וועלט, אַז:

1) דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג „זאַ וואָלנאָשטש אויטשיזני" (פאַר דער באַפרייאונג פון פאָטערלאַנד), דער פוילישער פּולקאָווניק זיגפריד סקוטעלי, איז אַ ייד און הייסט — יצחק גוטמאַן.

2) דער אָנפירער פון דער בריגאַדע „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" (נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן), וואָס האָט געראַטעוועט אין די הונדערטער פּוילישע משפחות פון די מערדערישע הענט פון די פאַשיסטישע באַנדעס פון „בולאַ" און „באַנדעראַ" — דער פוילישער פּולקאָווניק ראָבערט סאַטאַנאָווסקי — איז גאָר אַ לאָדזשער יידישער בחור.

3) די פאַראַשוטיסטין יאַדוויגאַ לודווינסקאַ, פּסעוודאָנים „העלענאַ", וועלכע איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אויפן באַפעל פון מאָסקווע אויף דער פּוילישער ערד און האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון קראָקעווער און ריישער וואָיעוואָדשאַפטן, איז גאָר אַ יידישע טאָכטער פון שאַגיעץ, ניט ווייט פון פינטשעווו און הייסט סאַבינע גאָלדשלאַק.

4) דער פּולקאָווניק העניק טאַרונטשיק — דער אָנפירער פון „שטורעם באַטאַליאָן" איז אַ יידישער בחור פון וולאָצלאַוועק.

5) די „קליינע זאָשיע" פון וואַרשע, וועלכע האָט איר אמתן נאָמען מיטגע־נומען מיט זיך אין קבר, און נאָך צוויי יידישע יאַטן, וועמענס נעמען איך בין נישט געווען מסוגל פעסטצושטעלן — האָבן געדעקט דעם ריקצוג פון מאָטשאַרס פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין די געלנער וועלדער און באַצאָלט מיט זייער יונג לעבן.

6) דער אָנפירער פון די אויסשפּירער פון די פּאַרטיזאַנער אין די בראַנסקער וועלדער, פּולקאָווניק יוזעף טשאַפּליצקי, איז גאָר דער ייד קורץ.

7) דער מאַיאָר אַלעקסאַנדער סקאָטניצקי, פּסעוודאָנים „זעמסטאַ" — דער אָנפירער פון באַטאַליאָן „האַלאַד" ביי מאָטשאַרן, איז אַ לעמבערגער ייד.

8) דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון דער ספּעציעלער פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג „גוטראַ" — יוליאַן קאָניעווסקי, איז דער ייד אייזנמאַן.

9) דער אָנפירער פון דער פערטער קאָמפּאַניע ביי מאָטשאַרס פּאַרטיזאַנער, דער קאַפּיטאַן דאָמבראָווסקי, הייסט כיל גרינשפּאַן.

10) דער שעף פון מאָטשאַרס שטאַב, דער פּולקאָווניק קאָרנעצקי איז אַ זון פון אַן אָרעמען יידישן שוסטער.

11) דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון „עמיליע פּלאַטער", איז דער ייד שמואל יעגער.

12) דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג א. נ. קאָזיעטולסקי, איז דער ייד מיעטעק גרובער.

13) דער רעדאַקטאָר פון דער אונטערערדישער פּרעסע פון די פּאַרטיזאַנער ביי מאָטשאַרן, איז דער יידישער דיכטער סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ, פּסעוודאָנים „לוקאַש".

14) איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיי־אָפּטיילונג „קעלצער ערד", דער פּולקאָווניק איגנאַצי נאַרבוט, פּסעוודאָנים „סלאַוועק", איז דער ייד ראָזענפּאַרב.

15) דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג „פּאַרויס" — וויס־קאָווסקאָ — איז אַ יידישע טאָכטער.

16) דער אָנפירער פון דער ספּעץ־גרופּע פון א. ל. (אַרמיאַ לודאָוואַ) אין לובלינער קרייז, גוסטאַוו אַלעף־באַלקאָוויאַק, איז אַ ייד.

17) דערפּאַראַשוטיסט, פּולקאָווניק יוליאַן קאַנאַר, וועלכער איז איבערגע־וואָרפן געוואָרן פון „שטורעם־באַטאַליאָן" אין די קאָזלעוויעצקער וועלדער צו אויסשולן פּאַרטיזאַנער, איז דער יידישער בחור — קאָן.

18) דער פּוילישער גענעראַל עדווין ראָזלובירסקי, פּסעוודאָנים „גוסטאַוו", דער העלדישער פּאַרטיזאַן פון די לובלינער וועלדער, וועלכער נעמט אָנטייל אין וואַרשעווער אויפשטאַנד פון אַ. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) דעם 1טן אויגוסט 1944, אַלס פּאַרטרעטער פון אָנפירער פון באַטאַליאָן „טשוואַרטאַצי"; נאָכן פאַלן פון דער אַלט־שטאָט, רייסט ער זיך אַריין מיט זיינע זעלנער אין מיטן שטאָט און קעמפט דאָרט ביז דעם לעצטן מאָמענט פון אויפשטאַנד — איז אַ יידישער בחור פון וואַרשע.

19) דער אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג א.נ. „באַרטאָש־גלאָוואַצקי", צו וועלכער ס'האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אַ גרופּע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, אַנטלאָפענע פון דעם לאַגער „אויפן הייליקן קרייץ" — איז דער ייד כיל בראַווערמאַן, פּסעוודאָנים „באַץ".

20) די העלדישע פּאַראַשוטיסטין פון „שטורעם־באַטאַליאָן", קאַפּיטאַן לוצינע הערץ — איז אַ יידיש מיידל פון אָטוואָצק, ביי וואַרשע.

21) דער פּאַראַשוטיסט, פּולקאָווניק מיכאל דזשעוויעצקי — איז גאָר דער יידישער בחור פון קראָקע — האַלצער.

22) דער דאָקטאָר פון דער פּאַרטיזאַנישער רייטער־אָפּטיילונג „ערשטע וויס־רוסישע קאַוואַלעריסטישע דיוויזיע — ד"ר יעזשי האַרעצקי — איז דער ייד ישראל האָכמאַן.

23) די פּאַראַשוטיסטין פון „שטורעם־באַטאַליאָן" מאַיאָר יאַנינאַ זשורעק־דודאָווא, פּסעוודאָנים „יאַנאַ" — איז אַ יידיש מיידל פון לובלין און הייסט בלומע פּערעלמוט.

24) דער העלדישער פּאַרטיזאַן־קאָמאַנדיר, דער פּאַראַשוטיסט, מאַיאָר יאַשאַ מיקאַנאָווסקי, וועלכער האָט דעם 21סטן יאַנואַר 1943 אַרויסגעפירט קרוב צוויי הונדערט (200) יידן פון דעם לאַגער אין נאָווי שוויערזשען — איז אַ ייד און הייסט יעקב בן־שלמה.

מיין אינטערוויו מיט דעם מאַיאָר יעקב מיקאַנאָווסקי האָב איך דורכגעפירט שוין דעמאָלט, ווען ער איז געלעגן אויפן טויטן בעט.

— גוט מאַרקאָ, וואָס דו ביסט געקומען — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָ־כענער שטימע — ווער ווייסט אויב איך וועל דאָס בוך בכלל נאָך זען מיט מיינע אויגן. איך וויל אָבער זאָלסט פאַרשרייבן מיינע ווערטער... אַ סך ווייסן נישט ווער איך בין און ווער ס׳האָט זיי אַרויסגעפירט פון דעם לאַגער אין נאָווי שוויערזשען — זאָלסט זיי זאָגן, אַז יאַשאַ מיקאַנאָווסקי איז אַ ייד און הייסט יעקב בן־שלמה.

דעם 4טן יוני 1963 אין וואַרשע, האָט דער געוועזענער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנ־דיר מאַיאָר יעקב מיקאַנאָווסקי, דער שרעקלאָזער קעמפער, אין דער שטיל אויס־געצאָנקט ווי אַ ליכט...

דערמיט, גלויב איך, דאָס כ׳האָב אויסגעפירט זיין פאַרלאַנג.

כבוד זיין אָנדענק!

25) דער שטאָב־מיטגליד פון אַ. ל. („אַרמיאַ לודאָוואַ") פאָלקס־אַרמיי, מאַיאָר אַנאַסטאַזי מאַטיוויעצקי („חאַראַק") און נאָך אַנדערע מיטגלידער פון שטאַב פון

26) דער שטאַב־מיטגלידער פון אַ. ל. (פאָלקס־אַרמיי) און שעף פון דעם אויפ־שטאַנד־שטאַב, מאַיאָר עדוואַרד לאַנאָטאַ, איז דער ייד לאַנטנער.

דעם 26טן אויגוסט 1944 איז דער מאַיאָר עדוואַרד לאַנטנער און דער מאַיאָר אַנאַסטאַזי מאַטיוויעצקי („חאַראַק") און נאָך אַנדערע מיטגלידער פון שטאַב פון אַ. ל. אויף פרעטאַ־גאַס נומער 16, אין דער אַלטשטאַט, אומגעקומען, בעת אַ זיצונג אונטער די חורבות פון דעם הויז, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ שווערער באָמבע בעת אַן אַנגריף פון דער היטלעריסטישער אַוויאַציע.

27) דער מאַיאָר סטעפאַן קאָמערסקי, וועלכער האָט באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען פאַר זיין פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט, איז אַ לעמבערגער בחור און הייסט — אָסקאַר קאָנטעס.

28) דער שעף פון דער אָכראַנע פון שטאַב פון באַטאַליאָן „האָלאַנד", קאַפּיטאַן יאַן ראַק, פּסעוודאָנים „זשביק" איז אַ יידישער בחור פון אונטער דעמבלין.

29) דער פּאַראַשוטיסט, פּולקאָווניק יאַשאַ וואָלקאָוו, וועלכער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון „שטורעם־באַטאַליאָן" אין די לובלינער וועלדער, צום גענעראַל גזשעגאָזש קאָרטשינסקי, איז אַ יידישער בחור פון אונטער לוצק.

30) איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון מעדיצינישער הילף אין די פּאַרטיזאַנישע רייען פון דער פאָלקס־אַרמיי און ספּעציאַליסט צו שולן סאַניטאַר־גרופּן, פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו שיערפּינסקי, פּסעוודאָנים „פּעלעק", איז דער האַרציקער ייד — מאַרגוליס.

ווי קען מען דערציילן דעם פּוילישן פאָלק, דאָס דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער „פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.), דער אָנפירער פון צענטראַל־קאָמיטעט, ווע מען ס'איז אונטערליגן די פאָלקס־אַרמיי (אַ. ל.) — פּאַוועל פינדער — איז אַ ייד, דערצו נאָך אַ געוועזענער ציוניסט פון השומר הצעיר.

ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז צו יעדן פון זיי האָב איך צוגעגעבן אַ בילד ווי אויך אַ דאָקומענט.

די ליסטע וואָלט איך דאָ געקענט נאָך לאַנג ציען, ווייל בלויז דער ערשטער באַנד פון מיין בוך „יידישע פּאַרטיזאַנער" נעמט אַרום קרוב צוויי הונדערט און פופציק (250) נעמען פון יידישע העלדן־פּאַרטיזאַנער — אַזאַ „בושה" דעם פּוילישן פאָלק, האָבן די פּוילישע קולטור־טרעגער נישט געקענט אָנטאָן.

די שרייבער ביים „אוהל פרץ"
פון רעכטס: ציבולסקי, אליהו רייזמאַן, שלמה בעליס, מענדל טעמפל, פּאָלאַנקער, ראָטבאַום, דוד ספּאַרד, הערש סמאָליאַר און דער מחבר

צום אָנדענק פון דער „ישיבת חכמי לובלין״ צו איר 55סטן יאָרטאָג

אַ מערקווירדיקע פייערונג אין לובלין*

דער אַלטער לובלינער תושב, דער פאַרדינסטפולער ד״ר שמחה ווייס, וועלכער וווינט היינט אין וואַרשע און פאַרנעמט דעם אַמט פון מיטרעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „ארכיוון פון דער געשיכטע פון מעדיצין״, איז געקומען מיט דער שיינער איניציאַטיוו פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער „ישיבת חכמי לובלין״ צו איר 55סטן יאָרטאָג דורך איינמוערן אין דער געביידע, אין וועלכער עס געפינט זיך היינט די אָרטיקע מעדיצינישע אַקאַדעמיע אַן אָנדענק־טאָוול.

נישט לאַנג געטראַכט איז ד״ר ווייס אַראָפּגעפאָרן אין זיין געבוירנשטאָט, אַוועק צום רעקטאָר פון דער פוילישער הויכשול, דערנאָך צום שטאָט־פּרעזידענט, צום וואָיעוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און אויפגעקלערט די באַדייטונג פון אַט דעם וויכטיקן אַקט. אָבער דאָס דעצידירנדיקע וואָרט האָבן געהאַט די שטאָט־באַלעבאַטים, וועלכע קענען די רומרייכע געשיכטע פונעם יידישן ישוב אין לובלין, די שטאָט פון יידישע גדולים און גאונים, די שטאָט פון לערע, איז אַן אַלט־יידישע שטאָט.

נאָך אַ ברייטן מיינונגס־אויסטויש איז געקומען די הסכמה צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער תלמודיסטישער הויכשול.

דעם 24טן יוני 1985 יאָר איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון אַנטהילן דעם אָנדענק־טאָוול. צו דער פייערונג זענען געקומען דער שטאָט־פּרעזידענט מג״ר פעליקס דאָבזשינסקי, דער רעקטאָר פון דער מעדיצין־אַקאַדעמיע פּראָפ. ד״ר זדזשיסלאַוו קליינראָק, דער פאָרזיצער פון דעם וואָיעוואָדישן אָפּטייל פון דער פוילישער געזעלשאַפט פון דער געשיכטע פון מעדיצין און פאַרמאַציע ד״ר לודוויק קאָוויעסקי, דער לייטער פון דעם מיקראָביאָלאָגישן אָפּטייל פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין לובלין פּראָפ. ד״ר זיגמונט הענטער, דער פאָרטרעטער פונעם רעקטאָר פונעם קאַטוילישן אוניווערסיטעט פּראָפ. ד״ר סטאַניסלאַוו ליפּאַק, דער איניציאַטאָר ד״ר שמחה ווייס און זיין פרוי.

---

* „פאָלקס־שטימע״, 13.7.1985.

עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, פּראָפ. עלזשביעטאַ האָרן פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, ד״ר זיגמונט האָפמאַן און ז. טאַרגעלסקי פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט און דער געזעל־שאַפטליכער טוער דוד באַגוכוואַל.

אין דער פייערלעכקייט האָט זיך אויך באַטייליקט אַ גרופּע רבנים פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, שווייצאַריע און ישראל, וועלכע זענען געפאָרן אויף קבר־אָבות קיין מאַידאַנעק.

עס זענען אויך אַנוועזנד געווען פאַרשטייער פון דער לובלינער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ווי אויך אַ גרופּע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער פון דער מעדיצין־אַקאַדעמיע.

12 אַ זייגער פאַרמיטאָג האָבן זיך בײַ דער געבײַדע פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע, אויף לובאַרטאָווסקע־גאַס, אין וועלכער עס האָט זיך מיט 55 יאָר צוריק געפונען די „ישיבת חכמי לובלין״. חוץ די אָפיציעלע פאַרשטייער האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג, אַ היפּשע צאָל פוילישע איינ־וווינער, דאָקטוירים, לעקטאָרן און סטודענטן.

בײַ אַ פייערלעכער שטימונג האָט געעפנט די צערעמאָניע דער פאָרזיצער פון דער לובלינער אָפּטיילונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פוילן משה אַדלער, וועלכער האָט באַגריסט אין האַרציקע ווערטער די פאַר־זאַמלטע. דערבײַ האָט ער געזאָגט, אַז אין דער דאָזיקער געבײַדע איז אויסגע־האַנגען געוואָרן דער לוח מיט די צען געבאָטן, פון וועלכע איין געבאָט האָט גע־רופן „זאָלסט נישט הרגענען!״. אָבער דער דײַטשער אָקופּאַנט האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט. ער האָט נישט בלויז געלערנט די שילער נישט צו מאָרדן, נאָר ער האָט אַליין אויסגעקוילעט אַלע ייִדן.

היינט געפינען זיך אויפן מערב אַזעלכע, וועלכע שטרעבן נישט נאָר צום פאַרגעסן די דאָזיקע טראַגעדיע, נאָר אויך זי אויסצומעקן פון דער געשיכטע.

דערנאָך האָט דער שטאַט־פּרעזידענט פעליקס דאַבזשינסקי אַנטהילט דעם אַנדענק־טאָוול, אויף וועלכן עס געפינט זיך אין דריי שפּראַכן: פויליש, ייִדיש און העברעיִש דער אויפשריפט: „אין דעם דאָזיקן בנין האָט זיך אין די יאָרן 1930—1939 געפונען די „ישיבת חכמי לובלין״.

מיט אַ גרעסער רעדע דורכגעפלאָכטן מיט פיל עמאָציאָנעלע מאָמענטן, איז אַרויסגעטרעטן דער פונדאַטאָר פון דענקמאָל־טאָוול, דער חשובער ד״ר שמחה ווייס, וועלכער האָט צוו. אנד. געזאָגט:

...דאָס אַנטהילן דעם דאָזיקן אַנדענק־טאָוול איז אַן אַקט פון פאַראייניקן און אָנגעבן אַ היסטאָרישן ראַנג דעם געוו. „ייִדישן ראַבינער־אַנשטאַלט״ א״נ „ישיבת



די דעלעגאַציע פון אַ גרופּע רבנים פון אַמעריקע, שווייץ
און ישראל צו דער אַנטהילונג פון דעם אָנדענק־טאָוול
פון די „ישיבת חכמי לובלין"

חכמי לובלין", וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן בנין ביזן סעפּטעמבער 1939 יאָר.

דער דאָזיקער אַקט דאַרף דערמאָנען די אידעע פון גרינדן דעם דאָזיקן אַנשטאַלט, ווי אויך די מענטשן, וועלכע האָבן אים געשאַפן, געוווען דאָרט טעטיק, שטודירט, און וועלכע האָבן געטיילט דעם גורל פון די 6 מיליאָן ייִדן, דערמאָרדעטע דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

נישט צופעליק פאַלט אויס די דאָזיקע פייערלעכקייט אין טאָג פון 24טן יוני. דאָס איז אַ דערהויבענע דאַטע, ווייל טאָקע אין דעם טאָג איז מיט 55 יאָר צוריק געעפנט געוואָרן אין דער געביידע די דאָזיקע היכשול, וועלכע איז געוווען אַ צענטער פאַר תלמוד־לערע פון די אָרטאָדאָקסישע ייִדן און די דאָזיקע טראַדיציע ציט זיך נאָך פון 16טן יאָרהונדערט. און נישט צופעליק איז לובלין געוואָרן דאָס אָרט פאַר עפענען די ישיבה. דאָ איז שוין אין 1518 יאָר געשאַפן געוואָרן דער ערשטער לערן־אַנשטאַלט פון דעם מין.

די געטריבענע און פאַרטריבענע ייִדן פון די לענדער אין מערב־אייראָפּע אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט האָבן געפונען אַ שוץ־אָרט אין דעמאָלטיקן פוילן.

וועגן דער פּאָזיטיווער באַציִונג צו די לובלינער ייִדן אין דער צייט זאָגן עדות די פּריווילעגיעס פון די פּוילישע קעניגן זיגמונט אויגוסט און סטעפאַן באַטאָרי. אין 1550 יאָר האָט זיגמונט אויגוסט דערלויבט צו שאַפן אין לובלין אַ דרוקעריי און בוכהאַנדלונג צו פאַרקויפן ביכער און סידורים אין פוילן, דאָס האָט אויך באַגיטיקט דער קעניג סטאַפאַן באַטאָרי אין 1576 יאָר. די באַקאַנטע פּריווילעגיעס פון קעניג זיגמונט אויגוסט פון 1567 יאָר דערלויבט די ייִדן אין לובלין צו בויען דעם תלמוד־אַנשטאַלט, די ישיבה א"ב „גימנאַזיע", אַנגעפירט דורך דעם ראש־הישיבה „רעקטאָר". אין דער ערשטער העלפט פון 16טן י"ה איז רעקטאָר פון דער לובלינער ישיבה געוווען דער הרב שלמה שכנא, וועמען די היסטאָריקער באַצייכענען אַלס „פאָטער פון דער רבנישער וויסנשאַפט". אין דער דאָזיקער ישיבה האָבן צוו"אנד. שטודירט איינער פון די גרעסטע תלמודיסטן, וועלכע פוילן האָט אַרויסגעגעבן משה איסערלעס — רב פון קראָקע, וועמען מען האָט גערופן רמ"א. במשך פון 20 יאָר איז ער געוווען רעקטאָר פון דער קראָקעווער ישיבה. צווישן די פיל זיינע ווערק דאַרף מען דערמאָנען די פּסוקים אינעם פּירוש צום „שולחן ערוך". איינער פון די פיל רעקטאָרן פון דער לובלינער ישיבה איז פון יאָר 1567 געוווען דער רב שלמה לוריא, דער מהרש"ל — מחבר פון עטלעכע ווערק און ליטורגישער פּאָעזיע.

חוץ די דערמאָנטע שוין באַקאַנטע לובלינער רבנים שכנא און מהרש"ל האָבן דאָ געלעבט און געוווען טעטיק דעם מהר"ם (רבי מאיר בן גדליה מלוב־

לין), יעקב יצחק הורוויץ (גורעוויטש) מיטשעפּער פון חסידיזם, וועלכן מען האָט גערופן „חוזה" פון לובלין, עזריאל הורוויץ „אייזערנער קאָפּ".

די פאַרשטייער פון די וועלטלעכע לערעס זענען געווען די באַרימטע דאָק־טוירים פון לובלין, ווי למשל: יצחק מאי, משה מאַנטאַלטאָ, מיכאל פעליקס וויטאַליס, א"אנד. מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם געלערנטן און שרייבער זאַלקינד הורוויץ, געבוירן אין לובלין אין 1740 יאָר, באַקאַנט אין דער פראַנ־צויזישער ליטעראַטור אַלס „ייד פון לובלין". זיין שאַפן איז פרעמירט געוואָרן דורך דער קעניגלעכער געזעלשאַפט פאַר וויסן און קונסט אין דער שטאָט מעטץ.

אין לובלין איז געווען טעטיק דער בוכהענדלער און היסטאָריקער שלמה ברוך ניסענבוים. אַ וויכטיקע ראָל האָט אָפּגעשפּילט אויך עמיל מאַירסאָן, באַרימטער פילאָזאָף — שעפער פון קאָוזאַליזם. זיין מוטער מאַלווינאַ איז גע־ווען אויטאָרין פון פיל נאָוועלן, פאַרעפנטלעכטע אין דער צייטשריפט „איז־ראַעליטאַ", ווי אויך פון די דערציילונגען „דוד" און פון דער „ענגער סביבה" וועלכע האָבן באַהאַנדלט די יידיש־פּוילישע באַציִונגען.

לובלין איז געווען די שטאָט, וווּ עס זענען געבויט געוואָרן איינע פון די ערשטע סינאַגאָגעס. צו זיי געהערן די סינאַגאָגעס פון מהרש"ל, מהר"ם, שאול וואָהל א"אַנד. לובלין איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון דעם „ועד ארבע ארצות" אין די יאָרן 1580—1764. אויפן סמך פון דער פּריווילעגיע, וואָס סטעפאַן באַטאָרי האָט געגעבן די יידן, איז אויפגעקומען דער מין „סיים", וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ יידישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן. נישט אומזיסט איז לובלין אָנגערופן געוואָרן דורך אייניקע יידישע געלער־נטע „דאָס פּוילישע ירושלים" און אפילו „עיר ואם בישראל".

די דאָזיקע גרויסע טראַדיציעס זענען פאַרן הרב מאיר שאַפּיראָ געווען אַן אינספּיראַציע ביים אויסוויילן די שטאָט פאַר גרינדן די „ישיבת חכמי לובלין" — דעם הויפּט־צענטער פון תלמודישן וויסן אין פּוילן.

אַזוי האָט דעם 24סטן יוני פון יאָר 1930, אין דער אַנוועזנהייט פון הונדערט טויזנט יידן פון פּוילן און פאַרשטייער כמעט פון דער גאַנצער וועלט, דער רב פון טשאָרטקאָוו ישראל פרידמאַן אויפגעהאַנגען אויף דער אַריינגאַנג־טיר פון דער ישיבה אַ מזוזה און דערנאָך געעפנט די טיר מיט אַ גאָלדענעם לשיסל. די פאַרזאַמלטע אויף דער דאָזיקער פייערלעכקייט פאַרשטייער פון דער מלוכה, פון געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, פאַרשטייער פון דער וויסנשאַפט־און קולטור־וועלט האָבן פאַרנומען ערטער אויפן באַלקאָן און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די רעדעס פון

רעקטאָר און סיים־דעפּוטאַט הרב מאיר שאַפּיראָ און פון די רבנים פון גער, ריישע, טשאַרטקאָוו א״אנ. שטעט.

אַלס איינער פון די וויניק־לעבנגעבליבענע אָנטיילנעמער פון יענער פייערלעכקייט דערמאָן איך היינט דעם דערהויבענעם מאָמענט פון דער וויכטיקער געשעעניש פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט מיט גרויס געריגרטקייט.

אין דער ווייטערדיקער טייל פון זיין רעדע שטעלט זיך ד״ר שמחה ווייס אָפּ אויף דער געשיכטע פון דעם תלמודיסטישן לערן־אַנשטאַלט.

...אין דעם גרויסן 5־שטאָקיקן בנין האָבן געלערנט העכער 200 סטודענטן פון פוילן און אויסלאַנד. אויף דער מיטן פון דער פאַסאַדע פון דער געביידע האָט זיך אַרויסגעזען אַ גאָלדענער אויפשריפט אויף פויליש און העברעיש: „ישיבת חכמי לובלין״. אויף דער זייטיקער פאַסאַדע די דאַטע פון לייגן דעם גרונט־שטיין ל״ג בעומר 5684 יאר — וואָס באַדייט 24 מאי 1924. און פון דער צווייטער זייט פאַסאַדע די דאַטע פון עפענען, 28 סיון 5690, וואָס באַדייט 24סטער יוני 1930.

אויפן הויכן פּאַרטער האָבן זיך געפונען לייענען־זאַלן פאַר די צוהערער. ביוראָען און אַ מאָדעל פון בית־המקדש פון ירושלים, וואָס איז צעשטערט גע־וואָרן אין 70סטן יאר פון אונדזער צייט־רעכענונג. דאָס איז געווען אַ געטרייע רעקאָנסטרוקציע פון דעם בית המקדש; אויסגעפירט פון ה. וויינטרויב.

אויפן ערשטן שטאָק האָט זיך געפונען דער לערן־זאַל, וואָס האָט אויך גע־דינט אַלס אַ שיל פאַר די העכער 200 צוהערער. אויף דער מזרח־וואַנט פון דער אולע האָט זיך געפונען דער ארון הקודש. אויפן זעלבן שטאָק האָט זיך געפונען דער קאָנפערענץ־זאַל און די ביבליאָטעק מיט אירע 30 טויזנט ביכער, דערונטער וואָלומענס, יקרי־המציאותן.

די איבעריקע עטאַזשן זענען באַשטימט געווען אַלס אינטערנאַט פאַר די סטודענטן. דער לערנן־אַנשטאַלט האָט געהאַט אַן אייגענעם הימן און פאָן.

די לערע האָט געדויערט 4 יאר. די ערשטע דיפּלאָמען האָט מען צוגעטיילט די אַבסאָלווענטן אין 1934 יאר. דעם דאָזיקן פרייידיקן מאָמענט האָט זיך נישט דערוואַרט דער גרינדער פון דער „ישיבת חכמי לובלין״, זיין ערשטער רעקטאָר מאיר שאַפּיראָ, וועלכער איז פלוצים געשטאָרבן דעם 27סטן אָקטאָבער 1933 יאר אין עלטער פון 46 יאר.

צום סוף פון דער אינטערעסאַנטער רעדע האָט ד״ר שמחה ווייס אין נאָמען פון דער קליינער צאָל לעבנגעבליבענע יידן, געוו. לובלינער תושבים, אויסגע־דריקט אַ האַרציקן דאַנק די שטאָט־באַלעבאַטים, רעפּרעזענטירט דורכן פּרעזי־

דענט פעליקס דאָבזשינסקי און סיים־דעפּוטאַט פּאַוועל דאַמבעק פאַר געבן זייער הסכם און הילף ביים איינמויערן דעם אָנדענק־טאָוול און פאַרן אָנטייל אין דער אַנטהילונג־פייערלעכקייט.

ער האָט אויך געדאַנקט די אַלע, וועלכע האָבן מיט זייער אָנוועזנהייט באַשיינט די אַלטע זכרונות און דעם היינטיקן טאָג. זאָל דער טאָוול — האָט געזאָגט ד״ר ווייס — זיין אַן עדות פון אָנדענקונג פאַרן טראַגישן גורל פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון דער שוידערלעכער פעלקערמערדערישער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, ווי אויך אַ סימבאָל פון יידישן לעבן און פון דער יידישע קולטור אויף דער פוילישער ערד.

מיט אַ רעדע איז אויך אַרויסגעטראָטן די פאַרשטייערין פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן פראָפ. עלזשביעטאַ האַרן, וועלכע האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פונעם גרויסן היסטאָרישן אַקט פון פאַראייביקן די „ישיבת חכמי לובלין״ און געדאַנקט דער שטאָטישער מאַכט פאַר איר באַטייליקונג אין דער פייערלעכקייט.

עס האָבן דאַן געלייגט בלומען דער שטאָט־פרעזידענט פון לובלין, די פאַרשטייער פון די יידישע דעלעגאַציעס און דער איניציאַטאָר ד״ר שמחה ווייס.

די רבנים־גרופּע האָט דאַן באַזוכט די געביידע, ווו עס האָט זיך אין צווישן־מלחמה־פעריאָד געפונען די באַרימטע תלמודיסטישע הויכשול. דער שטאָט־פּרעזידענט פעליקס דאָבזשינסקי האָט דורכגעפירט אַ פרייַנטלעכן געשפּרעך מיט די חשובע אויסלענדישע געסט.

שפּעטער זענען אַלע אַוועק צום דענקמאָל, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1963 יאָר פאַר די טראַגיש פאַרשניטענע יידן פון לובלין און אומגעגנט. דאָרט האָט דוד באַגוכוואַל געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ און די רבנים האָבן געזאָגט קדיש.

אויך ביים דענקמאָל זענען געלייגט געוואָרן קרענץ און בלומען. די פייערלעכקייטן האָבן אויף אַלעמען איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק.

רעלאַציעס וועגן די פייערונגען האָבן געגעבן דער לובלינער ראַדיאָ און פּרעסע.

אינהאַלט

15 אַ וואָרט פון אויטאָר
21 דער אָנטייל פון יידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה 1939—1945.
22 די ערשטע קאָנפערענץ
24 די קאָנפערענץ פון דעם יידישן וואַיעוואָדישן קאָמיטעט אין דזשערזשאָניוו
28 לאַנד־באַראַטונג פון די פאָרזיצערס פון די וואַיעוואָדישע יידישע קאָמיטעטן
31 דער אַפּעל צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט נאָך הילף
33 די רעפּאַטריאַציע פון די פוילישע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד
36 די ערשטע יידישע קאָנפערענץ אין נייעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן
39 די קינסטלערין אידאַ קאַמינסקאַ און מאיר מעלמאַן
41 ווענדונג צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט, קולטור־טוער, אינטעליגענץ
צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג
45 באַגריסונג
46 באַגריסונג
47 צו דער קאָנפערענץ פון יידישע קולטור־טוער אין נידערשלעזיע,
בריוו פון ווראַצלאַווער וואַיעוואָדע
48 די ערשטע יידישע שול אויף דער באַפרייטער פוילישער טעריטאָריע
50 ליטעראַרישער טורנע פון יידישע דיכטער און שרייבער
53 די טעטיקייט אויפן געביט פון קינדער־שוץ
55 דאָס יידישע שול־וועזן
56 די יוגנט
58 די הילפס־אַרבעט און דאָס געזונטהייטס־וועזן
60 די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט
62 די טעטיקייט אויפן געביט פון באַשעפטיקונג און איבערשיכטונג פון
דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע
65 יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט
66 דער אינספּעקטאָראַט אין נידערשלעזיע
67 צוויי־יאָריקן לעבן פון דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע
69 דער וואַיעוואָדישער יידישער וואַל־קאָמיטעט
71 דאָס צענטראַלע יידישע קולטור־הויז אין ווראַצלאַוו אויפן נאָמען פון
דער א״ג „מאַמע פון יידישן טעאַטער" אסתר רחל קאַמינסקאַ
74 די אָפּטיילונג פאַר לאַנדסמאַנשאַפטן ביים יידישן וואַיעוואָדישן קאָמיטעט
81 די ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישע קולטור־טוער אין נידערשלעזיע
84 די געשיכטע פון „אָרט" אין יידישן לעבן

87 דער דזשאַינט און „אָרט"־טעטיקייט אין נידערשלעזיע
90 די קולטור און דערציערישע טעטיקייט אין נידערשלעזיע
93 יידישע קולטור־טעטיקייט אין לאָדזש
94 קלוב אויפֿן נאָמען פֿון מרדכי געבירטיג אין קראָקע
95 יידישע אינסטיטוציעס אין לובלין
96 דריי הונדערט רעפּאַטריאַנטן איינגעאָרדנט אין טאַרנע
97 כאַינאָוו איז פֿעיק אויפֿצונעמען צוויי טויזנט ניי־געקומענע
98 יידן אין פּרידלאַנד
99 דער יונגער יידישער ישוב אין שטשעטשין
100 דאָס יידישע קינדערהיים אין אָטוואָצק
101 דאָס יידישע אָפּרו־הויז אין שרודבאָרוו.
104 בלויז במשך פֿון צוויי יאָר צייט
108 פּנקס פּוילן
113 דער רינגעלבלום־אַרכיוו
115 דער קעלצער פּאָגראָם
124 יידישע פּאָליציאַנטן און געשטאַפּאָ־אַגענטן ווערן געמשפּט
125 פֿאָלקס־משפּט איבער שעפּסל ראָטהאָלץ
128 לודוויג פֿישער אויף דער תליה
130 דאָס נייע לעבן
137 געשאַפֿן אַ „קליינע ביבליאָטעק" ביים פֿאַרלאַג „דאָס נייע לעבן"
141 „פֿאָלקס־שטימע"
147 „נאָש גלאָס"
149 דער פֿאַרלאַג „יידיש־בוך"
153 יידישע שריפֿטן
178 פּוילישע שרייבער וועגן יידן
184 די פּוילישע פּרעסע וועגן דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע,
אַ נייע וואָכנצייטונג אין נידערשלעזיע
185 „יידן ביי דער אַרבעט אין נידערשלעזיע"
186 „יידן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט"
187 „די יידישע קאָאָפּעראַציע אין נידערשלעזיע"
188 אַן אויסשטעלונג פֿון דער יידישער קאָאָפּעראַציע אין וראָצלאַוו
191 ביים אָפּריייניקן די חורבות אין וראָצלאַוו
192 דערעפֿענונג פֿון יידישן טעאַטער אין וראָצלאַוו
195 יידישע שרייבער, וועלכע זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן פֿון סטאַלינס האַק
235 דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אונטער דער לייטונג
פֿון פּראָפֿ. ב. מאַרק
239 די יידישע קאָאָפּעראַטיוון ביים קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד
241 סטאַטיסטישער באַריכט פֿון פֿאָרזיצער פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן
פֿאַרבאַנד פֿון די יידן אין פּוילן
242 יידישע פֿאָלקס־קלובן — פֿאָרזיצער און אַקטיוויסטן

243 חברים פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן
פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן
244 דאָס יידישע טעאַטער
246 דאָס יידישע „מלוכה־טעאַטער"
248 נאַזשיקס שיל
249 סטאַטוט
250 די יידישע שרייבער פון נאָכמלחמהדיקן פוילן האָט געדראָט די זעלבע
סכנה וואָס זייערע חברים אין ראַטנפאַרבאַנד
254 פאַרוואָס האָט מען נישט דערלויבט אַרויסצוגעבן אין פוילן מיינע
3 בענדער „יידישע פאַרטיזאַנער"
260 צום אָנדענק פון דער "ישיבת חכמי לובלין" צו איר 55סטן יאָרטאָג

רשימה פון דאָקומענטן און בילדער

דער מחבר פאַרלאָזט דאָס קלויז 72
דער מחבר מיט דעם דיכטער ישראל אַשענדאָרף 78
דער מחבר מיט דער דיכטערין דאָראַ טייטלבוים אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין 80
יידישע שרייבער אין שרודבאָרוו 109
אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פוילן, דער מחבר מיטן דיכטער סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ 111
אַ דעלעגאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד ביי די זכרון שטיינער אין טרעבלינקע 116
אַ דעלעגאַציע פון קולטור־פאַרבאַנד אין אָשוויענצים 118
די מצבה פון דעם אָנדענק פון זעכציק טויזנט יידישע ברידער אין ביאַליסטאָקער געטאָ 121
די לעגיטימאַציע פון מחבר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן 131
דער דירעקטאָר פון פאַרלאַג, לייב דאָמב, מיט דעם אַמבאַסאַדאָר פון וויעטנאַם און דער מחבר 138
די פריווילִיקע בריגאַדע ביים אָפּרייניקן דעם יידישן בית־הקברות אין וואַרשע 142
די יוגנט פון קולטור־פאַרבאַנד אויף אַ פלי־קורס פון פאַראַשוטיסטן אין ריישער אַעראָקלוב 144
אַ דעלעגאַציע פון קולטור־פאַרבאַנד ביים מאָנומענט פון יידישע אָנפירער פון די געטאָ־העלדן 146
אַ דעלעגאַציע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פוילן ביים מאָנומענט פון די געטאָ־העלדן 148
אַ דעלעגאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד ביים מאָנומענט פון די געטאָ־העלדן 155
צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן צו דער 5־טער לאַנד־קאָנפערענץ דעם 6.3.1966 160
צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן צו דער 5־טער לאַנד־קאָנפערענץ דעם 6.3.1966 168
דער מחבר מיט זיין זון צבי ביים „אוהל פרץ” אין וואַרשע 194
יידישע שרייבער פון פוילן, וועלכע זענען על־פי־נס ביצול געוואָרן פון סטאַלינס האַק 195
קינדער פון קולטור־פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן, אַלס ערנוואַך ביים „אוהל פרץ” אין וואַרשע 236
שרייבער ביים „אוהל פרץ” אין וואַרשע 259
אַ דעלעגאַציע פון רבנים פון אַמעריקע, שווייץ און ישראל צו דער אַנטהילונג פון דעם אָנדענק־טאַוול פון די „ישיבת חכמי לובלין” 262

דערשינענע ווערק פון שלמה שטראַוס־מאַרקאָ

דער ראַסיקער אַריער
פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע 1959

געווען אַמאָל אַ שטעטל
פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע 1965

CZYSTA KREW
Wyd. LODZKIE, Lodz 1966

דם טהור
פאַרלאַג „אור־עם", תל־אביב 1978

פוילישע יידן אין די וועלדער (באַנד 1)
תל־אביב 1979

פוילישע יידן אין די וועלדער
פאַראַשוטיסטן (באַנד 2)
תל־אביב 1981

פוילישע יידן אין די וועלדער
קאַמף און נקמה (באַנד 3)
תל־אביב 1983

נאַ קראַיאָ פראָפּאַשטי
ערשטער און צווייטער באַנד
תל־אביב 1984

די געשיכטע פון יידישן ישוב
אין נאָכמלחמהדיקן פוילן
תל־אביב 1987